STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04820

TEZISN TSUM DRITN PARTEY-TSUZAMENFOR

Meir Yaari

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. George Mirsky
in memory of
Mirsky-Hessleson-Shodnisky-Kurtz-Dallas*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארייניקטע ארבעטער־פארטיי – מפ״ם
צענטראל־קאמיטעט

טעזיסן צום דריטן פארטיי־צוזאמענפאר

צווייטער טייל:

ארבעטער־חלוצישע העגעמאניע אינעם פראצעס פון קיבוץ־גלויות אויפן וועג צום סאציאליזם

פון מאיר יערי

תל־אביב
דעצעמבער 1957

אַלגעמיינער אַריינפיר

דער דריטער צוזאמענפאָר פון מפ"ם וועט שטיין אונטערן צייכן פון א געוואגטער אונטערזוכונג פון די איינשטעלונגען וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן אין דער חיפה'ער פאַרטיי־פּלאַטפאָרם און געווען דורך אונדז אָנגענומען אין משך פון פיל יאָרן. די דאָזיקע אונטערזוכונג פון פּרינציפּן וועט ארומנעמען וויכטיקע שטחים פון אונדזער סאָציאַליסטישער אנשויונג. זי וועט ברענגען צום אויסדרוק די ענדערונגען וועלכע זענען ביי אונדז פאָרגעקומען פון שטאנדפּונקט פון אינטערנאציאָנאַלער אָריענטאַציע. אָבער אַן אונטערזוכונג פון די הנחות און אין רעזולטאט דערפון — די פאָרגעקומענע ענדערונגען, טאָרן נישט פּוגע זיין אין דער גרונט־איינשטעלונג פונעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און פארפליכטן נישט קיין אלגעמיינע רעוויזיע פון דער פּאַרטיי־פּלאַטפאָרם.

דער דריטער פּאַרטיי־צוזאמענפאָר וועט אונטערן בייטש פון קריטיק ארונטערנעמען איר אקטועלע פּאָליטיק און אונטערציען א סך־הכל פונעם צוויי־יאָריקן שותפות אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. די דיסקוסיע אַרום דער אונטערזוכונג פון די הנחות פונעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאליזם ווי אויך די רעזומע פון אונדזער אקטועלער פּאָליטיק אין דער מדינה און אין דער הסתדרות, ווערט ערב דעם צוזאמענפאָר געפירט אויף די זיצונגען פון צענטראל־קאָמיטעט און אין די אָרטיקע אָרגאַניזאציעס, און וועלן געפירט ווערן אויפן צוזאמענפאָר גופא, פריי און אָפנהערציק. מיר שרעקן זיך נישט פאר זעלבסטקריטיק און פאר אונטערזוכן איינשטעלונגען, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאלטן די קריטיק און דעם עקזאַמען פון דער צייט. אפילו א ווייטגייענדיקע, סאמע עקסטרעמסטע קריטיק, דאַרף ארויסגעברענגט ווערן מיט געדולד און גוטן ווילן. מיר זענען אַלע אויפגערודערט צוליב די דורכפאַלן און דערשיינונגען פון דעגענעראַציע אין דער וועלט פון רעוואָלוציע, וועלכע האָבן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט זינט דעם פּראַגער משפט און אויפגעדעקט געוואָרן אויפן צוואנציקסטן קאָנגרעס. מיר שלאָגן זיך אדורך אונדזער וועג אין לאנד, גייענדיק איבער אפגרונטן און ארומגערינגלט מיט אומאויפהערלעכע דראאונגען בנוגע אונדזער עקזיסטענץ און צוקונפט. אין אַזעלכע באַדינגונגען קאָן אַן אַטמאָספער פון קעגנזייטיק צוהערן זיך און גוטן ווילן קאָנסאָלידירן די רייען, דערנענטערן הערצער און

שטויסן פאָרויס צו אַ בשותפותדיקע רעזומע איבער די פּראָבלעמען, וועלכע שוועבן אין אונדזערע וועלטן.

די דאָזיקע פרייהייט פון דיסקוסיע, ביי א חברישער קאָנסאָלידאַציע און אויפריכטיקער שטרעבונג צו אַ געמיינזאַמען שלוס, זענען מעגלעך געוואָרן א דאַנק די אנטוויקלונגען וואָס זענען ביי אונדז פאָרגעקומען אין די פאַרגאַנגענע דריי יאָר זינט דער שפּאַלטונג און אַוועקגיין פון די חברים פון אחדות־העבודה. במשך דער צייט זענען אומגעוואַלגערט געוואָרן עטלעכע מחיצות, וועלכע זענען אויף אַ קינסטלעכן אופן אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן די פּאַרטיי־חברים אין דאָרף און די פּאַרטיי־חברים אין שטאָט, צווישן די פארשידענע עדות, צווישן די כוואַליעס פון עליה, צווישן די אפשטאַמיקע פון פארשידענע פּאַרטייען און ספּעציעל צווישן די באַזונדערע פראַקציעס.

נאָר איבער אַלץ איז וויכטיק דאָס בייקומען די פראקציאָנערישקייט און דאָס פארשווינדן פון פראקציעס ביי אונדז, מיט אלע ווענדונגען און אונטער־גראבונגען וואָס זיי האָבן מיט זיך געבויאכט. היינט זענען נישטא אין מפ״ם קיין פראקציעס. דאָס גובר זיין איבער זיי האָט אין דער פּאַרטיי אריינגעבראכט א געלייטערטע אטמאָספער פון קעגנזייטיקן צוטרוי. אלע זענען מיר היינט זיכער אין די גוטע כוונות פון אנדערע און מיר האָבן נישט קיין חשש פאר כוונות וואָס באהאלטן זיך אונטער רייד וועלכע מען לאָזט הערן עפנטלעך.

איידער כ'וועל איבערגיין צו דעטאַליזירטע ענינים פוןביידע טיילן טעזיסן, וויל איך פריער ארויסברענגען עטלעכע אלגעמיינע באמערקונגען:

ערשטע באמערקונג:

דאס ארט פון פּראָגנאָז און דער ענדציל אין דער פּראָגראַמאַטישער פּלאַטפאָרם — אַמאָל און היינט

ווי רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן טאָר אונדז נישט לאָקן די הנחה, אז די טאָג־טעגלעכע האנדלונג און אינטערעס זענען דער עיקר, וואָס כלפי זיי איז אין ענדציל פאַראַן בלויז פאַרלאַנג און סימבאָל, וועלכע טויכן אויף מטושטשדיקע פונעם צוקונפט־נעפּל. ווי רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן שלאָגן מיר זיך אליין אדורך א וועג, אָנעם פאַרלירן פון אויג דעם ציל. נאָר פונקט ווי מיר טאָרן זיך נישט איבערגעבן וויזיע־לאָזע מעשים, אַזוי איז אונדז נישט דערלויבט צו זינקען אין אוטאָפּיסטישע פאנטאזיעס פון „אחרית הימים", ביים פארנאכלעסיקן דעם אקטועלן געראנגל פון דער קאָנקרעטערווירקלעכקייט. נאָכמער — וואָס מערער מיר שפּאַנען פאָרויס און דערוויי־

טערן זיך פונעם בראשית פון ציוניזם און אפילו פון ארבעטער־ציוניזם, איז געוואקסן אין זיין חשיבות דער געראנגל פאַרן ריכטיקן וועג אין דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט. דער דאָזיקער קאָנקרעטער קאַמף שטעלט נישט איינמאָל אוועק אין שאָטן דעם פּראָגנאָסטישן מאָמענט פון דער אידעאישער פּלאַטפאָרם אונדזערער. ס׳איז נישט קיין צופאַל, צ. ב., וואָס אין אָנהייב פון ציוניזם איז געווען די הערצליאַנישע אוטאָפּיע „אַלטנייַלאַנד״. די דאָזיקע אוטאָפּיע האָט אָנגענומען אַ מער קאָנקרעטן כאַראַקטער אינעם באָראָכאָוויסטישן פּראָגנאָז. דער באָראָכאָוויסטישער פּראָגנאָז האָט נאַטירלעכערוויזע זיך פאַרנומען מיט אָנצייכענען ליניעס פון דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע, ד. ה. אַ ציל, וועמענס פאַרווירקלעכונג איז נאָך געווען אין עמבריאָן. אנטקעגן דעם האָט זיך דעמלט געפירט, כמעט אינגאַנצן אין גלות, דער קאָנקרעטער געראַנגל, וועלכער איז נישט אומזיסט געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „געגנוואַרטס־אַרבעט״.

אין באָראָכאָווס צייטן איז עס געווען נאַטירלעך, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון רעאַליזירן די ציוניסטישע וויזיע, האָט דער פּראָגנאָז געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן ווערט. אָבער נישט אַזוי אין אונדזערע טעג. בעת באָראָכאָוו און זיינע חברים האָבן אין יענער צייט געוויגן און געמאָסטן וויאַזוי וועט פאַרווירקלעכט ווערן די סטיכישע עליה אין דער צוקונפט, געפינען מיר זיך היינט אינגאַנצן צווישן די כוואַליעס פון דער סטיכישער עליה, וואָס איינער נאָך דער אַנדערער רייסן זיי זיך אַריין פון פאַרשידענע טיילן וועלט. פיל ענינים, וואָס אין באָראָכאָווס צייטן האָבן זיי אָנגענומען פאָרמען פון טענדענצן, שטעלן מיט זיך היינט פאָר אַ פּלאַטערנדיקע ווירקלעכקייט פון צוויי מיליאָן יידן און צווישן זיי — זעקס הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער וואָס האָבן זיך שוין איינגעזאַמלט און קאָנצענטרירט אין זייער פאָטערלאַנד. אַלזאָ, מיר טאָרן נישט אפילו אויף אַ רגע פאַרלירן דעם ציל צו וועלכער מיר שטרעבן. אָבער טראָץ דעם וואָס אונטער אונדז זענען פאַראַן ריזיקע דערגרייכונגען און טראָץ דעם וואָס מיר זענען באַוואָפנט מיט אַ רייכער דערפאַרונג, האַלטן מיר זיך איצט אָפּ פון זאָגן נביאות וויאַזוי און ווען מיר וועלן קומען צום אויסגעבענקטן ציל.

דער ערשטער טייל פון די טעזיסן איז בעיקר געווידמעט די פּראָבלעמען: א) וואוהין גייט אונדזער וועלט; ב) אַ וואָסערער איז דער וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם און וועלכע זענען זיינע אויסזיכטן אינעם געראַנגל צווישן די רעזשימען וואָס פירט זיך אין דער וועלט; ג) דאָס אָרט פון אונדזער פאָלק און לאַנד אין דעם דאָזיקן געראַנגל.

אינעם צווייטן טייל פון די טעזיסן גיי איך איבער צו פאַרנעמען זיך מיט די קאָנקרעטע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונדז אינעם געראַנגל צו

פאַרזיכערן ארבעטער־העגעמאָניע אינעם פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע פון אונדזער פאָלק אין זיין היימלאַנד. איך מוז פריער זאָגן, אַז אינעם קאַפּיטל געווידמעט דעם קאַמף פאַר ארבעטער־העגעמאָניע און דעם וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, וועל איך נישט דאַרפן א סך צוגעבן צום געזאָגטן אין פונקט 23 פונעם סיכום אין ערשטן טייל, געווידמעט דער דאָזיקער טעמע, און כ׳האָב מיר דערביי מיינע מאָטיוון: מיר זאַמלען איין מאַסן פון אונדזער פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד, וואָס איז ארומגערינגלט מיט פיל געפאַרן און ביי א פאַרצווייפלטן געראַנגל צו זיכערן אונדזער קיום און צוקונפט. אָנעם פאַרלירן פון אויג אונדזער ציל, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס פאַרווירקלעכן די פאַר אונדז אָנגעצייכנטע ענדצילן, זענען אין אַזא אנטשיידנדיקער מאָס אָפּהענגיק אין אינטערנאַציאָנאַלע פּאַסירונגען, אין געראַנגל צווישן רעזשימען, אין דעם וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אונדז אויפן נאָענטן מזרח, — און אין א פיל קלענערער מאָס — אין אונדזער ווילן און מעגלעכקייט. מ׳דאַרף נישט, צ.ב. מזלזל זיין אינעם ווערט פון אונדזער קריטיק בנוגע ראַטנפאַרבאַנדס פּאָליטישער ליניע אויפן מיטעלן מזרח. ס׳האָט זיכער אן אָרט אונדזער ארויסגעבערענגטע קריטיק אויף דער פּאָליטישער ליניע פון אונדזער מדינה איבערהאלב דעם ראַיאָן. פונדעסטוועגן איז אונדז קלאָר, אַז דאָס ענדערן די סאָוויעטישע פּאָליטישע ליניע אויפן נאָענטן מזרח איז נישט אָפּהענגיק דער עיקר פון דער אָדער אן אנדערער ליניע וועלכע ס׳וועט אָנווענדן אונדזער רעגירונג. אפילו אינעם ראַיאָן פון מיטעלן מזרח, ווו אונדזער מדינה האָט איר ספּעציפישן וואָג, איז די ברירה צווישן מלחמה און שלום נישט אָפּהענגיק בלויז אין אונדז, נאָר איז אין א געוויסער אנטשיידנדיקער מאָס אָפּהענגיק פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן.

אויב דער גורל פון שלום אויפן מיטעלן מזרח איז אין אן אנטשיידנדיקער מאָס אָפּהענגיק פונעם געראַנגל צווישן די דעצידירנדיקע גרויסמאַכטן אין דער וועלט, אַזוי קאָן נאָך מער דער געראַנגל צווישן די רעזשימען באַשטימען די אויסזיכטן פון שלום און סאָציאַליזם אויף דער וועלט. דעריבער —יעטוועדער רעוואָלוציאָנערער גלי צו זיכערן אַרבעטער־העגעמאָניע און באַנען א וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד, יעטוועדער טריישאַפט דער ווידיע און דעם ציל — אָבער די פולע פאָרזיכטיקייט ביים פאָרמירן דעם פּראָגנאָז.

צווייטע באַמערקונג:

וועגן די איצט מאָדערנע ערזאַצן פאַרן ציוניזם און סאָציאַליזם

אפטמאָל איז אָנגענומען צו טראַכטן, אַז דאָס פאַרנעמען זיך צופיל

מיט די ענדצילן, איז אַ דערקען־צייכן פאַר ראַדיקאַליזם. אין אונדזער לאַנד איז אָבער געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַז גראָד ערב די וואַלן האָבן דווקא באוווּסטע רעפאָרמיסטן פונאַדנערגעבלאָזן לאָזונגען וועגן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג און די וויזיע פון רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון יעדן הויז, באַזאַמען מיטן וואַל־צעטל א׳. אָבער צומאָרגנס נאָך די וואַלן האָבן זיי זיך צוגעאײַלט צו פאַרווישן נאָך זיך די שפּורן און די דאָזיקע לאָזונגען זענען אויסגעקערט געוואָרן באַזאַמען מיט דעם פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

וואָס אָן אמת, האָט דער דאָזיקער שפּיל זיך אַנטפּלעקט נאָך די וואַלן ווי אַ זייער געפערלעכער. הויכגעשעצטע שפּענדער און טרייע בירגער פון די פאַרייניקטע שטאַטן וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר יעטווידן פאַרדאַכט פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט און פאַרן שטויב פון געוואַגטע לאָזונגען, האָבן אויף ציוניסטישע און ניִשט־ציוניסטישע קאָנפערענצן אָנגעהויבן שטרענג פאָדערן צו פאַריכטן די עוולה. גלייך האָבן קאָמענטאַטאָרן אָנגעגורט זייערע לענדן און געלאָזט אין גאַנג אַלע פּראָפּאַגאַנדע־שופרות, כדי באַרויִקן די שפּענדער מעבר לים. די אויסטײַטשער האָבן דערקלאַרירט און די פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַרשפּרייט, אַז די לענדער פון די הויכגעשעצטע שפּענדער האָבן אויפגעהערט צו זיין א „גלות" און זיך פאַרוואַנדלט אין א „תפוצה". די העפלעכע ישראל־פריינט איז פאַרזיכערט געוואָרן זייער אמעריקאַנער בירגערשאַפט כמעט ביז משיח׳ס קומען. די דאָזיקע לענדער זענען פּראַקטיש און טעאָרעטיש ארויסגענומען געוואָרן פונעם אלגעמיינעם חשבון פאַר קיבוץ הגלויות. מ׳האָט די שפּענדער אין אַמעריקע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זייער אמעריקאַנער תפוצה איז געגליכן צו די תפוצות וועלכע האָבן עקזיסטירט פאַר דער גאַנצער צייט פון מלכות ישראל, אפילו פאַרן חורבן בית ראשון. אזוי איז פון זייערע סענטימענטן צום זיך בויענדיקן ישראל אַוועקגענומען געוואָרן יעטוועדע צוגעבונדנקייט — זאָל עס אַפילו זיין צום „צווייטן פאָטערלאַנד". צום סוף איז דורכן מנהיג פון מפא״י געמאַכט געוואָרן א פּרווו, אויסערלעך — א שטוינענדיקער, אָבער ניִשט אָן אַ צוועק, — צו פּסלען די ציוניסטישע באַוועגונג און דעם באַגריף ציוניזם. אויסערלעך — איז דאָס אַ גרונטלאָז פּסלען, אָבער לויט דער אויפקלערונג פון די וואָס ווייסן, באַהאַלט זיך אונטערן דאָזיקן פּסלען דער ווילן צו פאַרווישן דעם אונטערשיד צווישן ציוניסטן און ניִשט־ציוניסטן אין אמעריקע און איינשטעלן צווישן זיי גלייכהייט פון שטאַנדפּונקט פון פּערזענלעכער, אומפאַרפליכטנדיקער צוגעבונדנקייט צו מדינת ישראל.

באַגלייך מיטן דעגראַדירן דעם באַגריף „ציוניזם", איז געקומען די אַנטוועַרטונג פונעם באַגריף „סאָציאַליזם". פונעם פאַרווירקלעכן דעם

סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג, זענען מיר דערגאַנגען צום משיחישן קולט. דער משיחיזם, וועמענס שריט מיר האָבן פּלוצום דערהערט צווישן אונדז, מיינט נישט, ווי „באחרית הימים" פון די נביאים, „צו פאַרוואַנדלען די שווערדן אין אַקעראייזנס". אירע בשורה־טרעגער זענען געשוווירענע אַקטיוויסטן, איניציאַטאָרן פון דער סיני־אַקציע און די לאָזונג פון פעלקער פאַרברידערונג האַלטן זיי על פּי־רוב: פאַר אַן ענין פון נאַיווע און בטלנים. די מאָראַל פון די דאָזיקע נביאים איז דערלאַנגט געוואָרן אַלס ערזאַץ פאַרן סאָציאַליזם.

מיט איין וואָרט — די וואָס פּסלען סיי דעם באַגריף ציוניזם און דעם באַגריף סאָציאַליזם, האָבן געזוכט און געפונען ערזאַץ־באַגריפן, כדי דער־מעגלעכן אַ מער־באַקוועמע קאָ־עקזיסטענץ מיט אַסימילירטע שפּענדער אין די פאַר. שטאַטן.

אפילו אין דער מקורותדיקער פּלאַטפאָרם פון מפא"י ווערט דער סאָציאַליזם אידענטיפיצירט מיטן אָפּשאַפן די קלאַסן און אויפשטעלן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, אַן עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלאָאַטירטע. אָבער די היינטצייטיקע אָנזאָגער פון משיחיזם מיינען בפירוש אויספאָרמירן אַ קאָ־עקזיסטענץ צווישן דעם קלאַס עקספּלאָאַטירער און דעם קלאַס עקספּלאָ־אַטירטע — אין דער געזעצגעבונג, ווירטשאַפט, מאָראַל און אידעאָלאָגיע. די אוראַלטע נביאישע לאָזונגען ווי „צדק און משפט", „חסד און רחמים", גילטיקע אויך היינט אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, פאַרוואַנדלען דעם ערזאַץ אין אַ סאָציאַליזם פון אָפּשאַפן די קלאַסן און פון אָפּשאַפן אין לאַנד דעם עקספּלאָאַטאַציע־רעזשים. אין גרונט גענומען, פּרובירן די לייט פון דער נביא־שער מאָראַל וואָס אין דער מאָדע, צו פאַרווישן דעם אידעאָלאָגישן אונטערשייד צווישן בורזשואזן ליבעראַליזם און דעם רעפאָרמיזם אין דער ישראלדיקער אויפלאַגע. פונדאַנען ווערט געעפנט אַ ברייטע טיר פאַר הערעזיע־שטרעמונגען וואָס פאַרפלייצט די אינטעליגענץ, די גייסטיקע עליטע און די לערן־יוגנט אין לאַנד. צו דעם קומט נאָך צו די טיפע אַנטוישונג אין אָנבליק פון די דורכפאַלן און גע־שעענישן וועמענס עדות מיר זענען אין די לענדער פון סאָציאַליזם.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די קלובן פון גרויס תל־אביב ווערן פאַרפולט מיט אַנטלויפער פונעם סאָציאַליסטישן פראָנט, וואָס גאַרן נאָך דעם דאָזיקן משיחיזם, וועלכער איז אין מאָדע אין אונדזער לאַנד. אויב ביי די דאָזיקע גייסט־מענטשן איז איצט אָנגענומען צו פאַרדרייען מיט דער נאַז אויפן מאַרקסיזם און זיך אָנשפּאַרן אויף די ווערטן פון דער מערבדיקער דעמאָקראַטיע, איז אָבער דער מאַרקסיזם אין די הויכע פענסטער — לגמרי פּסול. אין לענדער ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך ווערן מאַרקסיסטישע וויסנ־

שאַפטלער נישט נאָר טאָלערירט, נאָר אויף וויפל זיי זענען וויסנשאַפטלער, פאַרנעמען זיי אפילו דעם אויבנאַן צווישן די געלערנטע אין די אוניווער־סיטעטן און אַקאַדעמיעס. אָבער אין אונדזער לאַנד, צווישן דעם „עם הסגולה״, הערשט אין די הויכע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אַ בונד פון הערצער וואָס שטרעבן צו אַ מין טעאָקראַט־יע און צווישן די וואָס פּאַסן זיך צו צו דער דערמאָנטער משיחישער מאָדע. יעטוועדער צובונד צו מארקסיזם אָדער צו א מארקסיסטישן קאָמענטאר אין דער געשיכטע און וויסנשאפט, טאָרן זיך נישט צונויפטרעפן און פארן מארקסיסטישן געלערנטן זענען די טויערן געשלאָסן. דער קטורת־וואלקן וואָס האָט איינגעוויקלט די ערזאַצן פאַרן ציוניזם און וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם איז אַזוי געדיכט, ביז ס׳וועט פאריבער די צייט, ס׳וועט זיך פאָדערן פיל אָנשטרענגונג, כדי אויפדעקן די אָרעמקייט פון דערגרייכטן וואָס באהאלט זיך אונטער דער דאָזיקער טומלדיקער מאָדע.

אונדזער באַוועגונג האָט פאַרטיפט איר אידעאישע זעלב־שטענדיקייט און די פולע אומאפהענגיקייט און מיר דארפן איינהאלטן די דאָזיקע זעלבשטענדיקייט נישט נאָר לגבי די פארשוועבער פון די פרינציפן פון פראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער פון סאָציאליזם, נאָר אויך לגבי די פארשוועכער פון די סאָציאליסטישע פרינציפן אין אונדזער לאנד. **דאָס אפטרייסלען זיך פון די דורכפאלן פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור און די דעגענעראציע־אַנטפּלעקונגען אין די לענדער פון סאָציאַליזם, ווערן אין אונדזער לאַנד אויסגענוצט דורך שוואכע עלעמענטן וועלכע זוכן פאר זיך אַן אַליבי צו אנטלויפן פון סאָציאַליזם.**

דערשיינונגען פון אַזאַ אַנטלאַסטן זיך, דרינגען אַריין, צום באַדויערן, אויך אין אונדזערע רייען. געקומען די שעה, אז אונדזער פאַרטיי זאָל זיך באַנייען און קאָנסאָלידירן. ס׳איז דער חוב פונעם נאָענטן צוזאַמענפאָר אַראָפּרייסן די משיחישע מאַסקע פון דער גייסטיקער דעקאַדענץ וואָס האָבן אין דער לעצטער צייט זיך פארשפרייט און ווי א מגפה אריינגעדרינגען אין דער אויפגעקלערטער געזעלשאפטלעכקייט פון אונדזער לאנד. פונקט ווי אין טעג פון דערשלאָגנקייט, וועלכע זענען געקומען נאָכן דורכפאל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד אין יאָר 1905, האָבן זיך פארוואנדלט אין טעג פון אויפשטייג פאר דעקאַדענטן, ניהיליסטן און פארשידענע גאָט־זוכער, אַזוי ד״נען די איצטיקע טעג אַלס הויך־סעזאָן פאַר אַ באַשטימטער קאטעגאָריע צערודערטע גייסט־מענטשן פון אונדזער צייט. כהאָב געלייענט אין „דבר״ די ווערטער פון איינעם פון די מפא״ישע גייסט־מענטשן, וועלכער האָט געיובלט אנטקעגן דעם ליטעראַרישן פרווו „צו צעברעכן די לוחות״

פון מארקסיזם־לעניניזם אויף די שפאַלטן פון „על המשמר״. פאַר זיינעטוועגן איז נאָר די סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע „ראוייה צו פולער טריישאַפט, ווייל אין פעלן פון דער דאָזיקער אוטאָפּיע איז סאָציאַליזם — סטאַלין, אָדער אמערסטן — בעווין״. די דאָזיקע סאַלאָן־סאָציאַליסטן זענען גרייט זיך צו פאַרוויילן מיט לופט־טורעמס פון דער אוטאָפּיע און „אחרית הימים״, נאָר זיי טרייסלען זיך אפּ פון יעטוועדן זין פאַרווירקלעכנדיקן סאָציאַליזם. יעדער סאָציאַליזם אין זיין רעאַליזירנוג, וואָס איז נאַטירלעכערווייזע „בשר ודם״ און באַגלייט מיט נסיונות און שטרויכלונגען, ווערט געסטעמפּלט אַלס סטאַליניזם אָדער בעוויניזם. אויב מיר וועלן נישט שאַרף אַרויסטרעטן און אויפשטעלן אַ דאַמבע אין אונדזער לאַנד אַנטקעגן דעם דאָזיקן פאַרמאַס־קירטן אַנטלויפן, קאָן זיך דאָס איינפרעסן אינעם לעבעדיקן געוועב פונעם רעוואָלוציאָנערן חלוציזם, אפילו אין די מפ״ם־אָרגאַניזאַציעס און צווישן די קאָלעקטיווע קעמערלעך פון קיבוץ ארצי השומר הצעיר.

דריטע באַמערקונג:

נישט פּסלען, נאָר פּרווו און קריטיק צום עצם ענין

פאַרן צוזאַמענפאָר פון מפא״י האָט דויד בן־גוריון פאָרעפּנטלעכט עטלעכע זעכציק קורצע פּונקטן פון טעזיסן. ער האָט זיך נישט געגעבן די מי צו אַנאַליזירן און באַזירן די הנחות, נאָר ווי זיין שטייגער, האָט ער כביכול, פון אויבערשטן, געלאָזט הערן פּאַרטיקע טעאָריעס, וואָס רעזומירן די פאַרגאַנגענהייט, מאָלן אין שיינען פאַ־בן די קעגנוואַרט און זאָגן נביאות בנוגע דער צוקונפט פון זיין פאַרטיי. אין די אויבנדערמאָנטע טעזיסן האָט ער אָפּגעגעבן א בכבודיק אָרט צו פאַראורטיילן דעם אידעאישן קאָלעקטיוויזם און „טאָטאַליטאַרע״ הערשאַפט אין מפ״ם און אין קיבוץ ארצי פון השומר הצעיר. אויפן מפא״י־צוזאַמענפאָר גופא האָט ער צוגעגעבן נאָך און נאָך. ער האָט געפּסקנט, אז אינערהאַלב דער התאחדות איז נישטא קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר אנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, אויסער מפא״י. ער האָט אַרויסגעבראַנגט זיין מיינונג, אז די קאָאַליציע מיט אונדז און אחדות־העבודה איז נישט מער ווי א קנוניה פון „שמור לי ואשמור לך״, בעת די פריערדיקע קאָאַליציע מיט די ציונים כלליים איז געווען פיל טעטיקער און אפילו א מער פאַרגעשריטענע. די דאָזיקע אַלע טעאָריעס האָבן אים באַדאַרפט דינען אַלס אַריינפיר, כדי אונדז און אחדות־העבודה איינלאַדן צו פּאָליטישער איינהייט. דאָס דאָזיקע טאָטאַלע פּסלען אונדזער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און אונדזער צוקונפט אַלס זעלבשטענדיקע פּאַרטיי איז געהערט געוואָרן אויף איינער פון די מפא״י־צוזאַמענפאָרן, דעם סאַמע דלותדיקן פון אידעאישן

שטאנדפונקט. די גאנצע באדייטונג פון דעם דאָזיקן צוזאמענפאַר איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם, וואָס זי האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט די הילפסלאָזע מרידה פון חברים פון דער ריי און פאַרשידענע גרופּן, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן דעם אויטאָקראַטישן שטאַב און ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט.

מיר האָבן נישט קיין אינטערעס ארייצולאָזן זיך אין לאנגע דיסקוסיעס מיט מפא״י, מיר וועלן אויף אונדזער צוזאמענפאַר נישט ארויסברענגען קיין ארגומענטן צו פסלען איר רעכט אויף עקזיסטענץ. מיר וועלן נישט פּרובירן פארוואנדלען מפא״י אין א בינטל צעבראָכענע שאַרבנס, כדי דערנאָך איר פאַרלייגן פאַרייניקונג.

די זעלבע העמונגען וועלכע מיר לייגן אויף זיך אַרויף, דערפאַר ווייל מיר זענען נישט פאַר קיין פאַרייניקונג מיט מפא״י, אַזוי נעמען מיר זיי אָבער אויף זיך, ווייל מיר ווילן די שותפות מיט איר.

דער משיחישער דעקונג פונעם ריקצוג פון די סאָציאַליסטישע ווערטן מצד דער מפא״י־אָנפירונג, האָב איך געווידמעט עטלעכע באמערקונגען אין דאָזיקן אריינפיר. די איבנדערמאָנטע באמערקונגען, מערער ווי זיי האָבן געמיינט פּאלעמיק מיט מפא״י, האָבן געהאט אן אויפגאבע צו אימפן אונדזער מחנה קעגן דעם אילוזארישן צויבער אין וועלכן דער פּאָליטישער משיחיזם פּרובירט פאַרפולן דעם ליידיקן חלל פון די צעטומלטע און זיך אַנטוישנדיקע.

אינעם צווייטן טייל פון די טעזיסן וועט מיר נישט שווער זיין צו באווייזן אויף וויפל די ווירקלעכקייט פארפליכטעט א בונד פון די ארבעטער־פּארטייען בראש פון א פּראָגרעסיווער קאָאליציע. באגלייך מיט דעם וועל איך זיין געצווינגען צו אנטפּלעקן די טרייב־כוחות וועלכע דערפירן מפא״י און איר אנפירונג אויסצולייזיקן דעם תוכן פון די „גרונט־ליניעס״, איבער וועלכע עס זענען געווען איינפארשטאנען די דריי ארבעטער־פּארטייען ביים אויפ־שטעלן די קאָאליציע. שוין העכער א יאָר ווי מיר אלאמירן איבער די דאָזיקע שעדלעכע טענדענצן, וועלכע האָבן גורם געווען צו אַלץ שטייגנדי־קער שפּאַנונג צווישן אונדז און דער מערהייט־פּאַרטיי. אין געשפּרעכן און אין מעמאָריאַלן האָבן מיר געפאָדערט פאַריכטן די עוולה און נישט געפונען קיין אויפמערקזאם אויער. מיר וועלן נישט קארגן קיין באמיונגען, כדי דער קאָאַליציע אומקערן דעם כאראקטער פון אן אמתדיקער שותפות און דער דריטער צוזאמענפאַר וועט דארפן רעזומירן די דאָזיקע באמיאונגען צום גינסטן אָדער צום שלעכטן.*

---

*דאָס איז דער אלגעמיינער אריינפיר צו ביידע טיילן פון די טעזיסן.

צווייטער טייל:

ארבעטער־חלוצישער העגעמאָניע אינעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות אויפן וועג צום סאָציאַליזם

א ר י י נ פ י ר

א פּאָליטיק פון א ציוניסטיש־חלוצישער און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי טאָר נישט געפירט ווערן „פון האַנט צום מויל". הגם ס'איז אין אונדזער לאַנד אנטשאנען א פעסטע באַזע פאר צונויפזאַמלען די גלותן פון אונדזער פאָלק, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן, אז בלויז 15% פונעם צעשפּרייטן פאָלק האָבן ביז איצט באַוויזן זיך איינצוזאַמלען אין אונדזער מדינה. אויך טאָרן מיר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אז ביז איצט האָבן מיר באַוויזן צו באַזעצן נישט מער ווי 20% פונעם אלגעמיינעם שטח פון מדינת ישראל און 50% פון יענע 6,5—7 מיליאָן דונאַם, טויגלעכע צום באַאַרבעטן, מיט אָדער אָן יסודותדיקער באַגינסטיקונג און צוגרייטונג. בלויז איבער 3 מיליאָן דונאם ווערן איצט באַאַרבעט און זיי שטעלן צו פון 65%—70% פון שפּייז־באַדארף פאר קרוב 2 מיליאָן איינוווינער וועלכע האָבן ביז איצט באַוויזן זיך איינצוזאַמלען אין זייער פאָטערלאַנד. כדי פאַרברייטערן די אויפנעם־פעיקייט פון לאַנד, זענען מיר פאַרפליכטעט אויסצונוצן און אַנטוויקלען אַלע פּראָדוציר־צווייגן אין שטאָט און אין דאָרף. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז פון שטאַנדפּונקט פון צוזאַמענשטעל פון די פּרנסה־קוואַלן, געהערט איצט אונדזער לאַנד צו די מדינות מיטן סאַמע נידריקסטן פּראָצענט־זאַץ פון פּראָדוקטיווע פּרנסות. בעת אין לענדער מיט אַן אַנטוויקלטער און געאָרדנטער עקאָנאָמיק, איז די הויך פון פּראָדוקטיווע פּרנסות צווישן 50־60 פּראָצענט, דערגרייכן מיר קוים צו 40 פּראָצענט.

ווי ציוניסטן־חלוצים שטרעבן מיר צו קאָנצענטרירן דעם רוב פונעם פאָלק ישראל אין אַ גאַנץ ארץ־ישראל. אין דער גרינדונגס־פּלאַטפאָרם פון מפ"ם און אין דער חיפה'ער פּלאַטפאָרם האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס אומקערן די גאַנצקייט פון ארץ־ישראל דאַרף פאַרקומען אויף די וועגן פון שלום און פעלקער־הסכם. דאָס אומקערן די גאַנצקייט פון לאַנד זעט זיך נישט אויפן האָריזאָנט. מיר זענען איבערצייגט, אז אויך אין איצטיקן תחום פון מדינת ישראל, לאָזט זיך פאַרדאָפּלען און אפשר פאַרדרייפאַכן די פאַראַנענע באַפעלקערונג. מ'דאַרף

אָבער נעמען אין חשבון עטלעכע באַדינגונגען וואָס מאַכן אָפּהענגיק די רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע און אוודאי איר צואיילונג. פינף זענען די דאָזיקע באַדינגונגען, פון וועלכע ס'איז אָפּהענגיק דער טעמפּאָ פון קיבוץ הגלויות און פאַרשריט פון לאַנד צו עקאָנאָמישער און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט:

א. פאַרזיכערן א חלוצישן רעזשים און מאַקסימאַלע פּראָדוקטיוויזאַציע פון ישוב אין שטאַט און אין דאָרף;
ב. קלאַסן־קאַמף, אריינגעפלאָכטן אינעם בוי פון לאַנד;
ג. א פּאָליטיק פון שלום און פעלקער־פאַרברידערונג;
ד. א פּאָליטיק פון אומאָפּהענגיקייט און נייטראַליטעט;
ה. פאַרזיכערן ארבעטער־העגעמאָניע אויפן וועג פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

פרק א׳:

וועגן חלוצישן רעזשים

1. די אויפגאַבע פון חלוצישן רעזשים

דער חלוצישער רעזשים איז באַשטימט צו פאַרזיכערן: א. די סאַמע גרעסטע מאָס איינגלידערונגס־פעיקייט פון די עולים; ב. מאַקסימאַלע פּראָדוקטיוויזאַציע פון ישוב; ג. מאַקסימאַלע קליטה־פעיקייט פון לאַנד.

די היסטאָרישע נויטווענדיקייטן וועלכע טרייבן אונדז, פאָדערן צוגרייטן דאָס פאָלק און דאָס לאַנד אויפצונעמען אויף א פּראָדוקטיוון אופן א מאקסימום יידן אויף א מינימום שטח. די אויפגאַבע פון חלוצישן רעזשים איז פולקאָם צו מאָביליזירן און אנטוויקלען אַלע פיזישע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע קרעפטן וואָס זענען פאַרבאָרגן אין אונדזער פאָלק, כדי קאָנען פאַרווירקלעכן די אויפגאַבע.

דאָס אויפשטעלן א חלוצישן רעזשים איז איינער פון די גרונט־הנחות, איינגעשטימטע דורך די דריי ארבעטער־פּאַרטייען און זענען אוועקגעלייגט געוואָרן אלס יסוד פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע, צו וועלכע מיר זענען שותפים צוויי יאָר. אינעם באַגריף „חלוצישער רעזשים,‟ נעמען מיר אריין:

א) מאַקסימאַלסטע פּראָדוקטיוויזאַציע פון ישוב; ב) אריינשטראָמען מאקסימום נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל פאַר די באַדערפענישן פון קליטה, פּראָדוקציע און אנטוויקלונג; ג) דערמוטיקן די זעלבשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט און די קאָאָפּעראַציע אין דער לאַנד־

ווירטשאפט און אינדוסטריע; ד) דערציִונג צו ארבעט, ברייטע פאך־צוגרייטונג פאר צענדליקער טויזנטער עולים; ה) א רעזשים פון פולער באשעפטיקונג אַלס אַ באַשטימנדיקן פאַקטאָר אין דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון ישוב, שטרענג אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון נישט דיסקרימינירן עדות ביים עליה־אויפנעם און איר פאַרוואָרצלונג אין אַלע צווייגן פון אַרבעט און פרנסה; ו) אָפּהיטן דאָס איינהאלטן א געזונטע פּראָפּאָרץ צווישן דער לאנדווירטשאפט און אנדערע פרנסה־צווייגן; ז) אויפלעבן די וויסטענישן אין גאנצן לאנד און באזונדערס אין נגב, באזעצן מאקסימום יידן אויף א מינימום שטח און מאקסימאל אויסנוצן די 20 מיליאָן דונאם וועלכע בילדן דעם שטח פון מדינת ישראל.

2. די אויפגאבע פון דער ציוניסטישער באוועגונג אינעם פארזיכערן דעם המשך פונעם פראצעס פון קיבוץ־הגלויות

אין דער תקופה פון יענער רעגירונגס־קאָאַליציע, די פארגייערין פון דער רעגירונג אין וועלכער מיר זענען שותפים, האָט מען פון צייט צו צייט געהערט שטימען וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אז מיר דערנענטערן זיך צום סוף פון קליטה־מעגלעכקייטן. מיר פארגעסן נישט, אז אין די אידיללע־טעג פון יענער קאָאַליציע, זענען פונעם געוועזענעם מיניסטער פאר האנדל און אינדוסטריע און דעם ראש פון די אלגעמיינע ציוניסטן, ד״ר פּ. בערנשטיין, געהערט געוואָרן רעדעס קעגן עליה. מיר געדענקען אויך די נביאותן וועגן סוף פון קליטה־מעגלעכקייטן וואָס זענען אפילו געהערט געוואָרן דורך פירער פון מפא״י. דער ארייַנפיר אינעם „יאָרבוך פון דער רעגירונג״ פון דער פריערדיקער קאָאַליציע, איז אָנגעשריבן געוואָרן דורכן פרעמיער, ווי א נביאישער עסיי. אין דעם דאָזיקן עסיי האָט ער פאָראויסגעזען אַ מין גייסטיקן צענטער, וואָס וועט אמהעכסטן קאָנצענטרירן אַ 25% פון אונדזער פאָלק. דער דאָזיקער גייסטיקער צענטער דארף אויסשטראלן זיין ליכט אויף די תפוצות, אין וועלכע ס׳וועט אייביק זיצן דער רוב פון פאָלק. אינעם ארייַנפיר צו די טעזיסן האָב איך שוין דערציילט וויאזוי די תפוצות האָבן אויפגעהערט זיין גלותן וואָס שטרעבן זיך איינצוזאמלען אין פאָטערלאנד און וויאזוי זיי האָבן זיך באפרייט פונעם קאָמפּלעקס פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט, כדי זיי זאלן קאָנען זיצן אין זייערע לענדער אָן אַ ריס אין הארץ.

ביי דער זייט פון דער דאָזיקער אויפקלערונג פאַר די אַסימילירטע „ישראל־פריינט״, איז געקומען א שטאַרקע און אלץ שטייגנדע אטאקע אויף

דער ציוניסטישער באוועגונג. איר רעכט פון עקזיסטענץ איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגעצייכן. די ציונים אין גלות זענען געסטעמפּלט געוואָרן אלס „ציוניסטן״. ס׳האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אז דער פירער פון מפא״י האָט ביי זיך פעסט באַשטימט אַוועקצונעמען ביי דער ציוניסטישער באַוועגונג די ראָל פון אַ פאַרמיטלערין צווישן יידישן פאָלק און מדינת ישראל. וואָלט אַ פשוטער בשר ודם געוואַגט עפנטלעך אַרויסצוברענגען אַזעלכע מיינונגען וואָלט מען דערין געזען עפּעס אַן אויסטערלישע אנטפּלעקונג. מ׳קאָן אָבער אָנעמען, אַז די דאָזיקע מאָדנע דערשיינונג האָט איר פאַרבאָרגענע לאָגיק. אויב צווישן די עיקרדיקע שותפים פון יענער רעגירונג האָט געהאט א פלאַץ דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג, אַז מיר זענען דערגאַנגען צום ראַנד פון קליטה־מעגלעכקייטן, איז אויך מעגלעך געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט כמעט פאַרענדיקט איר שליחות.

און וואָס איז היינט די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע און באוועגונג? פאר דער אנטשטייאונג פון דער מדינה איז זי געווען א „מדינה אונטערוועגנס״. פאר א ציוניסט אָבער, וועלכער איז אדורכגעדרינגען מיטן היסטאָרישן באוווסטזיין צונויפצוזאמלען די גלותן פון אונדזער פאָלק אן אונטערשיד פון לאנד און רעזשים, — האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע נאָך נישט פארענדיקט איר אויפגאבע, נאָכדעם ווי אין לאנד האָבן זיך איינגעזאַמלט בלויז 15% פון אונדזער צעשפּרייטן פאָלק.

פונקט ווי די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געדינט ווי א „מדינה אונטערוועגנס״ פארן אנטשטיין פון דער מדינה, אזוי דינט זי איצט ווי א „קיבוץ גלויות״ אונטערוועגנס — און איר אויפגאבע איז צו באגלייטן דעם פּראָצעס פון קאָנצענטרירן די גלותן, ביז די מערהייט פון פאָלק וועט זיך איינזאמלען אין זיין פאָטערלאנד.

איך בין נישט זיכער, צי ס׳האָט שוין גענומען א סוף צום ציוניסטישן מינימאַליזם, ווי ס׳האָט זיך געהאַט אָנגענומען ביי דער פריערדיקער קאָאַליציע. כל־זמן עס ווערט אָנגעהאַלטן דאָס טשעפּן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט ציוניסטן און דאָס אַוועקשטעלן אונטער אַ פראַגעצייכן דעם עצם קיום פון דער אָרגאַניזאַציע וואָס דינט ווי אַ קיבוץ גלויות אונטערוועגנס, — זענען מיר אין איינעם פון די טעג נישט פאַר־זיכערט פון איבעראַשונגען.

3. וועגן די דעפּרעסיע־טעג פון דער קאאליציע צווישן מפא״י און ציונים־כלליים

די דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז די איינשרומפּער פונעם קליטה־

כוח אין לאַנד הייבן אויף די קעפּ, באַזונדערס אין בית־השמשות שעה׳ן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט פון דער קאַטאַסטראָפאַלער דערשיטערונג וואָס האָט אונדז געטראָפן און ס׳זענען שוין פאַראַן אַזעלכע וואָס שטעלן זיך פאָר, אַז אַזאַ מין דערשי־טערונג זעט זיך נישט אויפן האָריזאָנט. מיר זענען אַ צען יאָר ווייט זינט דעם דערשיטערנדיקן חורבן פון דער נאַציישער פאַרניכטונג. די שארית הפליטה איז אויפגענומען געוואָרן אין אונדזער לאַנד און אויך זיך באַזעצט אין אַנדערע אימיגראַציע־לענדער און ווייזט אויס, אַז פאַר פיל איז געקומען די צייט צו פאַרגעסן און חלומען דעם חלום פון אומגעשטערטער סטאַבּיל־קייט. די דאָזיקע פאַרגעסונג האָט אַרומגענומען גאַנצע קהילות אין לענדער פון קאַפּיטאַליסטישער שפע. די דאָזיקע זאָרגלאָזיקייט און גלייכגילטיקייט צו דער נויט פון יידישע מאַסן, האָבן אָפּטמאָל ליב אַרויסצושטעלן די צאַברישע יוגנט, און באַזונדערס די פון די „כנגנים”. אויב מען קען נאָך פאַרשטיין דעם סאָציאַלן און פּסיכאָלאָגישן באָדן פאַר איינגעפּעסטיקטער גלייכגילטי־קייט פון יידישע בעל־הבית׳לעך אין באַוווסטע גלות־לענדער, און אַפילו דעם פּסיכאָלאָגישן באָדן פאַר אַפּשניידן אַ טייל פון דער צאַברישער יוגנט פונעם גורל פון יידישע מאַסן, — קען אָבער די סאַמע גרעסטע שטוינונג אַרויסרופן די זאָרגלאָזיקייט וואָס האָט אין די טעג פון דער פריערדיקער קאָאַליציע אַרומגענומען אַפילו טוער פון דער הסתדרות און מנהיגים פון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

מיר געדענקען ווי די פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט ביי יענע עסקנים אין די טעג פון ראַטעווען די שארית־הפליטה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און ביי איר פאַרענדיקונג. מיר געדענקען דעם פאַרמעסט צווישן די דאָזיקע עסקנים, ווער פון זיי ס׳וועט אַרויסברענגען אַ מער געוואַגטן פּלאַן פון קליטה. דער מינימאַלסטער יערלעכער קאָנטינגענט וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט דעמאָלט אָנצורופן, איז נישט געווען אונטער איין מיליאָן עולים. אינעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט מען מיך דעמאָלט געסטעמפּלט אַלס מינימאַליסט און פאַרלייקענער פון די עליה־באַדערפעענישן, ווייל כ׳האָב געוואַגט אָנצורופן אַ ציפער פון 250 טויזנט עולים אַ יאָר, אַ קוואָטע צו וועלכע מיר זענען פאַקטיש נישט דערגאַנגען אַפילו אין יאָרן פון הויכסעזאָן פון עליה, זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

אָט האָבן מיר זיך דערווייטערט אויף צען יאָר פונעם חורבן און איינער פון די פריערדיקע מאַקסימאַליסטן, פינאַנס־מיניסטער לוי אשכול, האָט אין יאָר 1954, פאַרן ענדיקן די קאַדענץ פון דער פאָריקער כנסת, געבּרענגט אַ זעקסיאָריקן־פּלאַן פון עליה, קליטה און בוי — ביזן יאָר 1960. דער דאָזיקער פּלאַן האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אין יאָר 1960 וועלן מיר דערגיין צו 2

מיליאָן יידן. צו אַזאַ צאָל איינוווינער האָט אשכול געטראַכט צו קומען דורך איינשרומפּן די עליה ביז א מינימום. כמעט דער גאַנצער וווּקס פון דער באַפעלקערונג האָט באַדאַרפט קומען אין זכות פון נאַטירלעכן צוווּקס. דער דאָזיקער פּלאַן האָט גענומען אין חשבון אינוועסטיציעס פאַר דער קאָלאָניזאַציע, דער עיקר צו פאַרפעסטיקן דאָס שוין פאַראַנענע. אַלץ איז געווען דורכגעטראַכט, לויט א הנחה, גלייך מיר וואָלטן כביכול דערגאַנגען צו אַ סטאַבילקייט און מיר דאַרפן זיך נאָר פאַרנעמען מיט דערגענצונגען, פאַרענדיקן די מלאכה.

4. מיליאָנען קאַנדידאַטן פאַר עליה

און אָט זענען מיר ווידער עדות פון קאַטאַסטראָפאַלע אויפטרייסלונגען אין לעבן פון אונדזער פאָלק. צווישן די אראַבישע פעלקער, וועלכע האָבן זוכה געווען צו באַפרייען זיך פונעם קאָלאָניאַלן עול, שטייגן די כוואַליעס פון שאָוויניזם. ס׳האָט זיך געשטאַרקט די ראַסיסטישע אומטאָלעראַנץ און זי באַדראָט דעם קיום פון בערך 700 טויזנט יידן, קאָנצענטרירטע אין לענדער וואָס שפּרייטן זיך אויס פונעם מיטעלן מזרח ביזן מערבדיקן ראַנד פון צפון־אַפריקע. די דאָזיקע אַלע יידן, זענען כמעט אין הונדערט פּראָצענט קאַנדידאַטן עולה צו זיין קיין ישראל.

די צווייטע דערשיטערונג גייט אדורך איבער די סאָציאַליסטישע לענדער מיטן אַנטפּלעקן די גרוילן פון סטאַליניסטישן רעזשים. די דאָזיקע דערשיטערונג האָט אַנטפּלעקט דעם גאַנצן ביטערן גורל פון די יידישע מינדערהייטן אין די אויבנדערמאָנטע לענדער. אינעם ערשטן טייל פון די טעזיסן האָב איך געווידמעט א ספּעציעל קאַפּיטל דער לאַגע פון די יידישע מינדערהייטן אין די סאָציאַליסטישע לענדער און דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער מסקנה — אומקערן די יידן די רעכט פון זעלבסטאַנטשיידונג און די רעכט צוריק צו קומען אינעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד. כ׳וועל נישט איבערטרייבן, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז אַן אַנטשיידנדיקער טייל פון די 3,5 מיליאָן יידן וואָס לעבן אין די לענדער, זענען פּאָטענציעלע קאַנדידאַטן צו שיבת־ציון. מיר גלויבן, אַז דער ווענדפּונקט כלפּי דער יידישער מינדערהייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג און אין א באַשטימטער מאָס אין אונגארן — וועט פריער צי שפּעטער ווערן אויך די נחלה פון די סאָוויעטישע פירער. די פאָדערונג „שיק ארויס מיין פאָלק״ וועט פריער צי שפּעטער אָנטאָן הויט און אָדערן. דאָס איז נישט קיין חלום, נאר א קאָנקרעטע אויסזיכט, אז במשך א תקופה פון די נאָענטסטע צענדליקער יאָר, וועלן אין פאָטערלאַנד זיך איינזאַמלען נאָך מיליאָנען יידן פון די אראַבישע און סאָציאַליסטישע לענדער און פון

די איבעריקע גלות־צעשפרייטקייטן. די נאָענטסטע צענדליקער יאָרן קאָנען אונדז מיט ריזן־שריט דערנענטערן צו דער פאַרווירקלעכונג פון פולער טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע. דערגרייכן דעם ציל פון ציוניזם, ד.ה. איינזאַמלען דעם רוב פון אונדזער פאָלק אין זיין היסטאָריש היימלאַנד, איז נישט עפּעס א וויזיע פון „אחרית הימים", נאָר צייכנט זיך אויפן האָריזאָנט ווי אן אויפגאַבע פון דער היסטאָרישער תקופה וואָס איז פאַר אונדז.

5. טעמפּא און כאַראַקטער פון דער מאַסן־עליה

די איצטיקע טעג זענען טעג פון מאַסן־עליה פון פאַרשידענע גלותן. איר כאַראַקטער איז א סטיכישער און ס'איז נויטווענדיק זי אריינצופירן אין קאַנאַלן פון פלאַנירונג. אָן שום ספק, אז דער טעמפּאָ פון דער דאָזיקער עליה וועט פעסטגעשטעלט ווערן לויט צוויי הנחות: א) לויט דער מעגלעכקייט פון פראָדוקטיוון אופנעמען די עולים, ב) לויט דער פּראָדוקטיווער קליטה־פעיקייט פון לאַנד. די דאָזיקע פאָדערונג פאַר פלאַנירטער עליה איז נישט תמיד געווען אָנגענעם פאַר די אויערן פון די ערב־וואַלן פּראָפּאַגאַנדיסטן, גלייך ס'וואָלט ווען אמאָל געווען אַ סתירה צווישן אַ מאַסן־עליה און איר קאָנסטרוקטיווער פלאַנירונג. נאָר פונקט ווי מיר האָבן ביים סוף פון נאַצישן חורבן געוואגט צו פאָדערן דאָס אריינפירן די מאַסן־עליה אין קאַנאַלן פון פלאַנירונג און פּראָדוקטיוויזאַציע, אזוי האַלטן מיר זיך היינט נישט אָפּ פון דער דאָזיקער הנחה און זעען אין איר דעם יסוד צו זיכערן די פאָלגלעכקייט פונעם פּראָצעס פון קבוץ גלויות. אייגנטלעך האָט שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם טעם דער דאָזיקער וויכוח צווישן די אנהענגער פון דער סטיכיש־קאַטאַסטראָפאַלער עליה, און אונדזער צוגאַנג, וועלכע האַלט פון אריינשטויסן די מאַסן־עליה אין קאַנאַלן פון פלאַנירונג און פּראָדוקטיוויזאַציע. אדרבה, די פריערדיקע מאַקסימאַליסטן זענען בעת דער פאַריקער קאָאַליציע דערגאַנגען צו דעם, אז פון צופיל פלאַנירונג, האָבן זיי פארגעסן די עליה. איצט, נאָך וואַקלונגען באַרג־אַראָפּ באַרג־ארויף, רעזומירט זיך אין דורכשניט אַ יערלעכע קוואָטע פון 90 טויזנט עולים זינט דער אנטשטייונג פון דער מדינה.

ווידער הערן מיר אנדערע לידער. אלע זאָגן נביאות וועגן מיליאָנען יידן וואָס וועלן זיך אדורכברעכן א וועג און קומען וואָס שנעלער. פאַר די אלע וואָס האָבן געלעבט „פון האַנט צו מויל" איז קלאָר געוואָרן, אז די היסטאָרישע נויטווענדיקייטן וואָס ליגן אויף די וואַנדער־וועגן פון אונדזער פאָלק, זענען געגליכן צו יענעם ווולקאַן־באַרג וואָס האָט אויף א ווייל איינגעדרימלט און ווידער דערוואַכט מיט זיין גאנצער קראַפט. אונדזערע אויגן זעען ווי דער פּראָצעס פון קיבוץ הגלויות פירט זיך אין פולן טעמפּאָ.

הגם אין די לעצטע טעג אַנטפּלעקן זיך שוועריקייטן אין אַבסאָרבירן די עליה און עס מערקן זיך אפילו סימנים פון פאַרלאַנגזאַמערן איר טעמפּאָ, זענען דאָס נאָר צייטווייליקע שוועריקייטן פונעם קליטה־פּראָצעס און אַלע צייכנס זאָגן עדות אויף דעם, אז דער שטראָם וועט זיך נישט אפּשטעלן, נאָר זיך שטאַרקן במשך די קומענדיקן יאָרן.

6. וואָס איז פאָרגעקומען זינט דעם אויפשטעלן די איצטיקע קאָאַליציע

פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז אָן שום ספק, פאָרגעקומען א פּאָזיטיווע ווענדונג.

די דאָזיקע קאָאַליציע ווירקט אונטערן צייכן פון באנייען א גרויסע עליה, ס'ווערן דערזבערט נייע אנטוויקלונג־ראַיאָנען, ס'ווערט פארגרעסערט די באַפעלקערונג אין דרום און אין נגב, די דאָרפישע און שטאָטישע, מיט שוונג ווערן דערזבערט נייע אינדוסטריע־צווייגן, עס שטאַרקט זיך בכלל די פּראָדוקטיוויקייט פון דער אינדוסטריע און איר פאַרנעם ברייטערט זיך אויס מיט פאַרשנעלערטע שריט. די לאַנדווירטשאַפט געניסט פון געוויסע פאַרלייכטערונגען אין קרעדיט און זי הייבט אָן באַפרייען זיך פון שפעקולאַנטישע נעגל און דעם אויפפרעסנדיקן פּראָצענט. עס ברייטערן זיך אויס די שטחים פון די פּלאַנטאַציעס, פון אינדוסטריעלע געוויקסן, ווי בוימוואָל, צוקער־בורעקעס און ערד־ניסלעך. — עס ווערט שטאַרקער די אינטענסיפיקאַציע פון באַאַרבעטע ערד־שטחים, עס ווערן אויסגעברייטערט די באַוואָסערונג־ווערק און באַוואַסערטע שטחים. מיט איין וואָרט — דער פאַקט וואָס דריי אַרבעטער־פּאַרטייען שטייען אין צענטער פון דער דאָזיקער קאָאַליציע, איז נישט פאַריבער אָן פאַרצייכענונגען. די דאָזיקע רעגירונג איז באַשאַנקען מיט א באַדייטנדיק גרעסערן קאָנסטרוקטיוון פאַרנעם ווי די פריערדיקע קאָאַליציע.

פון זינט אשכול'ס זעקסיאָר־פּלאַן האָבן מיר אַלע עפּעס געלערנט און אפילו דעם מחבר האָבן זיך געעפנט האָריזאָנטן, וועלכע זענען מן־הסתמא געווען פאַרשטעלט פאַר אים אין יאָר 1954. דריי יאָר פאַר דעם ווי מיר האָבן באדארפט דערגיין צו א באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן — דערנענטערן מיר זיך שוין צו דעם וועג־צייכן און דער פארפאסער פון אויבנדערמאָנטן פּלאַן פּראָקלאַמירט איצט עפנטלעך וועגן עפענען די טויערן פאַרן דריטן מיליאָן.

אלזאָ, אין די טעג פון דער איצטיקער רעגירונג זענען מיר עדות פון א נייעם סטאַרט. פארשידענע אנטוויקלונגס־געביטן נעמען אויף צענדליקער טויזנטער עולים. אינעם הארץ פון די אנטוויקלונגס־ראַיאָנען ווערן

אויפגעשטעלט נייע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים. מיר האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו פארענדיקן די ירדן וואסער־רער, און דאָס איז אַן ארבעט אויף יאָרן, אָבער ס׳ווערן שוין געלאָזט אין באוועגונג ברייטן באַוואַסערונגס ווערק. ס׳ווערן געמאַכט אָנשטרענגונגען צו באַפעלקערן דעם דרום און דעם נגב. קיין ספק, אַז פון דעם שטאַנדפונקט האָט די דאָזיקע רעגירונג מיט די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען אין צענטער, באַרעכטיקט איר עקזיסטענץ.

די געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די אויבנדערמאָנטע יאָרן, האָבן צונישט געמאַכט דעם פּלאַן פון דער פריערדיקער רעגירונג צו פארגליווערן דעם קיבוץ גלויות. ס׳איז געקומען די ווירקלעכקייט און א סוף געמאכט צו דער דעמלט הערשנדיקער אילוזיע, אז מ׳קאָן זאָגן „די זון זאָל זיך אָפּשטעלן אין גבעון” און זיין באַגנוגענען מיטן פאַרפעסטיקן דאָס פּאַראַגנע. ווען די דאמבע האָט אויפגעבראָכן און ס׳האָט זיך פאַר אונדז אָנ־געצייכנט אַ פּראָצעס פון אויפנעמען מיליאָנען אין דער קומענדיקער תקופה, דארפן מיר זאָגן אונדזער מיינונג וועגן דער דאָזיקער נייער ווירק־לעכקייט. אונדזערע חשבונות מוזן מיר באַזירן אויף אַנדערע געגעבענע פון די וואָס האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר אשכול׳ס זעקסיאָר־פּלאַן פון יאָר 1954.

צום באַדויערן, איז נישט פאָרגעקומען קיין וועזנטלעכע ענדערונג. מיר זענען ווייט פון יענעם חלוצישן רעזשים, אין וועלכן די מחברים פון די „גרונט־ליניעס” פון דער קאָאַליציע האָבן געזען דעם מאַרך פונעם רעגירונגס־פּראָגראַם. נאָך מער, די עיקרדיקע מיניסטעריומס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער עקאָנאָמיק פון לאנד און מיטן אנטוויקלען איר ווירטשאפט, האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון דער טרויעריקער ירושה וועלכע ס׳האָט איבערגעלאָזט דער בונד צווישן מפא״י און די ציונים כלליים. מיר מוזן אויפן הויכן קול אויסרופן, אז ס׳וועט נישט געזיכערט ווערן די פאלגלעכקייט פון קיבוץ הגלויות, אויב מיר וועלן נישט מקיים זיין די עיקרדיקע פארפליכ־טונג וואָס איז ארייגענומען אין די גרונט־ליניעס פון דער איצטיקער רעגירונג — אויב מיר וועלן נישט איינשטעלן און איינהאלטן א חלוצישן רעזשים אין לאנד. און אויב מיר ווילן אין אונדזער לאנד מקיים זיין דעם חלוצישן רעזשים, איז נישט גענוג צו ריכטן די עליה אין נגב און אין די אַנטוויקלונג־צענטערן, נאָר דעם קיום פון די עולים אין די קליטה־געביטן, ווי אין די אלטע קליטה־ראַיאָנען, באַזירן אויף פעלזנפעסטע יסודות. פון דעם שטאַנדפונקט איז די ווירקלעכקייט זייער ווייט פון דעם פּלאַן. פון שטאַנדפונקט פון זיכערן אַ שטאַנדהאַפטיק און פּראָדוקטיוו באַזעצן זיך פון מאסן עולים — האָבן מיר נישט אויפגעהערט לעבן פון האנט צום מויל. מיט די שאַבלאָנע אויסגעדראָשענע וועגן, וועלן מיר נישט אויפנעמען נאָך

הונדערטער טויזנטער עולים אין פראָדוקטיווע פרנסה־צווייגן אין שטאָט און אין דאָרף.

אָט הערן מיר צ.ב. קעגנזעצלעכע דערקלערונגען פון די ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן. אויגנשיינלעך שטעלן זיי אַלע פאָר די רעגירונג אַלס אַנהענגערין פון געבן פאָרצוג דער אַרבעטנדיקער און חלוצישער קאָלאָניזאַציע. אָט לאָזט איין מיניסטער הערן אַ דעקלאַראַציע וועגן דער בכורה פאַר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און אַ צווייטער מיניסטער ברענגט אַרויס אַ פּלאַן וועגן הונדערט טויזנט עולים אין נגב במשך די נאָענטסטע פינף יאָר. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז דער פּלאַנירער פונעם זעקסיאָר־פּלאַן פון יאָר 1954, וועלכער שפּילט ערשטע פידל צווישן די ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן, איז געוואָרנט נישט צו פאַרפּליכטן זיך מיט וועלכן ס'איז געוואַגטן קאָנסטרוקטיוון פּלאַן. אויך איצט, אייגנטלעך, באַגנוגנט ער זיך דער עיקר מיטן פאַרפעסטיקן די עקזיסטירנדיקע התיישבות און מיטן שיקן אין אירע ווירטשאַפטן טויזנטער משפחות עולים. אויך איצט, ווען ס'פאָדערט זיך ספּעציעל קאָלאָניזאַטאָרישער שווונג, באַגניגנט ער זיך ווייטער מיטן ווינציקן. מיר האָבן נישט געהערט וועגן נייע אַנטוויקלונג־פּלענער וואָס זאָלן פאַרלויפן דעם וועג די צענדליקער טויזנטער עולים וועלכער קלאַפּן איצט אין די טויערן פון לאַנד. און דער דאָזיקער אָפּהאַלט איז שוין גאָרנישט קיין צופעליקער.

7. באָדן פאַרן דריטן מיליאָן

כדי אַבסאָרבירן דעם דריטן מיליאָן עולים אויף אַ פּראָדוקטיוון אופן במשך די נאָענטסטע צען יאָר, איז נויטיק צוצוגרייטן מינדעסטנס נאָך א מיליאָן דונאם באָדן פון די ערד־שטחים וואָס קומען ביז איצט אין באטראכט פאר דעם דאָזיקן צוועק. ס'איז ניט קיין סוד, אז דער רוב באָדן וואָס איז טויגלעך צום באַאַרבעטן, איז אין זיין גרויסער מערהייט שוין פאַרטיילט, אָדער דאַרף פאַרטיילט ווערן. דער באָדן־רעזערוו, טויגלעך צום באַאַרבעטן אָן צוגרייטונג און יסודותדיקער באַגינסטיקונג, ווערט געשאַצט אויף 350־400 טויזנט דונאַם. די פונאַנדערטיילונג פון דעם דאָזיקן באָדן האָט זיך ביז איצט געפירט נישט אָן פאַרשווענדונג און עוולות. מיר גערענקען דאָס פונאַנדערטיילן „נחלאות" און בודזשעטן פאַר באַאַמטע וואָס באַקומען גאַנץ אנשטענדיקע געהאַלטן פון די קאָלאָניזיר־אנשטאַלטן. נישט געקוקט וואָס די באַדערפענישן פון אונדזער פאָלק זענען אזעלכע גרויסע און אז קנאפּ איז דער שטח ראוי צום באארבעטן, איז ער דאָך נישט פארטיילט געוואָרן איינגאנצן צו די וואָס מיט הארעפּאשנער מי ציען זיי ארויס ברויט פון דער ערד. דער פארשטאָרבענער יצחקי האָט זיך באזונדערס אָפּגעגעבן דעם

פראָבלעם פון באָדן ארום די שטעט. ער האָט אנטפלעקט א זייער טרויעריק בילד. אין אונדזער צייטונג זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַנדערע דערשיינונגען וועלכע האָבן אויפגעדעקט די נגע פון באָדן־ספעקולאַציע אַרום די שטעט און מושבות, אין וועלכע עס זענען פארמישט אויך גאנץ בכבודיקע בעלנק. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז שטחים פון לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן, געשאצט אויף הונדערטער טויזנטער דונאם, זענען אויסגעליפערט געוואָרן פאר שטאָטישער, לרוב שפעקולאנטישער בויאונג, צום אומגינסטן פון דער לאנדווירטשאפט, און אפילו צום אומגינסטן פון די פאָלקסמאסן וואָס וווינען אין שטאָטישע ישובים.

אין ווינציקע יאָרן אַרום וועט דאָס גאַנצע פאָלק דערשפּירן דעם ביטערן אמת, אַז ס'פאַרקלענערן זיך און ס'ענדיקט זיך אויס די פרוכטבאַרע ערד, ראוי באַאַרבעט צו ווערן אָן צוגרייטונג. ס'איז ווידער נישטאָ פון גרייטן קיין ערד־שטחים צו באַזעצן צענדליקער טויזנטער יידן. און דאַן וועט קלאָר ווערן פאַר אַ סך פון פאָלק, אַז מיט אָדער אָן דער וואַסער־רער פון ירדן, וועלן מיר זיין געצווינגען דעם עיקר צוגאָבלעכן באָדן צוגרייטן און באגינסטיקן — אין די בערג און אין די נגב־סטעפּן. אזא ידיעה דארף ארויסרופן א ווענדפונקט אינעם באוווסטזיין פון מאַסן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אַלזאָ, אויף אַזאַ קער מוז מען נישט ווארטן: ער שטייט שוין אונטער אונדזערע ווענט. מיר ווייסן, אז מ'טאָר נישט פארנאכלעסיקן קיין שום פראָדוקציע־צווייג אין שטאָט און אין דאָרף, וואָס זאָל פאַרזיכערן אָן אַבסאָרבציע פון אַ סך עולים, וויפל עס לאָזט זיך, במשך אַ קורצער צייט. פאַראַן אָבער אַ צענטראַל פראָבלעם וואָס איז די אנטשיידנדיקע רינג אין דער קייט. פאר די דריי ארבעטער־פארטייען שטייט איצט די ברירה אין איר גאנצער שארפקייט: זיך אומקערן צום חלוצישן סיסטעם פון צוגרייטן עולים און זיי אבסאָרבירן, אָדער זיין גרייט דערצו, אז די עליה זאָל אין רוב צי אינגאנצן זיך קאָנצענטרירן אין דער סביבה תל־אביב און חיפה,באגלייט נאָך מיט א פארשטארקטן אנטלויפן פון קאָלאָניסטן פון דאָרף אין שטאָט. אויב ס'וועט געשען אַזאַ זאַך — און אזא אויסזיכט דראט אונדז אין איר גאַנצן גרויל — דעמאָלט וועט נישט זיין קיין אפהאלט פון א קריזיס אין דער קליטת־העלייה, דער נייער ווי דער שוין פאראנענער התיישבות.

8. מיטן פעלן פון א חלוצישן רוקנביין

שוין איצט הערשן מיר נישט איבער דער סטיכיע פון עליה וואָס שטראָמט פון צפון־אפריקע און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

מיר ווארטן אויף אַן עליה פון ראט־פארבאַנד. ס'וועלן פון דאָרט עולה

זיין יידן וועלכע האָבן נאָך מערער ווי אין פוילן אדורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאציע. איצט פילן זיי דעם טעם פון סאָציאלער דעגראַדאַציע, נאָכדעם ווי במשך 40 יאָר סאָוויעטישן רעזשים, זענען זיי העכער און העכער געשטיגן אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער און אינעם לעבנס־ניוואָ.

פון די דאָזיקע יידן און זייערע קינדער וועלן מיר דאָ אין לאנד פאָדערן זיי זאָלן זיך אומקערן צו ארבעט, און אפילו צו פּראָלעטאריזאציע. מיט דער דאָזיקער פאָדערונג וועלן זיי אויפנעמען פאַרטייען וואָס פון זייערע רייען און פון זייערע ד׳ אמות שפּילט זיך אָפּ דער פּראָצעס פון אנטלויפן פון פיזישער ארבעט. מיר וועלן פאָדערן חלוציזם פון דער יוגנט וואָס איז עולה אין לאנד פון אלע מדינות און רעזשימען, בעת אין די אלגעמיינע שול־אנשטאלטן אין לאנד הערשט אן אנטי־חלוצישער רעזשים און חלוצישע יוגנט־באוועגונגען האָבן נאָך נישט זוכה געווען מ׳זאָל זיי דאָרט אנערקענען. דער יוגנט וואָס איז עולה פון פוילן און אונגארן, וועלן מיר פּרעדיקן חלוציזם, בעת צענדליקער טויזנטער הסתדרות־און רעגירונגס־אנגעשטעלטע און אפילו שיכטן פון איינגעאָרדנטע ארבעטער, דערציען דעם רוב זייערע קינדער צו מער „בכבודיקע” פּרנסות ווי אַרבעט אויפן טראַקטאָר צי אין ווארשטאט. זאָל געזאָגט ווערן אָן באַפּוצונגען: אנטיסעמיטיזם און נומערוס קלאוזוס זענען גענוג, כדי דערמאנען די יידן אין פוילן און אין ראטנפארבאנד אז זיי לעבן אין דער פרעמד. אָבער דאָס אליין איז נישט גענוג אויף צו ברענגען דעם נייעם עולה צו אן אינערלעכן קער, א ראדיקאלן און שורש־דיקן, ווי ווענדן זיך צו ארבעט, צום קיבוץ און צו חלוציזם.

9. ווו איז דער אדרעס

צענדליקער יאָרן האָט מען זיך געפלייסט איינצופלאַנצן אין דער יוגנט די מאָראַלישע און באַוווסטזיניקע פעיקייט — דורך פּאָרויסזען, צו דערגיין צו דער פערזענלעכער מסקנה וואָס דרינגט ארויס פון היסטאָרישע נויטווענדיקייטן וועלכע ווירקן צווישן פאָלק און אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פעיקייט פון דער חלוצישער יוגנט, דורך פערזענלעכער פארווירקלעכונג צו פארלויפן דעם וועג קאַטאַס־טראָפאלע אויפטרייסלונגען וואָס טרעפן אָפּט די יידישע מאַסן, און פאר די דאָזיקע מאַסן פלאַסטערן אין אונדזער לאַנד א וועג פון פּראָדוקטיוון אָנהאַלט, — האָט אונדזער באוועגונג באוויזן צו דערפירן צו א הויכפונקט, — און דווקא אין די יאָרן נאָך דער נאַציישער קאַטאַסטראָפע. מיר קאָנען זיין שטאָלץ וואָס קיינמאָל האָט די דערציערישע באַוועגונג פון השומר הצעיר אין די גלות־לענדער נישט זוכה געווען צו אַזאַ הויכן פּראָצעס עולים־פאַר־

ווירקלעכער, ווי אין דער תקופה פון נאָכן צווייטן וועלט־קריג. די דאָזיקע עולים קערן זיך אום מיטן רוקן צו שטודירן און באַקוועמלעכקייטן ביי זייערע עלטערן אין די לענדער פון שפע און קלאַמערן זיך דאָ אין לאַנד אין די גרענעץ־פּונקטן, פאַרבלייבנדיק אין זיי איצט מער ווי ווען ס׳איז. מיר האָבן זוכה געווען דערצו, אַז די חלוצים פון אונדזער דרום־אמעריקאַנער באַוועגונג, וועלכע האָבן אנגעהויבן עולה זיין נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, באטרעפן היינט ביי א צען פּראָצענט פון אלע מיטגלידער אין קיבוץ ארצי. אָבער טראָצדעם וואָס מיר געפינען זיך בראש פון די חלוצישע באוועגונגען פון די ציוניסטישע ארבעטער־פּאַרטייען אין אלע לענדער פון מערב־אייראָפּע און אמעריקע, בין איך פארפליכטעט צו וואָרענען און אלארמירן פאר דעם וואָס אונדז דערוואַרט אין דער צוקונפט, אויב ס׳וועט נישט פאָרקומען די געווינטשענע ווענדונג. אויב ס׳וועט נישט קומען דער קער איינצושטעלן א חלוצישן רעזשים אין אונדזער לאַנד, קאָן דער קריזיס וואָס האָט ארומגענומען די קיבוצישע באַוועגונג אין לאַנד, גרייכן — און האָט שוין אָנגעהויבן קומען — אויך צו אונדז. די חלוצישע יוגנט פון די גלות־לענדער וועט אויף לאַנג נישט קאָנען פּארזען דעם ביטערן פאַקט, אז די לערן־יוגנט אין לאַנד דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום חלוציזם און באקומט נאָך דערמוטיקונג דורך דער אלגעמיינער בילדונגס־נעץ. היינט לעבן מיר אונטערן צייכן פון אן אלגעמיינער דערציאונגס־נעץ וועלכע בויקאָטירט די חלוצישע יוגנט־באוועגונגען פון מפ״ם און אחדות־העבודה און דערביי איז נישט דאָ דער וואָס זאָל זאָרגן, אַז די „אָנערקענטע״ יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן חלוצישע רעזערוון.

פון דעם אלעם געזאָגטן באקומט זיך א שטאַרקער איינדרוק, אז די מפא״י־אָנפירונג אין דער רעגירונג און אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, די פאראנטוואָרטלעכע פאר די אנשטאלטן צו אנטוויקלען און קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, זענען אנטשלאָסן צו שיקן אויף התיישבות די פאָלקס־אָרעמקייט און צוריקגעשטאנענע עדות, בעת דער רוב אָדער אלע קינדער פון די הסתדרות־און מדינה־אָנגעשטעלטע ווערן גערײכטעט צו פאַכן, פרייע פון האָרעפאַשנער מי. אזוי באקומען די עליה־כוואליעס, וואָס האָבן אין גלות אדורכגעמאכט דעם פּראָצעס פון דעפּראָלעטאריזאציע, אן אנשוילעכע לעקציע — אז פיזישע ארבעט אין לאַנד איז נישט קיין ענין פון דורות, נאר אן איבערגאנגס־צייט, ווי אין יעדן טיפּישן לאַנד פון יידישער אימיגראַציע. עס שטאַרקט און פאַרגרעסערט זיך דאָס איבערוואַנדערן פון שטאָט און דאָרף און א ן שטאָט קאָנסטו באַשיינפּערלעך זען ווי אויף די רושטאָוואַניעס און אין פיל ארבעטס־פּלעצער פארבייטן די כוואַליעס פון דער נייער עליה די בויער פון די פריערדיקע עליות. און לאָמיר זיך אליין נישט נארן:

אויב דער גייסט פון אימיגראַציאָניזם וועט פאַרבייטן דעם גייסט פון חלוציזם, וועלן אויך די מזרח־עדות נישט שטענדיק בלייבן אויף די נידעריקע טרעפּ פונעם לייטער. נישט געקוקט אויף די באַזאָרגעוודיקע דערשיינונגען פון דיסקרימינאַציע ביים אויסגעפונען פאַר זיי אַרבעט און וווינונגען, איז אין דער אונטערשטער שורה לערנען אויך די קינדער פון די מזרח־עדות א פאַך, גייען איבער וווינען אין באַקוועמערע דירות און לערנען צו געניסן פון א העכערן לעבנס־ניוואָ. אז זיי וועלן קומען צו זיך און אָנזאַמלען אביסל מיטלען, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט נאָכיאָגן נאָך לייכטערע פּרנסות, מיטן קומען צו עלטערע יאָרן? און מיט איין זאַך וועלן מיר זיך נישט קאָנען פאַרגלייכן מיט די פאַראייניקטע שטאַטן: מיר האָבן דאָ נישט קיין נעגער און נישט קיין פּאָרטאָריקאַנער און נישטאָ קיין ברירה ווי נאָר זאָרגן פאַר זיך זעלבסט.

קאָן זיין אז היינט־צו־טאָג איז שוין באַנאַל און לאַנגווייליק צו הערן עפּעס אַזוינס, אָבער פּונקט ווי פריער, אַזוי איצט עקזיסטירט דער אמת, אז ציון וועט אויסגעלייזט ווערן דורך אַרבעט אָדער בכלל נישט אויסגעלייזט ווערן! אַמאָל איז דאָס געווען א זעלבסטפאַרשטענדלעכער אמת פאַר יעדן אַרבעטער אין לאַנד, אז דער אַרבעטער־ציוניזם שטרעבט צו קאָנצענטרירן די גלותן פון אונדזער פאָלק אַלס אַן אַרבעטנדיק פאָלק. געווען און ס'איז דאָ אַ וויכוח איבער די וועגן וואָס פירן צום דאָזיקן ציל, אָבער ביז דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז דער דאָזיקער אמת געווען דאָס אייגנטום פון אַלע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. איך בין נישט זיכער צי זיי וועלן זיך דערצו מודה זיין מיט א פול מויל, אָבער זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ די וועלכע פלעגן דעם מדינה־קולט לויט דער פאַראַנענער מטבע. זיי זעען אין דער איצטיקער מדינה, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א צווישן־קלאַסן פּשרה, א מין וויזיע אין איר פאָלקאָמער פאַרווירקלעכונג. און מיר האָבן געמיינט אין אונדזער תמימות, אז אפילו מדינת ישראל איז נישט מער ווי א מכשיר אויפצושטעלן א יידיש אַרבעטנדיק פאָלק און דערגרייכן זיין פולע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג אין היימלאַנד.

די נביאות־זאָגער זענען פאַרפליכטעט אונדז צו אַנטפּלעקן, וויאַזוי זיי האָבן בדעה צו פלאַסטערן א וועג פאַר נאָך מיליאָנען יידן אין די גרענעצן פון די צוואָנציק מיליאָן דונאַם וואָס בילדן דעם שטח פון מדינת ישראל, ווען דער רוב פרוכטבאַרער באָדן איז שוין באַזעצט און איצט איז אונדז פאַרבליבן נישט מער ווי דעראַבערן נאָך מיליאָנען דונאַם — פון די בערג, זאַמדן און סטעפּן אין נגב. זיי זענען פאַרפליכטעט אונדז אָנצווייזן, א ווו זענען די חלוצישע כוחות אויף אונטערצושטעלן א פּלייצע

פאר דער דאָזיקער אויפגאַבע. מיינען זיי טאַקע, אז די סאַמע ברייטסטע באַוואָסערונגס־רערן וועלן זיין אימשטאַנד אויפצולעבן דעם נגב, אויב ס'וועט זיך נישט געפונען קיין טרעגער פון צווישן די רייען פון דער לערנדיקער און ארבעטנדיקער יוגנט אין לאַנד? און ווער וועט ביישטיין די דאָזיקע אויפגאַבע, א פּילפּאַך שווערע'ע און טייערערע פונעם באַארבעטן יענע דריי מיליאָן דונאַם, וועלכע מיר האָבן ביז איצט באַוויזן צו באַזעצן? אויף מפ״ם ליגט די פליכט מיט דער פולער קראַפט צו באַנייען איר גערענגל צו זיכערן אַ חלוצישן רוקנביין פאַרן פּראָדוקטיוון אויפנעם פונעם דריטן מיליאָן במשך די נאָענטסטע יאָרן און דורך אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע דעראָבערן נאָך א מיליאָן. כדי פאַרווירקלעכן די דאָזיקע חלוצישע אויפגאַבע, וועט מפ״ם פאָדערן צו ענדערן דעם דערציונגס־סיסטעם אין די שולן. מיר דאַרפן פאָדערן אָפּצוהאַלטן דאָס שטראָמען פון דער יוגנט צו אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, לענקן צענדליקע־טויזנטער פון דער שטודירנדיקער און אַרבעטנדיקער יוגנט צו דעראָבערן די וויסטעניש און בכלל ריכטן די עליה צו פּראָדוקטיווע פּראָדוקציע־צווייגן.

בעת די איצט באַנייטע עלייה פון די סאָציאַליסטישע לענדער לעבט איבער הארבע חבלי קליטה און מיר שטייען אפילו פאר א צייטווייליקן קריזיס פון דער קליטה, האַלט זיך אין איין פארשאַרפן דאָס יידישע פּראָבלעם אין די לענדער פון סאָציאַליזם. מיר וועלן פריער צי שפּעטער דאַרפן אויפנעמען א גרויסן טייל פון די יידישע מינדערהייטן וועלכע באַוווינען די דאָזיקע לענדער. אין דער טענדענץ צו ריכטן די ערשטע עלייה־כוואַליעס פון די סאָציאַליסטישע לענדער, איז אָפּהענגיק די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון מיליאָנען וועלכע וואַרטן אין דער ריי. וועט דאָס לאַנד, די מלוכה, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די הסתדרות און די חלוצישע כוחות אין ישראל אנטפּלעקן דעם כוח אויפצונעמען און אנטשיידנדיקן חלק פון דער דאָזיקער עלייה אין פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, אריינגערעכנט די ארבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע? דאָס איז די צענטראַלע פראגע, אין וועמענס לעזונג עס איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון קיבוץ הגלויות — צום גוטן אָדער צום שלעכטן.

אין די דאָזיקע גוטע יאָרן, איידער מ'האָט פאַרטיילט פאַרצעלעס פרוכטבאַרן באָדן, האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון אונדזער מדינה זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי וועלן אויף דער דאָזיקער ערד קאָנען באַזעצן גאַנצע עדות פון מאַראָקאָ, איראַק, תימן און מצרים, אָנעם פאַרזיכערן אַ חלוצישן און קיבוצישן חוט־השידרה די נייע התיישבות־פּונקטן. אַ געשריי האָט דעמאָלט אָפּגעהילכט אין חלל פון לאַנד: גיט אינדז פרייוויליקע אינסטרוקטאָרן, גיט אונדז קינדער פון דער איינגעזעסענער התישבות וואָס זאָלן אוועק אין

די מושבים פון די עולים און זיי דינען אלס ביישפיל און ווונדער. די דאָזיקע מדריכים, וועלכע זענען אויף א יאָר־צוויי אוועק העלפן די עולים וואָס האָבן זיך באזעצט אויף ערד, זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי דער סימבאָל פון חלוציזם. דער דאָזיקער טומל וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אין די טעג פונעם שדה־בוקר עפּיזאָד, איז גאָר שנעל פאַריבער. ס׳קומען עולים וואָס א טייל פון זיי באזעצן זיך אין נייע געביטן און מיר הערן נישט מער וועגן יונגע פון מפא״י וואָס זאָלן וואָלונטירן פון די איינגעזעסענע קיבוצים און מושבים. עס באקומט זיך דער איינדרוק, אז זייערע אויפגאבן דערפילן באַצאלטע איסטרוקטאָרן, פון זיי — נישט ווינציקע וועלכע האָבן פארלאָזט קיבוצים. אין דער אונטערשטער שורה האָבן די 300 מדריכים, וועלכע זענען ארויס אויף צוויי יאָר און דערהויבן געוואָרן צו די הויכקייטן פון חלוציזם, האָבן נישט באַוויזן צו מאכן געשיכטע, נישט געקוקט אויף דעם ווערט פונעם עצם אָנשטרענג. דווקא די פשוטע און אנטשיידנדיקע זאך וואָס בעט זיך דערפון, שלינגט מען אראָפּ בנעימה: די חלוצישע יוגנט־אָרגאני־זאציעס, אריינגערעכנט די מפא״ישע יוגנט־באוועגונג, האָט מען פארזען און מ׳פארזעט עקשנותדיק. עפּעס איז מען נישט מצליח צו באוועגן ווינציקסטנס טויזנטער פון די צענדליקער טויזנטער ארבעטנדיקע יוגנטלעכע פון הנוער העובד, זיי זאָלן גיין אין די גרענעץ־ראַיאָנען און אין נגב.

10. וועגן אדמיניסטראטיווער קאָלאָניזאציע און פארטייאישער אפּוטרופּסות פון מפא״י

די דאָזיקע נייע התישבות אין די מושבי־עולים און אנטוויקלונגס־ראיאָנען, באקומט ביסלעכווייז א געשטאלט פון אן אדמיניסטראטיווער קאָלאָניזאַציע, אָנגעפירט פון אויבן, מען צווינגט טאַקע אויף די דאָזיקע מושבים פון עולים צו געהערן צו דער „תנועת המושבים״ פון מפא״י, אָבער די מפא״ישע מיטגלידס־קארטע איז נישט גענוגנד אויף ארויפצולייגן דער דאָזיקער התישבות דעם סטעמפל פון זעלבשטענדיקער קאלאניזאציע, לויטן ביישפיל פון דער קיבוצישער און מושבישער התישבות ווי אין אן עין־חרוד, משמר־העמק, נהלל און דגניה. מיר האָבן גענוג דערפאַרונג און געדענקען גוט דעם טייערן פרייז וועלכן מען האָט באדארפט צאָלן פאר אַדמיניסטראַטיווער און ביוקראָטישער התיישבות, און ווידער צאָלן מיר דעם דאָזיקן טייערן פרייז.

די פאַרייניקטע אַרבעטער־פאַרטיי, ווי איר נאָמען — אַזאַ איז זי. זי פאראייניקט אין זיך חברים פון אלע שיכטן ארבעטער אין שטאָט און אין דאָרף. זי האַלט אָן אייניקייט און גלייכהייט צווישן אלע אָרגאניזירטע אין איר טיילן צי פון שטאָט, צי פון דאָרף, צי זיי געפונען זיך אין קיבוץ,

אָדער אין מושב. אונדזער שטאָלץ איז דער, וואָס טויזנטער חברים פון אַלטאײנגעזעסענע אַרבעטער־מושבים און עולים־מושבים שענקען אונדז צוטרוי און שטעלן זיך אונטער אונדזער נאָן. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועלן מיר ווידמען אַ ספּעציעל אָרט דער קיבוצישער באַוועגונג, ווייל זינט דער זי אָוועקפירן אויף אַ זייטיקן וועג, כדי אָפּטמאָל זי באַלאַגערן. מיר פאָדערן דאָך פון דער קיבוצישער באַוועגונג זי זאָל זיין דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, פּרובירן פאַרשידענע דעצידירנדיקע פאַקטאָרן רוקנביין פאר א ברייטער, פאָלקסטימלעכער התישבות. מפא״י באַגנוגנט זיך דערמיט, אז עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע פון אירע קבוצות, זאָלן ווי געסט־פאַרבייגייער במשך א יאָר־צוויי, דינען אלס מדריכים אין די מושבים פון עולים. אָבער מיר טייטשן די דאָזיקע פליכט ווי התישבות פון קיבוצישע ווירטשאפטן אינערהאַלב די אנטוויקלונגס־געביטן און צווישן דער התישבות פון דער נייער עליה. מפא״י באַגנוגנט זיך מיט אינסטרוקטאָרן פון אויבן, פון א הייפל פרייוויליקע און געדונגענע מדריכים. אויך מיר זענען פאַר קעגנזייטיקער הילף פון איין משק פארן צווייטן, אויס שותפות און חברשאַפט. אונדז איז קלאָר, אז נאָר מיטן באַדינג דאָס די ברייטע, פאָלקסטימלעכע התישבות זאָל אָנהאַלטן מיט דער פולער ענערגיע און שווונג, וועט די קיבוצישע באַוועגונג אינערהאלב, קאָנען דערפילן איר אויפגאַבע ווי אַ חלוצישע חוט־השידרה. דאָס איז נישט גענוג, אויב מיר וועלן פאר זיך פארצייכענען, אז דער מושב עולים האָט זיך פארוואנדלט אין דער התישבות־פאָרם פונעם רוב מנין ובנין פון צווישן צענדליקער טויזנטער עולים, נאָר מיר דארפן דערפון ארויסציען בויענדיקע און פאר־פליכטנדיקע מסקנות. עס ליגט אויף אונדז דער חוב צו העלפן מיט אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן און ראַטעוועז די מושבים־באַוועגונג פון אַדמיניס־טראַטיווער און פאַרטייאישער אַפּוטרופּסות, קעמפן פאַר איר זעלבשטענ־דיקייט און רעכט פאַר פולער זעלבסטבאַשטימונג פון אירע חברים — געזעלשאַפטלעכע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, קולטורעלע און פּאָליטישע.

צום באַדויערן, הערשט אין דער מושבים־אָרגאניזאציע אן אדמיניסטראַ־טיווע דיקטאטור פון סוכנות־באאמטע און מדריכים, אלץ לויטערע מפא״יי־ניקעס, בעת אנדערע פארטייען, פאראנטוואָרטלעכע פאר דער סוכנות־אָנפירונג און באטייליקטע אין דער קאָאַליציע־אָנפירונג, ווערט נישט געגעבן קיין דריסת־הרגל. דער אונטערשיד פון דעם וואָס קומט פאָר אין הנוער העובד און דעם ארגון המושבים, דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס בעת דער „הנוער העובד״ ווערט אָנגעפירט אַ דאַנק אַ „צונויפרעדן זיך״ צווישן מפא״י און אחדות־העבודה, איז צווישן די מושבים איינגעפירט אַ טאָטאַלער בויקאָט כלפּי אַנדערע פאַרטייען, אויסער מפא״י. די וואָס ליאַרמען אויף

הויכע טענער, פֿאָדערנדיק פרייהייט, דעמאָקראַטיע און זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר די אַרבעטער אין פוילן און אונגאַרן, האַלטן זיך נישט אָפּ פון אָנווענדן אַלע אַדמיניסטראַטיווע און מאַטעריעלע דרוק־מיטלען אָנצושרעקן און שטום־מאַכן, כדי איינהאַלטן אין זייערע הענט דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם מושבים־פֿאַרבאַנד. די צענטראַלע פון אירגון המושבים, אָנגעפירט דורך שליחים פון צ.ק. מפא״י, נויטיקט זיך נישט אייגנטלעך אין קיין שום אייגענעם בודזשעט, אַזוי־ווי ס׳איז אָנגענומען אין קיבוץ ארצי אָדער אין קיבוץ המאוחד. צו זייער רשות שטייען אַלע אינסטאַנצן פון דער הסתדרות און סוכנות. אויב אלס מדריכים פאר יינגע קיבוצים זענען פון דער סוכנות טעטיק וויניקער פון 10 אינסטרוקטאָרן, זענען אין די מושבים, ווי ס׳איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, טעטיק ביי א 150 געצאָלטע מדריכים, און אלע — לויטער מפא״י. זיי טיילן צו סובווענצן און דערלאַנגען הילף נישט נאָר פונעם ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן אַספּעקט, נאָר אויך פונעם אַספּעקט אָפּצוהיטן די פּאַרטייאישע כשרות.

אמת — פאַראַן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג שטרעמונגען, צו וועלכע מפא״י באַציט זיך מיט מער דרך־ארץ. די מושבים פון די רעליגיעזע, פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און אַפילו פון „חירות״, האָבן נישט קיין סיבה זיך צו באַקלאָגן. בלויז פאר חברים פון מפ״ם, און אפשר אויך פאר חברים פון אחדות־העבודה, וואָס אָרגאַניזירן זיך פאר נייער קאָלאָניזאַציע אין א מושב, טיילט מען נישט אויס קיין ערד, בעת כלפּי די בירגערלעכע שותפים, וואָס האָבן אַן הינטערלאַנד פון שפּענדער, פירט זיך מפא״י מיט וווּנדערלעכער פאָרזיכטיקייט.

מיר האָבן געזען די נויט פון אונדזערע חברים, מיר זענען געקומען צו הילף און זיי אַפילו דערמוטיקט צו זעלבשטענדיקן ארויסהעלפן זיך. אָבער מיר וועלן נישט שווייגן און זיך נישט באַרויקן, ביז ס׳וועט אַדורכגעבראָכן ווערן א ברייטע עפענונג אין דער מויער פון ביוראָקראַטישער אפּוטרופּסות און פּאַרטייאישער באַהערשונג, אין וועלכער ס׳געפינט זיך איצט די תנועת־המושבים. מפא״י האָט נישט איינמאָל זיך איבערצייגט, אַז אָנשרעקונג־מיטלען זענען נאָר מאָמענטאַנע מיטלען, וואָס דינען נישט אויף אַ לאַנגער מעטע. וועט זי דערפון עפעס לערנען? מיר פון אונדזער זייט וועלן זיין גרייט מיטצואַרבעטן מיט יעדער פאַרטיי וואָס וועט שטרעבן צו פעסטיקן און שענערן די ארבעטנדיקע התישבות אין אלע אירע פאָרמען, באַזאַמען מיט דער זאָרג צו איר פאַרפעסטיקונג און זעלבשטענדיקייט, ביים אכטן די פרייהייט פון זעלבסטבאשטימונג אינערהאלב דער באַוועגונג.

11. אינעם מאַרש באַרג־אַרויף

ציפערן דערציילן, אַז פאַר די באַדערפענישן פון 25—30 טויזנט איינהייטן פון דער נייער התיישבות, איז שוין אינוועסטירט געוואָרן אַ סומע צווישן 500־600 מיליאָן ל״י, לויט דעם איצטיקן ווערט פונעם געלט. כדי פאַר־פעסטיקן די דאָזיקע התיישבות, גרייט מען זיך אינוועסטירן נאָך 300־400 מיליאָן ל״י. איצט לעבן 93 טויזנט נפשות אין די מושבים און אין די עולים־מושבים און ביי אַ 85 000 נפשות לעבן אין די משקים פון דער קיבוצישער באַוועגונג פון אַלע ריכטונגען. ווי עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אין דער ווירט־שאַפט פון לאַנד און ווי שפּייז־צושטעלער פאַר דער באַפעלקערונג, דינען, ווי כמעט צוויי גלייכע אָרעמס, דער קיבוץ און דער מושב, מיט אַ באַשטימ־טן איבערגעוויכט פאַר דער קיבוצישער באַוועגונג. לויט קאָמפּעטענטע קוועלן, איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע פון קיבוצישן משק (אויסער די אָרגאַנזשן־פּרוכטן), געשטיגן אין יאָר 1955 מיט 125 מיליאָן ל״י, בעת די פּראָ־דוקציע פון דער מושבישער ווירטשאַפט האָט דערגרייכט די סומע פון 100 מיליאָן ל״י (אויך אָן די אָראַנזשן־פּרוכטן). אין דעם חשבון איז נישט אַריינ־גערעכנט די אינדוסטריע, וועמענס אומז אַן אין דער קיבוצישער באַוועגונג דערגייט צו צענדליקער מיליאָנען ל״י, בעת אין די מושבים האָט זי זיך כמעט נישט אַנטוויקלט, פונדעסטוועגן איז די קיבוצישע ווירטשאַפט פאַר־זונקען אין חובות איבערן קאָפּ, צוליב דער איינזייטיקייט מצד די קאָלאָ־ניזיר־אינסטאַנצן כלפּי דער קיבוצישער ווירטשאַפט.

איך בין נישט זיכער צי מיטן אינוועסטירן נאָך 300־400 מיליאָן ל״י איז שוין גענוג און צי די ריזיקע אינוועסטיציע וועט זיכערן די פולע פאַרפעסטיקונג פון דער דאָזיקער התישבות. די גרייס אינוועסטיציעס פון די קאָלאָניזאַציע־אינסטאַנצן צו פאַרפעסטיקן אַ התישבות־איינהייט באַווייזט אונדז, אַז באַזעצן היינט איין משפחה עולים, קאָסט איצט אין דורכשניט די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן און די מדינה צוויי און דריי מאָל מערער ווי דאָס פאַרפעסטיקן א התישבות־איינהייט פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה און אין די אויפבלי־טעג פון דער זעלבשטענדיקער התיישבות אין קיבוץ און מושב.

די דאָזיקע שפּראַך פון ציפערן אַנטפּלעקט אונדז, אַז אויב ס׳איז פּראָב־לעמאַטיש יעטוועדע סטיכישע עליה אָן א חלוצישער חוט־השידרה, אזוי איז פיל פיל פּראָבלעמאַטישער סטיכישע התישבות אָן א חלוצישער חוט־השידרה. אין פלוג, איז אַזאַ סטיכישע התיישבות באַשטימט פאַר דער פאָלקס־אָרעמקייט, אָבער לויט דער מאָס פון די מיטלען, זעט זי אויס גלייך זי וואָלט געווען באשטימט אלס התישבות פארן מיטלשטאנד. און דאָס דאַרף

מען וויסן: אויב בערך 25—30 טויזנט ל״י קאָסט אן איינהייט פון דער מאסן־התיישבות אויף פרוכטבארער ערד, וועלכע האָט זיך באפרייט נאָך אונדזער באפרייאונגס־קריג, איז דאָך ממש נישט פאָרצושטעלן זיך די מאָס פון טייערקייט פון דער סטיכישער התיישבות אָן א חלוצישן חוט־השידרה אין דער נאָענטסטער צוקונפט, נעמענדיק אין אַכט די באָדן־באַדינ־גונגען און די געאָגראַפישע באַדינגונגען אין דער צוקונפט. קאַרגע 3 מיליאַרד דאָלאַר האָבן אַריינגעשטראָמט אין לאַנד דורך די קאמפּיינען, סובווענצן און אינוועסטיציעס, ביז מיר זענען דער־גאנגען צו בערך 2 מיליאָן איינוווינער. און מיט דער גאנצער הארבקייט פרעגט זיך א שאלה: פונוואנען וועלן מיר נעמען די פאַסיקע מענטשן און די גרויסע מיטלען, כדי באַזעצן די מיליאָנען דונאם אין די בערג, אויף די זאמדן און די וויסטענישן פון נגב, וועלכע בילדן דעם רעזערוו־באָדן וואָס איז אונדז איבערגעבליבן אויפצונעמען נאָך מיליאָנען יידן?

אמת, נישט ווינציק איז געטאָן געוואָרן במשך די דאָזיקע צוויי יאָר אויף צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט. נישט ווינציק איז דערגרייכט געוואָרן אויפן געביט פון פארשטארקן די פּראָדוק־טיווקייט און גערעטעניש אין דער לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע. און דאָך איז א פאקט, אז אונדזער גאנצע דערגרייכונג פון דער לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע און אנדערע אינדוסטריע־צווייגן, איז נישט אימשטאנד מפרנס צו זיין די פאראנענע באַפעלקערונג. ווער שמועסט נאָך, אז מיר זענען אָפּהענגיק פון דרויסנדיקער הילף אויף אויפצונעמען די עליה און איינהאלטן אונדזער זיכערהייט־מערכה. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער, אז טראָץ דעם וואָס במשך די לעצטע צוויי יאָר איז דער עקספּאָרט געשטיגן אויף צענדליקער פּראָצענט, איז נישט קלענער געוואָרן די שער צווישן עקספּאָרט און אימפּאָרט, נאָר אפילו גרעסער געוואָרן. יעדעס יאָר ציען מיר אונטער א סך־הכל פון א כסדר שטייגנדיקן דעפיציט אינעם האנדלס־בילאנס. און ווייל ס׳איז אזוי די לאגע, דארף מען עקשנותדיק זיך אומקערן צו דער גורלדיקער פראגע: דער דריטער מיליאָן, וועלכער קלאפּט אין די טויערן פון אונדזער לאַנד, וואָס וועט זיין מיט אים? וועט דער דריטער מיליאָן ווייטער איינשרומפּן די וואָג פון פּראָדוקטיווע באשעפטיקונגען און אין זיין רוב זיך ווענדן אין די גרויסע שטעט; אויב ער וועט נישט זיין מסוגל אויסטיילן פון זין אן אנטשפּרעכנדיקן חלק, און באזונדערס דעם יינגן, פעיקן עלעמענט — צו ארבעטנדיקער, מושבישער און קיבוצישער לאנדווירטשאפט, — טאָ דראָט דאַן אַ סכנה, אַז ער וועט פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן פערטן מיליאָן. די סטיכישע עליה, אָן אַ חלוצישן חוט־השידרה, וועט נישט נאָר ניט זיין אימשטאנד אויפצוהויבן דעם שעפערישן כוח פון ישוב, נאָר וועט נאָך גורם זיין צו זיין פאטאלער ירידה.

12. מיר וועלן אלארמירן די פּאַרטיי

ס׳איז געקומען די צייט צו אלארמירן די פּאַרטיי צום קאַמף פאַרן חלוצישן כאַראַקטער פונעם רעזשים אין אונדזער מדינה. די זאָרג פאַרן חלוצישן כאראקטער פון דער ארבעטער־באוועגונג און פון דער התישבות טאָר נישט די פּאַרטיי, אַלס כלל, איבערלאָזן ביי דעם טייל מפ״ם־חברים וואָס געפינט זיך אין דער אַרבעטנדיקער התישבות. דאָס איז אַן ענין נישט בלויז פאַר די מיטגלידער אין קיבוץ הארצי און טויזנטער סימפּאַטיקער פון מפ״ם אין די מושבים פון עולים. אונדזער פּארטיי האָט אויף איר פאָן אויסגעקריצט דאָס וואָרט פון חלוצישן ציוניזם און געלייגט דעם סטעמפּל אויף דער גאַנצער פּאַרטיי, סיי די חברים אירע געהערן צום התישבות־סעקטאָר, סיי צום שטאָטישן סעקטאָר. מיר דאַרפן פעסטשטעלן אויף אַ קלאָרן אופן, אַז דאָס פעלן פון א חלוצישן רעזשים אין עליה־אויפנעם, אינעם דערציען די יוגנט אין לאנד און אינעם סיסטעם פון התישבות, שטעלט אונטער א פראגעצייכן נישט נאָר די אויסזיכט צו אנטוויקלען און פארסירן אונדזער קאלאניזאטאָריש ווערק, נאָר איז אויך עלול איינצושטעלן דאָס פאַראַנענע און דעם יש וועלכער איז דעראבערט געוואָרן מיט דער מי פון דורות.

מיר דארפן אויך ציען די אויפמערקזאמקייט פונעם פּארטיי־צוזאמענפאָר אויף די געפאַרן וואָס לויערן אויף דער קיבוצישער באַוועגונג צוליב דעם דאָזיקן רעזשים. איך האָב שוין דערמאָנט דעם קאָנטיגענט פאַר קליטה פון 4000 משפחות עולים, וועלכע ס׳האָט אויף זיך זעלבסט גענומען די קיבוצישע באוועגונג.

כ׳האָב געוואָרנט, אז דער דערפאָלג פון דעם דאָזיקן געוואַגטן ווערק איז נישט קיין געזיכערטער. אויף דער קיבוצישער באוועגונג ליגט דער חוב אויפצונעמען טויזנטער משפחות עולים גלייך פון שיף, און אָן אַן ערנסטער סעלעקציע. די דאָזיקע עולים פעלט זיי מינימאַלסטע צוגרייטונג צו לעבן אין קיבוץ, אביסל צוליבן הויכן עלטער און אביסל צוליב אנדערע סיבות. זיי באזיצן א באגרענעצטע ארבעטס־פעיקייט. נאָך פארן אנטשטיין פון דער מדינה און נאָכן חורבן, איז געווען א פרווו צו ריכטן אין די קיבוצים די עליה פון טעהעראַן. דאָס איז געווען אַן עליה פון יוגנטלעכע און נישט־פאַרהייראַטע. פונדעסטוועגן האָט זי אין די קיבוצים גאָרנישט איבערגעלאָזט נאָך זיך, ווי בלויז שוואַכע שפּורן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז מ׳וואָלט געקאָנט דער־וואַרטן מערער דערפאָלג פון דעם אומפאַרגעסלעכן ווערק וואָס ווערט איצט אַדורכגעפירט, ווען די דאָזיקע משפחות זאָלן אויפגענומען ווערן באַגלייך מיט אַ פאַרשטאַרקטן שטראָם חלוציש׳ע יוגנט פון לאַנד און אויסלאַנד. אָבער די וואָס שטייען בראש פון די קאָלאָניזאַציע־אמטן איז ליבערשט אָנצוקומען

נאך לעזונגען אויף דער שעה. די דאָזיקע איניציאַטיוו וועלכע ריכטעט טויזנטער משפחות אין דער קיבוצישער באַוועגונג, אָנעם פאַרזיכערן אַנטשפּרעכנדיקע קליטה־באַדינגונגען, האָט געוואָלט פאַרפלייצן די קיבוצישע באַוועגונג מיט לוין־אַרבעט. אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן סיסטעם זענען איינגעצערט געוואָרן און כמעט זיך אויסגעשעפּט פאַר דער קיבוצישער באַוועגונג אירע נאַטירלעכע רעזערוואָרן. ס׳איז אָרעמער געוואָרן דער באַלעבּנדיקער שטראָם פון דער לערן־און אַרבעטנדיקער יוגנט אין לאַנד. די דאָזיקע ליניע האָט אויך דערפירט צו ליקווידירן דאָס ווערק פון חלוצישער צוגרייטונג אין גלות. דער דאָזיקער סיסטעם שאַפט טאַקע אויסגעצייכנטע, קעגנזייטיקע באַציונגען מיט דער אָנפירונג פון „הדסה״, וועלכע ציטערן פאַר זייערע זין און טעכטער. זי באַפרייט די יוגנט אין גלות פון דער פליכט פון חלוצישער עליה און דערפינדעט עקוויוואַלענטן אין דער פאָרם פון „א יאָר אַרבעט״, טוריסטישע באַזוכן אדג״ל. אָבער דער דאָזיקער סיסטעם פאַרמאָגט אין זיך דעם סאַמע האַרבסטן פגם אינעם חלוצישן רעזשים און אין דער חלוצישער חוט־השידרה פון עליה און מאַסן־קאָלאָניזאַציע. און זאָל בפירוש געזאָגט ווערן: די דערפאַרונג פון דער לעצטער תקופה האָט באַשיינפערלעך באַוויזן, אַז דער ציוניזם איז נישט מסוגל צו לעבן בלויז אויף דער סטיכיע און בויען אויף קאַטאַסטראָפעס און פאַרפאַלגונגען. ווי א באַוועגונג וואָס פלאַסטערט וועגן פאַר מאַסן יידן, דאַרף זי פאַרלויפן דעם וועג דער קאַטאַסטראָפע און ריכטן די סטיכיע דורך א פאַרשטאַרקטן פלעגן דעם כוח וועלכער איז אין זיין חלוצישן ווערק מסוגל צו פאַרלויפן דעם וועג פון אומגליקן און אויפטרייסלונגען. דאָס איז די מסקנה, וועלכע אונדזער פּאַרטיי דאַרף זיך איינפלאַנצן אין הארץ און איר אויפקלערונג טראָגן צווישן פאָלק.

13. דער גערא־נגל פון דער קיבוצישער באַוועגונג

מען דאַרף נישט פאַרהוילן דעם ביטערן פאַקט: די קיבוצישע באַוועגונג איז ווידער אריין אינעם שטח פון הארבע געפאַרן, וועלכע לויערן אויף איר. דער דאָזיקער קריזיס האָט געטראָפן די קיבוצישע באַוועגונג גראד אין דער צייט, ווען זי איז דערגאַנגען צו רעקאָרדן אין דער פּראָדוקציע און אַנטוויקלונג. די שאַצונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער גערעטעניש אין

יאָר 1952 באַווייזט, לויט אָפיציעלן מאַטעריאַל וואָס איז אין אונדזער רשות, דאָס פאָלגענדע בילד:

	אין מיליאָנען ל״י	אין פּראָצענטער פון דער יידישער ווירטשאַפט
קיבוצים	48,5	32,7
מושבי־עובדים און עולים	37,1	25,4
מושבים פון מיטלשטאַנד	14,5	10,1
פּריוואַטע און אַדמיניסטראַטיווע מוש׳בים	46,8	31,8
סך־הכל	146,9	100,0%

די קאַלקולאַציע פון יאָר 1955—תשט״ו צייגט אונדז, אַז דער אַנטייל פון דער קיבוצישער באַוועגונג אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע האָט נאָך באַוויזן צו שטייגן און דערגאַנגען צו 35% (אויסער אָראַנזשן־פּרוכטן).

דער דאָזיקער ציפערן־פאַרגלייך צווישן דער הייך פון גערעטעניש און פּראָדוקציע־פאַרנעם אין די פאַרש־ידענע סעקטאָרן פון דער התישבות, באַווייזט, אַז די קיבוצישע באַוועגונג גייט פאָרויס אין פּראָצענט־זאַץ פון פּראָדוקציע און גערעטעניש פאַר אַל׳ע אַנדערע פאָרמען פון דער התישבות. איך וויל נישט דאָ אונטער׳שטרייכן דעם דאָזיקן פאַקט אויסן ווילן ווען צו פּריווילעגירן, כ׳וויל נאָר אָנווייזן אויף דעם פאַרנעם פון די מעגלעכ־קייטן פון דער קיבוצישער ווירטשאַפט און צונישט מאַכן די אַרגומענטן פון די באַשולדיקער.

איך באַריר נישט דאָ די אינער׳לעכע פּראָבלעמען פון דער קיבוצישער באַוועגונג. ס׳איז די זאַך פונעם ראָט פון קיבוץ אַרצי צו געבן אויף דעם אַן ענטפער. איך באַהאַנדל עס דאָ פון אַלגעמיין־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, ד.ה. אין דער מאָס פון איינפלעכטן די קיבוצישע באַוועגונג אינעם פּראָצעס פון בנין־הארץ און קיבוץ הגלויות. אין דעם זין וואַרפט זיך אין די אויגן פאָלגענדער סך־הכל: אין משך פון צענדליקער יאָרן האָבן די נאַציאָ־נאַלע אינסטאַנצן זיך באַנוצט מיט דער קיבוצישער באַוועגונג ווי א מכשיר אויפצונעמען עליה, צו דעראַבערן באָדן און אים אויפבליען, צו פלעגן גרעינים (קערנדלעך) פאַר פאַרטיידיקונגס־כוחות, צושטעלן קאַדרען פון מדריכים פאַרן אַפּאַראַט פון דער הסתדרות און מדינה, און צום סוף — אלס לגמרי נישט אנטוישנדיקער קיואַל צו שטאַרקן די מאַנשאַפטן פון אָפיצירן און קאָמאַנדירן אין צה״ל. ווי אַן „אומזיסטיקע צוגאַבע״ האָט די

קיבוצישע באוועגונג צוגעשטעלט דעם רוב מנין ובנין פון דער ייגגער ליטעראַטור. דאָס איז געווען א ניט־אנטוישנדיקער קוואַל, פון וועמען מ׳האָט געשעפּט אָנפירנדיקע אינטעלעקטועלע, אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע כוחות, און ר׳איז נאָך איצט ווייט פון אויסשעפּן זיך. עדות דערפאַר איז די פּרעסע, די פארצווייגטע ליטעראַטור און ביכער־פאַרלאַגן פון די קיבוצישע שטרע־מונגען, יעדער לויט זיין פאַן. דאָס איז געווען א קוואַל פון וועלכן מען האָט ביז איצט געשעפּט מיט אייפער. צום באַדויערן האָט מען געשעפּט אָן אַ חשבון, און אָפּטמאָל — מיט אומדאַנקבאַרקייט.

מיר געדענקען די באַשולדיקונגען אויף דער קיבוצישער באַוועגונג, וועלכע ס׳האָבן געלאָזט הערן די פירער פון מפא״י. ווי א דאָרן אין אויג איז זיי געווען די זעלבשטענדיקייט און אידעאישע קאָנסאָלידאַציע פון די קיבוצישע שטרעמונגען. שדה־בוקר, די דאָזיקע איינזאַמע קבוצה, איז דערהויבן געוואָרן צו א סימבאָל און ביישפּיל פון אומאָפּהענגיקייט אין דער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג פון געדאַנקלעכן קאָלעקטיוויזם. אזוי האָט מען פאַרטגעזעצט באַשולדיקן און פאַרורטיילן, און גלייכצייטיק האָט מען זיך געפּירט צו נעמען מיט פולע הויפנס פון דער קיבוצישער באַוועגונג, ביי יעדער עת־צרה און נויט. האָבן זיי זיך ווען אַמאָל פאַרגעשטעלט, וואָס וואָלט געשען דעם דאָזיקן ישוב און דעם המשך פון בנין־הארץ ווען חלילה, — אל נפתח פה לשטן — די קיבוצישע באַוועגונג וואָלט געווען געליטן אַ דורכפאַל און זיך צוזאַמענגעבראָכן? וועגן דעם האָט אַמאָל געזונגען אין דער פרעמד דער דיכטער מיצקעוויטש איבער זיין פאַרלוירן היימלאַנד: „מיין פאַטערלאַנד, וויאזוי מען דאַרף דיך שאַצן, ווייסט נאָר פאַרשטיין דער וועלכער האָט דיך פאַרלוירן״. די קיבוצישע באַוועגונג איז נישט קיין אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון וועלכן מען קאָן שעפּן, אָנעם צוריקערן אים זיין כוח און שטאַלץ, אָנעם פאַרזיכערן אים רעזערוון און אָן פאַרפעסטיקן און אויסשטאַטן די.

ס׳איז ממש אומגלויבלעך: אַ גרויסער טייל פון די קיבוצישע ווירטשאַפטן האָט פאַרטאָפּלט און אפילו פאַרדרייפאַכט די צאָל משפחות, אָן דעם, אַז די קאָלאָניזאַציע־אַמטן זאָלן האָבן דערין אינוועסטירט א חלק וואָס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן, פון דער בכבודיקער סומע וועלכע זיי אינוועסטירן אין באַזעצן אן איינצלנע משפּחה. זיי האָבן די קיבוצישע באַוועגונג פאַרוואַנדלט אין א התישבות־אנשטאַלט אויפן חשבון פון דער פּראַצע פון אירע מיטגלידער. אָבער אַ גרוב פילט זיך נישט אויס מיט זיין אייגענעם זאַמד. כדי דעמאָנסטרירן וויאַזוי ס׳איז ביז די לעצטע כוחות אויסגענוצט געוואָרן דער קיבוצישער משק, וועלן מיר ברענגען

אַ סך־הכל לויטן מאַטעריאַל פון המרכז החקלאי (לאַנדווירטשאַפטלעכע צענטראַלע):

וווקס אין דער קיבוצישער באַוועגונג

120 קיבוצים פונעם גרינדונגס־יאָר ביזן יאָר תשט״ז:

בודזשעטארע איינהייטן	ווירטשאפטלעכע איינהייטן	וווקס פון איינהייטן וועמען די קיבוצים האָבן אויפגענומען אן בודזשעטן
7012	15,357	8,345

אויב מיר וועלן בערך 1.000 איינהייטן אַראָפּרעכענען אויפן חשבון פון די קינדער וועט זיך באַקומען אַ סומע פון העכער 150 מיליאָן ל״י, וואָס די קיבוצישע ווירטשאפטן האָבן אינוועסטירט פאר אויסברייטונג און קליטה, אַ ביסל פון זייער עודף און אַ ביסל פאַרן פרייז פון פאַרקנעכטן זיך צו די בענק. דער חשבון נעמט נישט ארום די פינאנסיעלע אויסגאבן און די פילע ארבעטס־טעג, באשטימטע אָן קאמפענסאטע, פאר זיכערהייט און פאַרטיידיקונג־באַדערפענישן. יעדע קיבוצישע ווירטשאַפט און באַזונדערס די גרענעץ־פונקטן — נעמען אויף זיך אן אומדערטרעגלעכע לאַסט פאר זיכערהייט־ענינים. אויב מ'האָט מיט יאָרן צוריק געשיקט אין די קיבוצישע משקים ווינציקסטנס שטאָטישע יוגנט אויף אַ יאָר לאנדווירטשאפטלעכע אַרבעט אין די ראַמען פון נח״ל, אַזוי ווערט היינט די לאַנדווירטשאַפטלעכע דינסט אין די ראמען פון נח״ל כסדר איינגעשרומפּן. די שטאָטישע יוגנט ווערט ביסלעכווייז באפרייט פון דאָך איין חלוצישן אנשטרענג, פארן אומקערן זיך פון מיליטער־דינסט צו שטאָטישע פרנסות. אזוי איז נאָך איין חלוציש זיכערהייט־ווערק פאַרורטיילט געוואָרן צו דעגענעראַציע.

ס'איז נויטווענדיק צו ברענגען פאר דער עפנטלעכקייט איין אמת וואָס באהאלט זיך אונטער די אויבנדערמאָנטע ציפערן, און דאָס איז: וואָלטן די קאָלאָניזיר־אַנשטאַלטן געטראָגן די אחריות און געדעקט די רעשט אינוועס־טיציעס וואָס די קיבוצים האָבן אויסגעגעבן פאר זיכערהייט־צוועקן, אויס־ברייטערונג און צוגאָבלעכע קליטה, אויסערן בודזשעט, וואָלטן די לעצטע נישט דערגאנגען צו דעם פינאנסיעלער נויט אין וועלכער זיי געפונען זיך איצט. אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראכט די ריזיקע לאַסט פון חובות און פראָצענט וואָס ליגט אויף די קיבוצים וועלכע טראָגן אויף זיך אויפגאַבן פון די קאָלאָניזיר־אנשטאַלטן און זיכערהייט־אינסטאַנצן, וועלן מיר לייכט פאַרשטיין, וויאַזוי די קיבוצישע ווירטשאַפט, אפילו די סאַמע איינגע־פונדעוועטסטע, איז אַריין אין דעם פינאַנסיעלן קריזיס אין וועלכן זי געפינט זיך אין איצטיקן מאָמענט.

ס'איז באוווסט, אז די מושבי־עובדים (ארבעטער־זידלונגען) האָבן זיך געוווערט אויפצונעמען נאָך א משפּחה, אויב ס'וועט פאר איר נישט געזיכערט ווערן דער פולער בודזשעט. וואָלט די קיבוצישע באַוועגונג באַקומען פאר יעדער צוגאָבלעכער משפּחה דעם געפאָדערטן בודזשעט, צי אפילו אַ באַדייטנדיקן טייל פון אים, אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די קיבוצים וואָלטן נישט פארקנעכטעט געווען צו די בענק און צענדליקער חברים אין יעדער משק וואָלטן נישט באַדאַרפט האָרעווען צו צאָלן בלויז דעם פּראָצענט. דער אדמיניסטראַטיווער באַקוועמלעכקייט גלוסט זיך אָבער גיין אויף דער ליניע פון לייכטן ווידערשטאַנד און אויסטיילן די קיבוצים אַנטוויקלונגס־הלוואות דווקא אויף א „באַהאָפטענעם"* פּראָצענט, וואָס איז נישט קיין סך ווייט פונעם שפּעקולאַנטישן פּראָצענט. די קיבוצישע ווירטשאַפטן זענען געצווינגען אַנצוקומען צו יעטוועדן קוואַל פון קרעדיט. ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע נויטווענדיקייטן צווינגען זיי צו פאַרגרעסערן זיך און אדרבה־רבכן די ראַם וועלכע די קאָלאָניזיר־אינסטאַנצן האָבן זיי באַשטימט מיטן מאָמענט פון אַרויפגיין אויפן באָדן. זיי אַבסאָרבירן און ריזיקירן. אפילו איינגעפונדעטע ווירטשאַפטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו א רעקאָרד אין דער פּראָדוקציע, גייען ווי אויף אַ דינעם שטריק. און אויב זיי האַלטן זיך נישט אָפּ פונעם העכסטן אָנשטרענג, געשעען נישט קיין נסים אין דער ווירטשאַפט, און עקאָנאָמישע געזעצמעסיקייט ברענגט אין דער אונטערשטער שורה די וועקסלען צו אינקאַסע. עס איז נויטווענדיק, אַז ס'זאָל נעמען אַ סוף צו דער רויב־ווירטשאַפט כלפּי די חלוצישע כוחות אין פאָלק. מען דאַרף דער קיבוצישער ווירטשאַפט אומקערן ווינציקסטנס אַ חלק פון אירע אינוועסטירטע סומען פאר זיכערהייט פון די גרענעצן, פאר אויסברייטערונג און אינערלעכן וווקס, כדי די חברים זאָלן זען א שכר פאר זייער מי און כדי די זאָלן זיין בכוח צו ווייטערדיקע אָפּענסיוועס.

די זין קערן זיך אום פון מיליטער־דינסט און שטעלן אויף נייע משפּחות. מען דאַרף פאר זייערטוועגן אויסברייטערן די ווירטשאַפטלעכע צווייגן. יעטוועדע אויסברייטערונג פאָדערט אינוועסטיציעס, און אפילו א משק וואָס איז מצליח, איז נישט מסוגל צו פאַרטאַפּלען די צאָל משפּחות פון זיינע אָפּשפּאָרונגען און עודפים. דער דאָזיקער רעזשים וואָס צווינגט די קיבוצישע באַוועגונג צו ראַנגלען זיך פאר אָפּהיטן דאָס פּאַראַנענע, וועלכער פאַרשטעלט פאר איר די נאַטירלעכע רעזערוון, האַלט פון איר אָפּ די נויטיקע מיטלען פאַר אָפּענסיוועס — ער טראָגט די עיקרדיקע פאַראַנט־

---

* באַהאָפטן צום אינדעקס אָדער צום דאָלאַר־קורס, און לויט דער שטייגערונג פון דעם, שטייגט גלייכצייטיק דער פּראָצענט... (באַמערקונג פון איבערזעצער).

וואָרטלעכקייט פאר אָפּשוואַכן דעם חלוצישן חוט־השידרה אויפצונעמען א מאַסן־עליה און פאַר אַ מאַסנווייזער קאָלאָניזאַציע.

די וואָס פראָקלאמירן איצט וועגן קומען פון דריטן מיליאָן, מוזן אונדז ענטפערן ווער וועט זיין דער רוקנביין פאר דער מאַסנווייזער התישבות אין די פיל פיל שווערערע באדינגונגען ווי אין דער פארגאנגענהייט. ס׳איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז די התישבות אין ארבעטער־זידלונגען קאָן דינען פאר א ברייטן וועג צ׳ באַזעצן מאַסן אויף דער ערד פון פאָטערלאַנד. נאר גלייכצייטיק זענען מיר איבערצייגט, אז אָנעם קיבוצישן חוט השידרה, וועט נישט געזיכערט ווערן קיין דערפאָלג דער דאָזיקער פאָלקסטימלעכער קאָלאָניזאַציע. אַ ניש־ט־חלוצישער, אָפּטמאָל אפילו אַן אַנטי־חלוצישער רעזשים, קאָן נישט נאָר שטעלן אין קאָן די נייע התישבות, נאָר אפילו די פעסטקייט פון די פאַראַנענע ווירטשאַפטן, אויב ס׳וועלן דער קיבוצישער באַוועגונג צוגענומען ווערן די ברייטע האָריזאָנטן פון אויסשפּרייטונג, אנטוויקלונג און דעראבערונג פון דער וויסטעניש — וועט אין דער אונטערשטער שורה ליידן דערפון אויך די תנועת־המושבים. די קיבוצישע באוועגונג פאַרמאָגט אין זיך כוח אָנצוהאלטן איר היסטאָרישע שליחות. לאָמיר האָפן, אַז ס׳וועט נישט געלונגען זי אַראָפּנידערן צו דער מדרגה פון אַ צייטווייליקן ,און קאָניונקטור־עלן מכשיר און שטעלן אונטער אַ פראגעצייכן איר נויטווענדיקייט במשך פיל דורות וואָס פאר אונדז.

אזעלכע עקספּערימענטן ווערן אָבער געמאכט און די געפאר קלאַפּט אין אונדזערע טירן. דאָס ווייסן די קיבוץ־מענטשן אין מפא״י, מפ״ם און אחדות־העבודה. מענטשן פון מפא״י פילן דאָס שאַרפער פון אונדז. די קיבוצישע באוועגונג פון מפא״י איז מודה, אז זי איז פארשטויסן געוואָרן אויף א זייטיקן וועג. אלע קיבוצישע שטרעמונגען פילן, אז נישט בלויז דער גורל פון דער קיבוצישער באוועגונג ליגט אויפן וואָגשאָל, נאָר דער גורל פון קליטת העליה און פון דער התישבות און פון עצם געשטאלט פון אונדזער מדינה. פונדעסטוועגן איז די קיבוצישע באוועגונג נישט קאָנסאָלי־דירט, זי זאָל געמיינזאם אראָפּנעמען דעם שטיין פון ברונעם. נישט איינהייט איז אונדז נויטיק, כדי זיך קאָנסאָלידירן אין געראנגל פאר א בשותפותדיקער זאך און קעגן א בשותפותדיקער געפאַר. די רייד וועגן איחוד (פארייניקונג), זענען דער „זייער גוט״ וואָס שעדיקט אין גוטן. די קיבוצישע באוועגונג דאַרף קלאָר דערקלערן די דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער קאָאַליציע און אפילו דער גאנצער רעגירונג: אָן שום ספק, אז די דאָזיקע רעגירונג איז בעסער פון יעדער פריערדיקער רעגירונג אויפן געביט פון קליטת העליה און התישבות, זי האָט אָבער נישט מקיים געווען איר ערשטע פאַרפליכטונג, וועלכע ס׳אַנטהאַלטן די „גרונט־ליניעס״ — זי האָט נישט

אויפגעשטעלט דעם חלוצישן רעזשים אין אונדזער לאַנד, געזיכערט דעם קיום פונעם חלוצישן און קיבוצישן חוט־השידרה פאַר אַ פּראָדוקטיוון עליה־אויפנעם אין דאָרף און אין שטאָט.

דער דריטער צוזאַמענפאַר וועט דאַרפן אונטערזוכן די פּאָליטישע טעטיקייט־ליניע פון אונדזער פּאַרטיי אין דער מדינה און אין דער הסתדרות, די מאָס פון דערפאָלג פון דער דאָזיקער רעגירונג און די מאָס געמיינזאַמע אחריות אין איר פון די דריי חלוצישע ארבעטער־פּאַרטייען. זי וועט דאַרפן באַטראַכטן אין אַ וואָסער מאָס איז די דאָזיקע רעגירונג געשטאַנען אין איר התחיבות אויפצושטעלן א חלוצישן רעזשים אין לאַנד און איינשפּאַנען די חלוצישע כוחות צו פאַרווירקלעכן די היסטאָרישע אויפגאבע וואָס ליגט אויף איר.

מסקנות

א. כדי זיכערן אונדזער לאַנד דעם סאַמע גרעסטן כוח פון קליטה און די עולים די סאַמע גרעסטע פעיקייט פון איינאָרדענונג — איז נויטווענדיק אויפצושטעלן א חלוצישן רעזשים אין איינקלאַנג מיט די פאַרפליכטונגען וועלכע זענען אַריינגענומען אין די גרונט־ליניעס פון דער דאָזיקער רעגירונג.

ב. דער חלוצישער רעזשים דאַרף מיט מונטערע שריט אונדז דערנענטערן צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט ווי אַן אַרבעטנדיק פאָלק, וואָס האַלט זיך אויס פון אייגענער פּראַצע.

ג. דער חלוצישער רעזשים דאַרף פאַרזיכערן דעם אויפנעם פון מאַקסימום יידן אויף א מינימום שטח און מאַקסימאַל אויסנוצן די 20 מיליאָן דונאַם וועלכע בילדן דעם שטח פון מדינת ישראל.

ד. דער חלוצישער רעזשים דאַרף זיכערן פאַרשטאַרקטע פּראָדוקטיוויזירונג פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, פאַרקלענערן דעם איבערטריבענעם פאַרנעם פון די פאַרמיטלונגס־און דינסט־פּרנסות און שטאַרקן די פּראָדוקטיווע פּרנסות אין שטאָט און אין דאָרף — פון דער נידערלאַגע פון אונטער 40% פּראָדוקטיווע פּרנסות אין וועלכע מיר געפינען זיך היינט, ביז 50%—60% פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, אייגנטימלעכע פאַר פעלקער מיט געאָרדנטע פּרנסה־צווייגן.

ה. דער חלוצישער רעזשים דאַרף איינהאַלטן דעם פּראָצענט־זאַץ פון ערד־ארבעטער, וואָס זאָל די מדינה־איינוווינער קאָנען זיכערן מאַקסימאַלע, אייגענע באַשפּייזונג.

ו. כדי פאַרזיכערן אַ פּראָדוקטיווע קליטה פאַרן דריטן מיליאָן עולים, איז נויטיק צוצוגרייטן נאָך אַ מיליאָן דונאם באַדן במשך די נאָענטסטע

צען יאָר און ס׳איז נויטווענדיק צו שטאַרקן די אויפנעם־פעיקייט פון די עולים און די קליטה־מעגלעכקייט פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד, מיט אירע פּראָדוקטיווע צווייגן אין שטאָט און אין דאָרף.

ז. לשם פּראָדוקטיווער אַבסאָרבציע פונעם רוב עולים וואָס וועלן נישט אויפגענומען ווערן אין דער לאַנדווירטשאַפט, דאַרף די הסתדרות און רעגירונג אויסברייטערן די גרונט־אינדוסטריעס — אָן אויפגאַבע וועלכע דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל איז נישט מסוגל אַדורכצופירן.

ח. די אַלץ־וואַקסנדע שוועריקייטן ביים באַלעבן די וויסטעניש און ביים צוגרייטן די באָדנס וועלכע שטייען צו אונדזער רשות נאָכן פאַרטיילן דעם רוב פרוכטבאַרע ערד און גינסטיקע שטחים צום באַאַרבעטן, פאָדערט דורכאויס, אַז דאָס באַזעצן זיך פון מאַסן זאָל געזיכערט ווערן דורך א חלוצישן עמוד־שידרה.

ט. ביי דער גאַנצער וויכטיקייט פון אַנדערע פּראָדוקציע־צווייגן אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד, איז אָבער דאָס צוגרייטן ערד און אויסברייטערן די זידלונגס־שטחים מיט נאָך מיליאָנען דונאַם אין דער נאָענטסטער תקופה, אַן אַנטשיידנדיקער רינג אינעם פּאַרסיון אונדזער ווערק און צואיילן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות. דער ענין פון פאַרזיכערן באָדן אונטער אונדזערע פיס איז אזוי לעבנסוויכטיק און גורלדיק, אַז קיין שום פּרייז איז נישט טייער כדי פאַרגרייטן נאָך א מיליאָן דונאַם און נאָך א מיליאָן אויף צו זיכערן שפּייז פאַר מיליאָנען יידן וועלכע קלאַפּן אין אונדזערע טויערן.

י. די קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבן וואָס דערוואַרטן אונדז אין די נאָענטסטע יאָרן, פאָדערן אַן אַנטשיידנדיקן ווענדפּונקט אינעם דערציונגס־סיסטעם פון דער לערנדיקער און א־בעטנדיקער יוגנט אין לאַנד. זיי פאָדערן לענקען די לערנדיקע יוגנט צו די פּראָדוציר־צווייגן און באַזונדערס צו דער לאַנדווירטשאַפט. מען דאַרף געבן פולע אונטערשטיצונג און פאַרצוג די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען. נאָך א לאַנגע תקופה וועט די אַרבעטנדיקע און שותפותדיקע לאַנדווירטשאַפט פאָדערן מאַקסימום הארע־פאַשנע מי און מאָביליזאַציע פון מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע כוחות צווישן דעם יינגן דור, כדי ער זאָל קאָנען דערפילן זיין היסטאָרישע אויפגאַבע און דערמעגלעכן א קאָמפּאַקטע באַזעצונג פון מיליאָנען עולים פון דן ביז אילת.

יא. אויפן אָרט פון אריינדרינגען דעם רעליגיעזן קולט אין די מלוכהשע שולן, אונטער דער מאַסקע פון פלעגן „יידישן באַוווסטזיין" — דאַרף מען אין דער דערציונג אריינדרינגען דעם „חלוצישן באַוווסטזיין" און דעם קולט פאַר הארעפאַשנער מי, וועלכער פירט צו דעראָבערן וויסטענישן און צו באַזעצן די גרענעץ־ראַיאָנען און דעם נגב.

יב. די דאָזיקע רעגירונג וועט פאַרלייקענען אירע הייליקע פאַר־פליכטונגען אויפצושטעלן א חלוצישן רעזשים אין אונדזער לאַנד, אויב צווישן דער אַרבעטנדיקער און לערנדיקער יוגנט אין לאַנד און צווישן דער ייד־שער יוגנט אין אויסלאַנד וועט נישט צוריקגעשטעלט ווערן אויף איר אָרט די קרוין פון לאַנדווירטשאַפטלעכן חלוציזם. מען דאַרף פלעגן די אַנשטאַלטן פאַר חלוצישער צוגרייטונג אין די גלות־לענדער און אויסברייטערן די נעץ לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן אין לאַנד.

יג. מען דאַרף פאָדערן פון די אַרבעטער־פירער אין לאַנד און פון די הסתדרות־עסקנים, אז זיי זאָלן דינען אלס ביישפּיל פאַר אַנדערע און דערמוטיקן זייערע זין און טעכטער אַנצושליסן זיך אין די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין דער התיישבות, אין די גרענעץ־געביטן און אין נגב און צו די חלוצישע אויפגאַבן פון איצטיקן דור.

יד. מען דאַרף פלעגן ענגע צוזאַמענאַרבעט צווישן די שטרעמונגען פון דער קיבוצישער באַוועגונג און קאָנסאָלידירט קעמפן קעגן דיסקרימינירן די קיבוצישע באַוועגונג דורך די קאָלאָניזיר־אַנשטאַלטן.

טו. מען דאַרף פאָדערן מאַקסימאַלע איינשטראַמונג פון נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל פאַר די באַדערפענישן פון קליטה און אַנטוויקלונג.

טז. מ׳דאַרף באַגרענעצן דעם אימפּאָרט פון לוקסוס־אַרטיקלען און קעמפן קעגן אַרויסשמוגלען קאַפּיטאַל פון לאַנד.

יז. מ׳דאַרף אַרויפלייגן א פרישע לאַסט פון שטייערן אין דער פאָרם פון פאַרמעגן־שטייער אדג״ל, כדי מאָביליזירן נאָך מיטלען פאַר פולער באַשעפטיקונג.

יח. מ׳דאַרף פאַרזיכערן אַרבעטער־דערציונג און פאַך־צוגרייטונג וואָס זאָל אַרומנעמען צענטליקער טויזנטער עולים, כדי זיי אויפנעמען אין דער ווירטשאַפט און פאַרגרעסערן ביי דער באַפעלקערונג אין לאַנד די צאָל פּראָדוקטיווע פּרנסות.

יט. איינפירן א רעזשים פון פולער באַשעפטיקונג אלס סטאַבילן פאַקטאָר אין דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון ישוב, אין צונויפשמעלצן די עדות, און ביים עקאָנאָמישן און סאָציאַלן פאַרשריט פון די צוריקגעשטאַנענע שיכטן.

צענטליקער טויזנטער משפּחות עולים, וואָס זייער אַנטשיידנדיקער טייל געהערט צו די מזרח־עדות, זענען נאָך נישט אבסאָרבירט געוואָרן פול־שטענדיק אין דער ווירטשאַפט און נאָך נישט זוכה געווען צו א סטאַבילער וווינונג; זיי זענען פאַרורטיילט צו אַ דעגענערירנדיק לעבן, דינען אַלס אָביעקט פאַר „חרות״ישער און מק״יסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די מעגלעכקייט

צו זיין צווישן די וואָס זענען זוכה צו א סטאבילן שיכון ווערט געגעבן פאַר אַן אָפּצאָל, וואָס די פאָלקס־אָרעמקייט איז נישט אימשטאַנד צו דעקן. מען דארף דערמעגלעכן שיכון פאר אלעמען און אָן דיסקרימינאציע, דורך ערטיילן הלוואות אויף אנטשפרעכנדיקע באדינגונגען; מ׳דאַרף דערמעגלעכן סטאַבילן שיכון אויך פאַר די ווייניק־פאַרמעגלעכע שיכטן און אפילו פאַר די טויזנטער וואָס קומען אָן נאָך שטיצע.

כ. מ׳דאַרף דערמוטיקן די זעלבשטענדיקע ארבעטער־ווירטשאַפט און די ארבעטנדיקע קאָאָפעראַציע אין דער לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע.

כא. מען דארף שטרענג אָפּהיטן דעם פרינציפּ און נישט דיסקרימינירן עדות ביי דער קליטה,ביים פאַרטיילן אַרבעט און וווינונגען און ביי אַלע געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע איינריכטונגען.

פרק ב׳:

וועגן קלאַסן־קאַמף, אריינגעפּלאַכטן אינעם בנין־הארץ

1. קלאַסן־זעלבשטענדיקייט און די קאָאָרדינירנדיקע מכשירים

דער קלאַסן־קאַמף, איינגעפלאָכטן אינעם בוי פון לאַנד, איז איינער פון די צוויי זיילן אויף וועלכע עס שטייט די הסתדרות. די דאָזיקע אריינפלעכטונג פונעם קלאַסן־קאַמף און פאַרסירן דעם בוי פון לאַנד, איז אונדזער טאָג־טעגלעך ברויט, אונדזער לעבנסזאַפט. נישט געקוקט אויף דער אנטשיידנדיקער וויכטיקייט פון דאָזיקן פּראָבלעם אינעם לעבן פון אונדזער מדינה, איז צווישן די דריי ארבעטער־פּארטייען באשטימט געוואָרן נישט אריינעמען די ענינים אין די „גרונט־ליניעס" פון דער רעגירונג, לויט דער הנחה, אז זיי געהערן דירעקט צו דער הסתדרות. ס׳איז דעמלט באַשטימט געוואָרן צווישן די דריי ארבעטער־פּארטייען, וועלכע האָבן אויסגעארבעט די גרונט־ליניעס פון דער איצטיקער קאָאַליציע, אז די פּראָבלעמען פונעם קלאַסן־געראַנגל געהערן צו די קאָמפּעטענצן פון דער הסתדרות.

ס׳זענען פאריבער בלויז עטלעכע חדשים זינט דעם אויפשטעלן די קאָאַליציע און פּראָבלעמען פון באַציונגען צווישן ארבעטער און אונטערנעמער, ווי — די פראַגע פון פאַרגליווערטן לוין, אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, גערעכטע פאַרטיילונג פון דער שטייערן־לאַסט, קלאַסן־אונטערשידן אינעם פעסטשטעלן דעם הכנסה־שטייער אדג״ל — זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון פאַרינטערעסירונג פון דער רעגירונג. די ווירטשאַפטלעכע

מיניסטעריומס פון דער רעגירונג זענען אמיינסטן געווען פאַרטאָן אינעם מטפל זיין מיט די דאָזיקע פראָבלעמען.

מיט דער גאנצער ענערגיע זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די צוזאַמענהאַנגלעכע מכשירים. אייגנטלעך, איז נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן אָדער באַקלאָגן אויף דעם. די פּראָבלעמען וואָס דער עיקרדיקער טייל זייערער איז אין פולמאַכט פון באהאנדלונג און אנטשיידונג פון דער הסתדרות העובדים, שטייען אין צענטער פון פאראינטערעסירונג פון דער רעגירונג. מפּ"ם האָט קיינמאָל נישט פאַרבאַהאַלטן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קלאַסן־געראַנגל און בוי פון גאַנצן לאַנד. נאָך פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה, האָבן מיר נישט געזען קיין שום סתירה צווישן דער קלאַסן־סאָלידאַריטעט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אונדזער אָנגעהעריקייט צו דער הסתדרות און אונדזער אחריות פאַר איר פאָרשריט — און אַנטוויקלונג פון לאַנד און בוי, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אונדזער אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אונדזער אחריות פאר איר וווּקס און אנטוויקלונג. מיטן אויפשטעלן מדינת ישראל, זענען עטלעכע אנטשיידנדיקע פונקציעס פון עליה־אויפגעם און בנין־הארץ אריבער צו די קאמפעטענצן פון מיניסטעריומס פון דער מדינה. סיי די אויפגאבן פון עליה, התישבות און בנין הארץ זענען געבליבן אין דער קאמפעטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, סיי זיי זענען אַריבער אין רשות פון דער ישראל־רעגירונג, פארפליכטעט אונדז אויך איצט — און אפשר נאָך מערער — די אריינפלעכטונג פון אחריות פאַרן קלאַסן־קאַמף און דער אחריות פאר בנין הארץ. נאָר פונקט ווי אין די טעג פון דער „מדינה אונטערוועגנס" האָבן מיר ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג אָפּהיטן די פרייהייט פון קלאַסן־קאַמף פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן יעטוועדן פרווו פון אָבליגאַטאָרישן אַרביטראַזש אין צווישן־קלאַסן סיכסוכים, אַזוי זענען מיר פאַרפליכטעט אויך איצט אָפּצוהיטן די פרייהייט פון דעם קלאַסן־קאַמף ווי די נשמה פון דער הסתדרות. פונקט ווי מיר האָבן אין די טעג פון דער „מדינה אונטערוועגס" אָפּגעוואָרפן דעם פרווו פון אויפצווינגען אַן אָבליגאַטאָרישן אַרביטראַזש, איינגעשלאָסן אינעם הסכם בן־גוריון־זשאַבאָטינסקי, אַזוי וועלן מיר מיט דער אַנטשלאָסנקייט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן ענלעכע פרווון און אפילו זאָנדירונגען אין דער ריכטונג, וועלכע ווערן די טעג געמאַכט דורך מפא"י־פירער.

די מפא"ישע מנהיגים וועלכע שטייען ביים רודער פון דער רעגירונג און הסתדרות, האָבן נישט איינמאָל אויסגענוצט די צונויפפלעכטונג צווישן קלאַסן־געראַנגל און די באַדערפענישן פון בנין הארץ, כדי אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם אַדורכפירן אַ פאַרשווערונג אויף דער פרייהייט פונעם

פראָפעס־אָנעלן קאַמף. מיר געדענקען דעם געראַנגל אַרום דעם פּרוּוו פון די מפא״י־פירער אין דער רעגירונג און הסתדרות צו פאַרגליווערן דעם לוין. מיר האָבן דעמלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט איבערצופירן די אַנטשיידונג צו דער קאָמפּעטענץ פון דער רעגירונג־קאָאַליציע. מיר האָבן נישט געלאָזט אַרויסנע־מען דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פון די פולמאַכטן פון דער הסתדרות. מיר זענען געשטאַנען פאַר א גרויסן דרוק — און אים בייגעקומען. אַן ענלעכער פּרוּוו איז מיט מער תקיפות און הארבקייט געמאַכט געוואָרן אין די טעג פון „אתא״־שטרייק. דעסמאָל האָט מפא״י זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אָוועקנעמען פון די שטרייקנדיקע און זייערע דירעקטע פאָרשטייער דעם טיפול מיטן שטרייק. אויס פּראָוואָקאַציע וואָס האָט נישט געהאַט קיין ביישפיל פריער, האָט זי פון די אָרטיקע הסתדרות־אינסטאַנצן (ארבעטער־קאָמיטעט, חיפה׳ער ארבעטער־ראָט), ארויסגענומען די פירונג מיטן שטרייק און איבערגעפירט צו א דירעקטן טיפול פון די מפא״י־אינסטאַנצן און אירע ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן. צו דעם איז נאָך צוגעטשעפעט געוואָרן דער פּרוּוו צו באַשטימען דעם פּרעמיער אַלס איינציקן און דעציזירנדיקן בורר. דער דאָזיקער פּרוּוו האָט אונדז ווי צוריקגעפירט צו די טעג פון נעם הסכם בן־גוריון־זשאַבאָטינסקי.

2. וועט אחדות־העבודה עפּעס לערנען?

איך מוז אונטערשטרייכן, אז נאָך וואַקלונגען איז אחדות־העבודה צוגעשטאַנען צו אונדזער קאַמף אין די אַנטשיידנדיקע מינוטן. דאָס איז געשען אין די טעג פון געראַנגל קעגן דער לוין־פאַרגליווערונג און אויך בעתן קאַמף ארום דעם „אתא״־שטרייק.

אין די דאָזיקע טעזיסן וועל איך נישט ווידמען מיינע רייד לשם פּאָלעמיק מיט די פּאַרטייען. אין דער מאָס ווי אזא וויכוח איז לעבנסוויכטיק און נויטווענדיק, וועל איך אים פאַרבינדן מיט די עיקרדיקסטע שטרייט־פראַגן. דעסמאָל וועל איך שילדערן דאָס מערקווירדיקע אָפּקערן זיך מצד דער פּאַרטיי אחדות־העבודה—פּועלי־ציון פון געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט מיט אונדז, נישט געקוקט אויף דער ענלעכקייט פון די לאָזונגען וואָס באַרירן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אונדזערע אויגן זעען, אז מיר שטייען נישט פאַר אַנטשיידענע ענדערונגען אין די באַציונגען צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען. די קעגנזאצן און די ספּעציפישע איינשטעלונגען וואָס טיילן די פּאַרטייען — באַשטימען זייער באַזונדערן כאַראַקטער. צוליב די דאָזיקע קעגנזאַצן און ספּעציפישע אייגנשאפטן, זענען צונישט געוואָרן די פּרוּוון צו לעבן צוזאמען. זיי האָבן זיך געענדיקט מיט דער שפּאַלטונג צווישן מפא״י און אחדות־העבודה, פּונקט ווי ס׳האָט זיך געענדיקט מיט דער שפּאַלטונג צווישן מפ״ם און אחדות־העבודה. איצט איז די לאַגע אַזעלכע, אז די קעגנזאצן און ספּעציפישע

ליניעס וואָס טיילן אָפּ די אַרבעטער־פּאַרטייען, זענען מיר געצווינגען אויפצונעמען ווי קאָנקרעטע געגעבענע פּאַר וועלכע מען קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן און זיי נישט גובר זיין דורך פרומע מליצות.

הגם זיי האָבן דעם עקזאַמען פון די פאַרייניקונגס־פּרווון ניש אויסגעהאַלטן, פּאָדערט אָבער די קלאַסן און נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט איינצוהאַלטן מיט מערער קראַפט די שותפות צווישן די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. די דאָזיקע שותפות און סאָל־דאַריטעט פּרובירט מען טאַקע צו צעשטערן דורך ענגע פּאַרטייאישע חשבונות, אָבער אין דער אונטערשטער שורה ווערן די אָפּהאַלטער צוריקגעשטעלט אין די היסטאָריש־נויטווענדיקע קאַנאַלן וואָס באַשטימען אונדזער לעבן און אונדזער גורל.

און ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט אויסזען די זאַך, האָט אפילו נאָך דער שפּאַלטונג צווישן אונדז, געפּאָדערט דער נאַציאָנאַלער און קלאַסן־אינטערעס צו שטאַרקן די שותפות צווישן אונדז און אחדות־העבודה. ווי באַוווּסט, האָבן נישט שטענדיק די ממשותדיקע קעגנזאַצן צווישן אונדז, און נישט תמיד האָט דאָס ספּעציפישע אין אחדות־העבודה, געדינט אַלס אומדירעקטער אויסרייד פאַר קעגנזאַצן צווישן אונדז און זיי. אויף אונדזער הויט האָבן מיר געפילט אין אַ וואָסער מאָס ס׳האָבן זיי אלס פאַקטאָרן צו שפּאַלטונג געדינט חשבונות פון פּרעסטיזש און קאָנקורענץ. צום באַדויערן, אויך נאָך דער שפּאַלטונג, נישט די איינשטעלונגען באַשטימען תמיד דעם כאַראַקטער פון די באַציונגען צווישןביידע פּאַרטייען. אויך נאָך דער שפּאַלטונג, באַשטימען שוין איבער דער מאָס ביי אחדות־העבודה אויך פּרעסטיזש און קאָנקורענץ־חשבונות. און עס געשעט אָפטמאָל, אז גראַד זיי דעצידירן מערער ווי דער צוגאַנג צום עצם ענין. אין פלוג האָבן מיר אויך נאָך דער שפּאַלטונג נישט אויפגעהערט מיט זיי צוזאַמענאַרבעטן אין דער שלום־באַוועגונג; אויגנשיינלעך, זיי, אזוי ווי מיר, קעמפן פאַר דער פרייהייט פונעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און זענען טריי דער קלאַסן־זעלבשטענדיקייט. אויגנשיינלעך, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די מענטשן פון אחדות־העבודה זאָלן פונקט ווי מיר זיין עמפינדלעך אויף דער ביוראָקראַטישער באַהערשונג — אָפטמאָל, אפילו טאָטאַלער — פון מפא״י, אין זכות פון די 57% צו וועלכע זי האָט זוכה געווען ביי די הסתדרות־וואַלן. פונדעסטוועגן, אין די באַציונגען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי צו אונדז, איז פאַראַן א מין טאָפּלטער שפּיל. דער ייצר פון פּרעסטיזש און פאַרמעסט שטויסט די דאָזיקע פּאַרטיי זיך צוזאַמענצורעדן מיט מפאַ״י. די דאָזיקע הסדרים טרעפן אין דער ערשטער ריי מפ״ם, נאָר אין דער אונטערשטער שורה זענען זיי זיך נוקם אויך אין אחדות־העבודה. נישט איינמאָל און צווייմאָל האָבן זיי אין דער הסתדרות און אין דער רעגירונג זיך פאַרפלאָנטערט אין הסכמים אונטער אונדזערע

פלייצעס. און ווען עס קומען אַנטשיידונגען וועלכע זענען עלול צו צעשטערן די יסודות פון דער הסתדרות, ווערן זיי פּלוצלונג אַלאַרמירט. און פיל איבער־ראַשונגען וועלכע עס שטעלט צו מפא״י, וואָלט מען איינגעשפּאָרט דער אַרבעטערשאַפט, ווען די פאָרשטייער פון אחדות־העבודה וואָלטן מיט אונדז געווען איינגעהאַלטן אַ שותּפות אָן איבעריקע חשבונות.

אַלע טעג פון יאָר אַרבעטן זיי מיט מפאַ״י, ביז זיי דערשפּירן אויף דער אייגענער הויט די דיסקרימינאַציעס, מיט וועלכע מיר ווערן אומאויפהערלעך געפּרוווט, ביז עס קומען אויפטרייסלענדיקע געשעענישן. דעמאָלט, ווי געזאָגט, האַלטן זיי זיך צוריק און לאָזן הערן זייער ציטערנדיקע שטים. נאָכן פאַרענדיקן די פאַרהאַנדלונגען וועגן קאָלעקטיוון אָפּמאַך צווישן דער הסתדרות און פאַבריקאַנטן, האָבן זיי געשטיצט דעם דאָזיקן הסכם, נישט געקוקט וואָס ס׳האָט זיך דאָרט אַריינגעגנבעט דער פּונקט וועגן רעדוקציעס, וואָס האָט פּאַקטיש געגעבן אַ הכשר — ווינציקסטנס אויף אַ העלפט — אויף ראַציאָנאַליזאַציע־קינדיקונגען, קעגן וועלכע זיי זענען אַלאַרמירט געוואָרן צו קעמפן אין אָנבליק פונעם „אתא״־שטרייק. צוליב די מפּא״ישע פּראָוואָקאַציעס אין די טעג פון שטרייק אין „אתא״, אין דער בשותּפותדיקער אחריות פון די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, און אין אָנבליק פון די פּרוּוון אָנצוקומען צו בן־גוריון אַלס זיעם אַבליגאַטאָרישן בורר — האָט אחדות־העבודה ווידער דערוואַכט. כל־זמן מפ״ם איז געווען די געטראָפענע און אחדות־העבודה האָט זיך זעלבסט געזען אַ פאַרזיכערטע קעגן אַ פּגיעה, האָט די דאָזיקע פּאַרטיי זיך אויפגעפירט גלייך דאָס אַלץ האָט נישט צו איר קיין שום שייכות. וועט אחדות־העבודה לערנען פון דער לעקציע פונעם „אתא״־שטרייק? וועט זי לערנען זיך צו שטעלן אין קאַמף באַזאַמען מיט אונדז אויף צו פאַרטיידיקן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם אַרבעטער־ציבור נישט נאָר אין טעג פון אויפטרייסלונגען, נאָר אין גראָע ראַנגלענישן אַלע טעג אין יאָר?

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אין אָנבליק פון דער ווירקלעכקייט פון די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, קאָן בלויז אַ בשותּפותדיק דערשיינען פון מפ״ם און אחדות־העבודה הנגד מפא״י, און זי דערפירן צו געמיינזאַמקייט אין דער אַרבעטער־אחריות און סאָלידאַריטעט. דאָס אויסדרייען זיך מיט דער פּלייצע מצד אחדות־העבודה — פּועלי־ציון צו בשותּפותדיקע אויפטריטן אין פראַגן אין וועלכע זי דעקלאַרירט וועגן אידענטיפיצירונג מיט אונדזער שטעלונג, מאַכט מפא״י האַרט. עקיקער און שטאַרקט איר ייצר צו אומבאַגרע־נעצטער באַהערשונג. און זאָל געזאָגט ווערן: באַזאַמען מיט אחדות־העבודה אָדער אָן איר, איז אונדזער גורל צו דערפילן די שליחות אַלס פאַרטיידיקער פון דער אַרבעטער־נויט. מיר וועלן גיין בראש פונעם

אַרבעטער־גערַאנגל פאַר אויפהייבן זיין קאָפּ, פאַר פעסטקייט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, פאַר אַן אַנשטענדיקן לעבנס־ניוואָ, פאַר דער גלייכהייט אין קרבן און פאַר אַ גערעכטער פאַרטיילונג פון דער סאָציאַלער לאַסט.

3. 100% מאַכט אין זכות פון 57% וויילער־שטימען

אין פלוג זענען אין דער הסתדרות געשאַפן געוואָרן די באַדינגונגען פאַד שותּפות דורך טראָגן די געמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אינעם וועד הפּועל פון דער הסתדרות זענען פאַרטיילט געוואָרן די אַמטן צווישן די פאַרטייען וועלכע טראָגן די אחריות. זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָפּטיילונגען און טעטיקייט־געביטן, גאָרנישט קיין קליינע אין זייער וויכטיקייט. אָבער אפילו אַן אויבערפלעכלעכע אונטערזוכונג באַווייזט, אַז די דאָזיקע שותּפות אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין דאַך אָן אַנשפּאַר. די אַנטשיידנדיקע פונקציעס — אָרגאַניזאַציאָנעלע, ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע — זענען קאָנצענטרירט אין די הענט פון מפא״י. באַזונדערס זאָרגט מפא״י דערפאַר, אַז אין אירע הענט זאָל זיין קאָנצענטרירט די דירעקטע אַרבעטער־פאַרשטייערשאַפט כלפּי די אונטערנעמער. דאָס וואָס זי האָט נישט דערגרייכט אין דער מדינה, נישט געקוקט אויף אַלע אירע פּאַרוויקלטע אַנשטרענגונגען, איז איר געלונגען צווישן די ווענט פון דער הסתדרות. ס׳איז איר געלונגען אָנצוהאַלטן אַן אַנטי־דעמאָקראַטיש וואַל־געזעץ וואָס פאַרלייקנט פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. ווי שטוינענד עס זאָל נישט זיין די זאַך, האָבן די איבעריקע פאַרטייען, דווקא אינערהאַלב דער הסתדרות, אין משך פון יאָרן משלים געווען מיט דער אומדערהערטער עוולה, אַז דורך דעם סיסטעם פון „פּערזאָנעלע״ וואַלן זאָל מפא״י איינהאַלטן איר כמעט מאָנאָפּאָליסטישע פאַרטרעטערשאַפט. בעת די צענטראַלע הסתדרות־אינסטאַנצן ווערן דערוויילט דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, איז דווקא אין די גרונטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך, ווו דער אַרבעטער פירט זיין טאָג־טעגלעכן און סאַמע לעבנסוויכטיקן גערַאנגל פאַרן לוין און אַרבעטס־פּלאַץ — האָט די פאַרטיי וועלכע שטעלט פאָר 57% פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט, גענומען אויף זיך דעם מאָנאָפּאָל פון פאָרשטייערשאַפט. פון אַרבעטער וועלכע געהערן צו אַנדערע פאַרטייען, רויבט זי צו די פאַרטרעטערשאַפט אין די אַרבעטער־קאָמיטעטן, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו פאַרטיידיקן זייער פּרנסה.

4. די שוואַכע זייט פון דעם דאָזיקן רעזשים

דער דאָזיקער באַהערשונגס־סיסטעם פון מפא״י, קאָן נישט לאַנג אָנהאַלטן. די שוואַכע זייט פון דעם רעזשים איז אינעם ביוראָקראַטישן פאַרזען

די סאַמע לעבנסוויכטיקע ענינים פונעם ארבעטער. דאָס דאָזיקע פאַרזען האָט גורם געווען דערצו, אַז מפא״י איז שוין נישט אַזוי זיכער מיט איר מאַכט אין צענטראלע ארבעטס־פּלעצער, ווו זי האָט צענטליקער יאָרן געגאָסן פון א מאָנאָפּאָליסטישן מעמד, ווי אין חברת־החשמל, און איז נישט אזוי אינגאנצן זיכער אפילו אין די ד׳ אמות פון איר אייגענעם פאַרטייאישן הויז. הגם דער באשטימענדיקער טייל פון דער הערשנדיקער פאַרטיי רעכנט זיך הײנט צום שיכט באַאַמטע, באשעפטיקטע אין די נאַציאָנאַלע אינסטאנצן, הסתדרות, מוניציפּאַליטעטן, רעגירונג אאז״וו, אָבער א בכבודיקער טייל פון דער דאָזיקער פּארטיי בילדעט אויך היינט מתיישבים און לוין־אַרבעטער. עס ליגט שוין אין דער נאַטור פון די ארבעטער גוט אונטערצושיידן וואָס איז פאר זיי נוצלעך, פאַרסירט זייערע ענינים און וואָס באַעוולהט זיי און איז זיי מפקיר. און עס געשעט אַזוי, אַז די דאָזיקע לעבנסוויכטיקע און ערשטראַנגיקע אינטערעסן ברעכן נישט איינמאָל אדורך די פּאַרטייאישע מויערן. אזוי איז מיט 3 יאָר צוריק געשען בעתן שטרייק אין „וולקן״, ווו מפ״ם האָט גענומען אין אירע הענט די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן אדורכפירן „ראַציאָנאַליזאַציע־קינדיקונגען״. די דאָזיקע איניציאַטיוו איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, הגם מפא״י האָט אין אירע הענט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אינעם פאַבריקס־קאָמיטעט פון דער אונטערנעמונג. עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען די לעצטע חדשים בעתן שטרייק אין „אתא״. אין די ערשטע עטאַפּן פונעם שטרייק האָבן די מפאַ״י־פירער אין חיפה אונדז טאַקע מיטבאַטייליקט, אָבער אפילו נאָכדעם ווי זיי האָבן קאַפּיטולירט פאַרן דיקטאַט פון אויבן, האָט עס אָפּגעהאַלטן מפאַ״י נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון ראַציאָנאַליזאציע־רעדוקציעס מצד דעם אונטערנעמער א דאנק דעם אנטשלאָסענעם שטעלן זיך אויף דער זייט פון די שטרייקנדיקע מצד אונדז און אחדות־העבודה.

5. געשטאַרקט זיך דער צוטרוי אין מפ״ם

אויב מיר וועלן רעזומירן די דערפאַרונגען פון אונדזער פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל אין די לעצטע יאָר, סיי אין די טעג פון געפינען זיך אויסער דער קאָאַליציע און סיי אין די טעג ווען מיר זענען אינעווייניק, קאָן געזאָגט ווערן, אַז צווישן דער אַרבעטערשאַפט האָט זיך געשטאַרקט דער צוטרוי צו מפ״ם אַלס טרייען און אַנטשלאָסענעם פּאַרטיידיקער פון זיינע נויטן. די אַרבעטער זענען זיכער אין אונדז, אַז מיר וועלן נישט מפקיר זיין זייערע לעבנסוויכטיקע אינטערעסן ביי קיין שום באַדינגונגען און קיין שום סיבות. דאָס וואָס איז פון לאנג קלאָר פאר יעדן חבר פון מפ״ם, איז אריינגעדרינגען אינעם באַוווסטזיין פונעם כלל ארבעטער אין ישראל. די ישראלדיקע

ארבעטער פאַרשטייען היינט מערער ווי שטענדיק, אַז אויב מפא״י וועט אונדז ווען אוועקשטעלן פאר דער ברירה פון שותפות מיט איר וואָס זאָל דיסקרימינירן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם אַרבעטער און דעם גערעַנגל צו פאַרטיידיקן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן זיינע — וועט מפ״ם זיך נישט וואַקלען וואָס אויסצוקלייבן. די געבאָטן פון ווידערשטאַנד אין טעג פון באַלאַגערונג האָבן נישט איינמאָל דיקטירט צו געבן פאָרצוג דער נאַציאָנאַלער און זיכערהייט־סאָלידאַר־טעט אונדזערע רעגירונג־שותפים, נישט געקוקט אויף אונדזער קעגנערשאַפט צו טעותדיקע און אָפטמאָל שעדלעכע אַקציעס פון איר מערהייט. אין אַזעלכע מינוטן פון עקזאַמען האָבן מיר אָפּגע־היטן די שותפות, נישט געקוקט אויף די שווערע אָפּגרענעצונגען. מיר וועלן אָבער נישט משלים זיין מיט שריט וועלכע קאָנען דירעקט טרעפן אין די לעבנ־סוויכטיקע אינטערעסן פון דער ארבעטערשאפט, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז דאָס פוגע זיין אין די דאָזיקע וויכטיקע אינטערעסן איז ווי א פגיעה אינעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און אינעם קלאַסן־געראַנגל. מיר וועלן נישט טראָגן קיין אחריות פאַר אלץ וואָס איז עלול צו טרעפן אָדער צו צעשטערן די התישבות און דעם קלאַסן־קאַמף, די דאָזיקע הויפט־זיילן אויף וועלכע עס שטייט אָדער פאַלט דער בניין פון אונדזער לאַנד.

6. מיטן כוח פון אריינפלעכטן דעם קלאסן־קאמף אינעם בנין הארץ

ווי באַוווּסט, האָט באָראָכאָוו געזען אינעם קלאַסן־קאַמף די אַלגעמיינע און ספּעציפישע שליחות פונעם ארבעטער־קלאס אין דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון אונדזער פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד. אין משך פון דער צייט איז אויך דורך באָראָכאָוון, און באַזונדערס דורך זיינע תלמידים, פארשטאַנען געוואָרן, אַז דער קלאַסן־קאמף נעמט אויך ארום דעם געראנגל פאָר דער ארבעטנדיקער און זעלבשטענדיקער התישבות. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט פאַרגעסן דעם פאַקט, אַז באָראָכאָוו האָט אינעם בירגער־טום נאָך אַלץ געזען דעם הויפּט־פאַקטאָר אינעם שאַפן ווערטן און זיי איינזאמלען. זינט דעמאָלט זענען פאָרגעקומען ענדערונגען. היינט זענען אלע תלמידים פון באָראָכאָוון אייניק אין דער סינטעטישער איינשטע־לונג פון איינפלעכטן דעם קלאַסן־קאַמף אינעם פראָצעס פון בנין הארץ. היינט וועסטו נישט געפונען קיין באָראָכאָוויסט וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען, אַז ער זאָל זיך זעלבסט נישט זען פאַראַנטוואָרטלעך פאָר פאַרווירקלעכן די דאָזיקע קאָאָרדינאַציע און נישט זען די טרייב־קרעפטן וואָס פארווירקלעכן דעם פראָצעס פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון אונדזער פאָלק. די גרויסע דינסט מיט וועלכער דער קלאַסן־קאַמף באַדינט דעם בנין הארץ, קומט צום אלעם ערשטן צום אויסדרוק אינעם

גערּאנגל פּאַר דער פעסטקייט און פּאַרוואָרצלטקייט פונעם קאָלאָניסט און לוין־אַרבעטער. דער קלאַסן־קאַמף פאר א לעבנס־ניוואָ און געזיכערטע עקזיסטענץ פונעם מתישב און ארבעטער איז א גאראנטיע דערפאר, אז הארעפּאשנע מי זאָל אין אונדזער לאנד פארוואַנדלט ווערן אין א סטאַבילע זאַך, וואָס זאָל איבערגיין בירושה צו הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען הארעפּאַשניקעס נאָך זיי. **אויב מיר ו׳עלן דערגיין דערצו, אז מיליאָנען ארבעטער וועלן זיך פּאַרוואָרצלען ביי ארבעט און איבערווייזן זייערע פּראָדוקטיווע פרנסות צו זייערע קינדער, וועט געזיכערט ווערן דער פעסטער יסוד אויפצושטעלן אָן ארבעטנדיק פאָלק אין אונדזער לאַנד און ס׳וועט געבאַנט ווערן א וועג פּאַר דער פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג. אויב מיר וועלן נישט** פּאַרוואָרצלען די איבערוויגנדע מערהייט פון אונדזער פאָלק אין פּראָדוקטיווע פרנסה־צווייגן, און אויב די מאַטעריעלע נויט און סאָציאַלע דעגראדאציע פון די ארבעטער וועט זיי מאַסנווייז פּאַרטרייבן צו גלות־באַשעפטיקונגען פון פּאַרמיטלונג, באַאַמטנשאַפט און פרייע פּראָפעסיעס, וואָס וועט פריער צי שפּעטער פּאַרשטאָפּן דעם פּראָצעס פון קיבוץ גלויות — וועט דער קיבוץ גלויות זיך חלילה פארוואנדלען אין איינגעזאַמלטע גלותן. דער וואָס איז עולה אין לאַנד וועט זיך נישט פּארוואָרצלען אין אַ לעבן פון אַרבעט ביז די עלטערע טעג, און אוודאי נישט איבערווייזן די ארבעט זיינע זין, אויב ער וועט זיך נישט מפרנס זיין בכבוד און אויב אים וועט נישט צוגעטיילט ווערן די פולע זיכערקייט נאָכן ארבעטס־עלטער און לעת־זיקנה. **אָן דעם אַלעמען דערוואַרט אונדז דאָ אין לאַנד דער פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע, וועלכן עס מאכט אדורך דאָס יידנטום אין די פאַרייניקטע שטאַטן. יעדער כוואַליע פון עליה וועט לערנען פון איר פאָרגייערין, אז פיזישע ארבעט אין הארעפּאַשנע מי איז א מין גזירה פון וועלכער מען דאַרף זיך באַצייטנס אָפּטראָגן און איבערוואַרפן זיך צו מער „ריינערע” פרנסות. אונדזערע אויגן זעען, אַז די דאָזיקע לעקציע האָט זיך אָנגענומען און מיר וועלן זיך שנעל איבערצייגן, אז אָן שום ספק זענען אויך די לעצטע עליה־כוואַליעס פון די מזרח־עדות מסוגל, פריער צי שפּעטער, זי אויסצולערנען.**

7. הייבן די ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט

אמת ויציב. אין דער מאָס ווי מיר זענען פאַרפליכטעט צו זיכערן אַ אנשטענדיקן קיום דעם ארבעטער ביי זיין ארבעט, אזוי דארפן מיר אין א געוויסער מאָס פאַרזיכערן די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט און ארבעטס־מאָראַל. מיר לעבן נישט איצט אין די טעג ווען א.ד. גורדון האָט געפּרעדיקט רעליגיע פון אַרבעט. אָבער אויך היינט איז נויטיק, אַז די אַרבעטס־מאָראַל און דער שטאָלץ פאר הארעפּאשנער מי וועלכע האָבן אויסגעצייכנט די

ערשטע עליות פונעם ארבעטער־ציבור אין לאנד — זאָלן ארויפלייגן זייער סטעמפל אויפן לעבן פון דער גאנצער ארבעטערשאפט. אָט איז אַ פאַקט וועלכן מיר טאָרן נישט פאַרזען, אז דער חלוצישער שטאָלץ איבער הארע־פאַשנער מ' איז אין די לעצטע יאָרן אָפגעשוואַכט געוואָרן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס. נישט ווינציק דאַרף מען דאָס צושרייבן אויפן חשבון פון אָפּשוואַכן די חלוצישע שפּאַנונג, די אַנטפּלעקונגען פון דעפּראָלעטאַריזאַציע אין שטאָט און דערשיינונגען פון אַנטלויפן פון די גרענעץ־קיבוצים גלייך אין אוניווער־סיטעט. און דאָס איז די צרה: אַזעלכע ווערטן אייגנט מען זיך נישט צו מיט בלויזן פּרעדיקן און אויפקלערן. ס'איז נויטווענדיק, אַז די אויפקלערונג זאָל געשטיצט ווערן מיט אַן אַנדערן רעזשים און ווירקלעכקייט פון דער וועלכער איז היינט. מיר וועלן נישט איינפלאַנצן איבערגעגעבנקייט צו אַרבעט און שטאָלץ אויף אַ הארעפאשנעם לעבן פאַר צענדליקער טויזנטער עולים, אויב מיר וועלן נישט קודם־כל ענטפערן אויף זייערע גערעכטע פאָדערונגען צו אַן אַנשטענדיקן לוין און זיכערקייט אויפן ארבעטס־פּלאַץ. און אַוודאי וועלן מיר נישט דערגרייכן דאָס געפאָדערטע דורך גזירות פון אויבן און דורך ארויפלייגן איינזייטיקע פליכטן נאָר אויף די אַרבעטנדיקע. מיט דער גאַנצער שטוינענדיקייט פון דער זאַך, ווייסן אייניקע ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן פון דער דאָזיקער רעגירונג מיט די דריי ארבעטער־פּאַרטייען אין צענטער, איינצוהאַלטן אַ כמעט אומגעצוימטן ווירטשאַפטלעכן ליבעראַליזם, אויף וויפל דאָס באַציט זיך צום קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַליסטן, אָבער זיי האַלטן שטרענגע ווירטשאַפטלעכע קאָנטראָל אין דער מאָס אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות צו ארבעטס־פּראָדוקטיוויטעט און פּרייזן אויף דער פּראָדוקציע פון דער אַרבעטנדיקער לאַנדווירטשאַפט.

8. פּריוואַטער פּראָדוקטיווער קאַפּיטאַל אַנטקעגן דער שפּעקולאַנטישער פּריוואַטער איניציאַטיוו

כדי נישט לייגן קיין שטרויכלונג פאַר דעם וואָס איז עלול צו זיין אַ קרבן פון אַ בכיוונדיקן אריינפירן אין אַ טעות, וועט נישט זיין איבעריק אונטערצושטרייכן נאָכאַמאָל, אַז מיר קוקן נישט אומגינסטיק אויף דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, וועלכע איז נישט קיין שפּעקולאַנטישע אין איר כאַראַקטער. פאַראַן אַן אַנדערע פּריוואַט־איניציאַטיוו פון דער וואָס פּרעטענ־דירט פאַרצושטעלן די בורזשואַזיע אין אונדזער לאַנד. די דאָזיקע פּריוואַטע איניציאַטיוו לאָזט זיך איינשפּאַנען אין לאָזן אין באַוועגונג צו אַנטוויקלען די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אויפהייבן דעם פאַרנעם פון פּראָדוקטיווע פּרנסות און בכלל פּראָדוקטיוויזירן די באַפעלקערונג פון אונדזער מדינה. אונדז איז פאַרשטענדלעך די זאַך, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט נישט אינוועסטירן אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אויס פילאַנטראָפּישן צוגאַנג.

יעדער רעגירונג און יעדער רעזשים — אַפילו א פאָרגעשריטענער חלוצישער רעזשים — וועלכער וועט וועלן זאָרגן פאַרן פראָגרעס פון לאַנד, וועט זיין גרייט צו פאַרזיכערן אַן אנשטענדיקן רווח פאַרן פריוואַטן קאַפּיטאַל אין דער מאָס אויב ער וועט אינוועסטירט ווערן פאַר אַנטוויקלונגס־צוועקן. וואָלט אויפגעשטאַנען אַן אַרבעטער־רעגירונג פון לויטערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטייען, וואָלט די אָן שום ספק, אויך איינגעהאַלטן די דאָזיקע ליניע. דער דאָזיקער מצב איז אויך באַוווּסט יידישע קאַפּיטאַליסטן אין די גלות־לענדער, וועלכע האָבן בדעה צו אינוועס־טירן זייער קאַפּיטאַל אין לאַנד. און ווייל זיי זענען אָריענטירט אין די ענינים, זענען מיר אָפּטמאָל עדות פונעם שטויגענדן ספּעקטאַקל, אַז פריוואַטע קאַפּיטאַליסטן פון גלות, וועלכע זענען איינגעשטעלט אויף אַנטוויקלונג און נישט צו שפּעקולאַציע און לייכטע רווחים, איילן זיך נישט מיטצואַרבעטן מיט די ריטער פון דער פריוואַטער איניציאַטיוו אין לאַנד, נאָר פאַרבינדן זיך גערן מיט דיווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון דער אַרבעטערשאַפט. זיי שענקען אויך מערער צוטרוי דער דאָזיקער רעגירונג, ווו די אַרבעטער־פאַרטייען האָבן אַן אנטשיידנדיקן איבערגעוויכט, ווי דער פריערדיקער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויפן בונד צווישן מפא״י און די פאַרשטייער פון דער רעאַקציאָנערער און שפּעקולאַנטישער בורזשואַזיע.

צום באַדויערן, שטעלט איצט פאַר אונדזער לאַנד אַ מין גן־עדן־של־מטה פאַר דער דאָזיקער שפּעקולאַנטישער בורזשואַזיע. קיין שום ערנסטער אויפזיכט איז נישט איינגעשטעלט איבער די אימפּאָרטערן און קאַרטעלן. הגם דער הכנסה־שטייער נעמט איצט אויס א גרויסן טייל קאַפּיטאַליסטן, וואָס פריער האָבן זיי זיך נוהג געווען צוּוואַרפן דער מדינה־קאַסע ברעקלעך פון זייערע פאַרדינסטן און דעם גרעסטן טייל פון די שטייערן אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין די קעשענעס; און הגם זיי זענען ווינציקסטנס היינט געצווינגען צו צאָלן אַ טייל פון הכנסה־שטייער וואָס קומט פון זיי, דאַרף מיידן זיי אויך איצט אויס צו צאָלן שטייערן און עס ווערט פאָרטגעזעצט דאָס אַרויסשמוגלען קאַפּיטאַל פון לאַנד.

דער שטייערן־סיסטעם, וועלכער דאַרף זיך שטיצן אויף אַ יושרדיקער צעטיילונג צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק, און זיין עיקר עול דאַרף אַרויפגע־לייגט ווערן אויף די פאַרמעגלעכע — וואַרט נאָך אַלץ אויף דער פולער פאַרווירקלעכונג. מען דאַרף איינפירן פאַרמעגן־שטייער, איינשטעלן אַן אנדערע פּראָפּאָרץ צווישן דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן און אַן אַנדערע גראַדאַציע פון מס־הכנסה, וואָס זאָל די הויפּט־לאַסט אַריבערפירן אויף די וואָס האָבן גרויסע איינקונפטן. דער פאַראַנענער ביי אונדז רעזשים זינט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה האָט שוין באַוויזן אויפצוהאָדעווען

אַ שיכט מיליאָנערן, וועלכע האָבן זיך באַרייכערט אפילו אַלס ליפֿעראַנטן פֿאַר אונטערנעמונגען פֿונעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט. זיי האָבן אָנגעזאַמלט מאַקסימאַלע רווחים פֿונעם אימפּאָרט און עקספּאָרט. אין גאַנג שפּעקולאַנטישער באַרייכערונג, האָבן אַ בכבודיקן אָנטייל די בענק און פֿאַרשידענע פּראַקטיקעס. אין דעם דאָזיקן רעזשים זענען אין די טעג פֿון דער איצטיקער רעגירונג פֿאָרגעקומען וועלכע ס׳איז ענדערונגען, אָבער ס׳האָט זיך נישט געביטן פֿון גרונט אויס.

9. דער גערעאַנגל פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט

אין לעצטן יאָר האָט די כנסת אָנגענומען אַ געזעץ קעגן שפּעקולאַנטישן פּראָצענט, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט ווי געהעריק איינגעפֿירט געוואָרן. די מיטלען וועלכע זענען ביז איצט אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן אומאַנשטענדיקע רווחים, קעגן שפּעקולאַנטישן פּראָצענט, קעגן קאַרטעלן, קעגן אַרויסדרייען זיך פֿון שטייערן און אַרויסשמוגלען קאַפּיטאַל פֿון לאַנד — זענען געווען וואַקלדיקע און שוואַכע מיטלען, בעת די גאַנצע אויטאָריטעטע געוויכט פֿון דער רעגירונג און הסתדרות ווערן אָוועקגעלייגט אויף דער וואָגשאָל, ווען מ׳רעדט וועגן פֿאַרגליווערן דעם לוין פֿונעם אַרבעטער אָדער ביים אַרויפֿלייגן נאָך אַ סאָציאַלע לאַסט אויף דער אַרבעטערשאַפֿט.

עס זענען נאָך פֿאַרבליבן צוויי יאָר צו דער קאַדענץ פֿון דער איצטיקער כנסת. במשך די דאָזיקע צוויי יאָר ליגט אויף מפ״ם די אויפֿגאַבע עקשנותדיק צו קעמפֿן צו רעאַליזירן די פֿאַרפּליכטונגען וועלכע זענען איינגעשלאָסן אין די גרונט־ליניעס וועגן פֿאַרזיכערן סאָציאַלע גערעכטיקייט און יושרדיקע פֿאַרטיילונג פֿון דער שטייערן־לאַסט אויף פֿאַרשידענע שיכטן אין אונדזער לאַנד. די דאָזיקע רעגירונג וועט אויף דעם געביט, וואָס אַן אמת, נישט דערשיינען פֿאַר די איינוווינער פֿון לאַנד מיט ליידיקע הענט. איך חזר איבער נאָכאַמאָל, אַז פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן, אויך פֿון סאָציאַלן — איז דאָס אַ בעסערע רעגירונג ווי אַלע פֿריערדיקע. אָבער אין די צוויי אויבנדערמאָנטע שטחים, וועלכע בילדן דעם פֿונדאַמענטאַלן יסוד פֿאַר אַלע אונדזערע טאַטן און שטרעבונגען — אויפֿן געביט פֿון איינשטעלן אַ חלוצישן רעזשים און אויפֿן שטח פֿון זיכערן אַ רעזשים פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פֿאַרטיידיקונג פֿון די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פֿון די אַרבעטנדיקע — וועלן מיר מעסטן דעם פֿאָרשריט אויף וועלכן ס׳קאָן זיך דערלויבן אָנצווייזן די דאָזיקע רעגירונג, הגם דער דאָזיקער פֿאָרשריט רופֿט זיכער אַרויס זאָרג און רעדט פֿאַר זיך.

10. באַציונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, צווישן רווח און שכר

עס איז געווינטשן, אַז אין דעם דאָזיקן צענטראַלן פּראָבלעם פֿון באַציונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, צווישן אַרבעטער־לוין און רווח פֿון אונטער־

נעמער, מיר זאָלן נאָכאַמאָל אַריינדרינגען און קאָנקרעטיזירן, איידער מיר טרעטן צו אַרויסצוציען מסקנות.

איך ווייס, אז דאָס איז דער סלע־המחלוקת צווישן אונדז און די ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן פון מפא״י. נישט איינמאָל שליסן זיי זיך אָן אינעם כאָר פון די קינות־זאָגער אויף דער געפאַר וואָס דראָט דעם רענטאַבילקייט־כוח פון אונדזער אינדוסטריע צוליבן כלומרשטן הויכן לוין און צוליב דער נידעריקער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט. זיי זענען אויך גרייט צו טרעפן זיך אין דער העלפט וועג מיט די אונטערנעמער אין שייכות מיט די ראַצ אַנאַליזאַציע־קינדיקונגען. ביים אויפקלערן די ענינים, האָט פיל אויפגעטאָן דער ספעציאַליסט פון פינאַנס־מיניסטעריום, פּראָפ׳ אַבאַ לערנער, דער גאַסט פון אַמעריקע. ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון פּאָרויסזאָגן באַנקראָט דער ווירטשאַפט פון לאַנד, צו אַ גאַלאָפּירנדיקער אינפלאַציע. צו דער דאָזיקער גרויסער געפאַר האָט ער אַן אָפּשפּרעך־מיטל — אַרויפלייגן די עיקר־לאַסט אויף די פּלייצעס פונעם אַרבעטער. ער און זיינע תלמידים האָבן געשוווירן צו פאַרזיכערן דער ווירטשאַפט קאָנקורענץ־פעיקייט און רענטאַבילקייט דורך אַראָפּנידערן דעם לוין פון ארבעטער און זיין לעבנס־ניוואָ. זענען מיר אַוועק אין די קאמפּעטענטע קרייזן דיסקוטירן — איז דאָס טאַקע אַזוי ווי מען שרייט?

אַלס באַלערנדיקער ביישפּיל קאָן דינען די קאַלקולאַציע, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן אינוועסטיציעס־צענטער. ער ברענגט די פּראָצענטער פונעם אַלגעמיינעם ווערט פון דער פּראָדוקציע אין די דורך אים באַשטעטיקטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע קאַלקולאַציע האָט אַרומגענומען 60% פון די באַשטעטיקטע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אַן עטאַפּ פון פולער פּראָדוקטיווקייט. דאָס זענען, ווי באַוווּסט, נייע אונטערנעמונגען. זיי ביידן בסך־הכל 2,4% פונעם כלל אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, אָבער זיי באַשעפטיקן 14,4% פון די ארבעטער און זייער אויסאַרבייטונג דערגייט ביז 21% פון כלל אינדוסטריעלע פּראָדוקציע. און איצט — וואָס ווייזט די קאַלקולאַציע אין פּראָצענטער, פונעם ווערט פון דער פּראָדוקציע:

אויסגאַבן פאר רויסטאָפן, פאַרפּאַקונג, ברענשטאָף און עלעקטריע	54,5%
אַמאָרטיזאַציע פון דער אויסשטאַטונג און געביידעס	6,0%
אַלגעמיינע אויסגאַבן (איינגעשלאָסן פּראָצענט)	3,5%
ארבעטס־לוין	20,0%
ריינער רווח	16,0%
סך־הכל	100,0%

די דאָזיקע קאַלקולאַציע שפּיגלט נישט אָפּ, פאַרשטייט זיך, דעם מצב אין אַלע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין לאַנד, צי זיי געהערן צום פּריוואַט־קאַפּיטאַל אָדער זיי געהערן צום געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל (פון דער רעגירונג, הסתדרות, קיבוצישע באַוועגונג). נישט אין אַלע אונטער־נעמונגען איז פאַראַן די פּראָפּאָרץ וואָס שטעכט די אויגן — צווישן די 20%, צוגעטיילטע פאַרן ארבעטס־לוין און די 16%, וועלכע בלייבן אַלס ריינער רווח. אָבער אין אַלגעמיין האָט נישט די אינדוסטריע אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. די דערמאָנטע דורך מיר באַשטעטיקטע אונטערנעמונגען, זאַמלען אָן 16 פּראָצענט ריינעם פאַרדינסט, הגם אין נייע אונטערנעמונגען זענען זיי געצווינגען אַריינצולייגן גרעסערע יסוד־אינוועסטיציעס און אויסטיילן גרע־סערע פּראָצענטער פאַר אַמאָרטיזאַציע און אַלגעמיינע אויסגאַבן ווי ביי אַלט־איינגעפונדעוועטע אונטערנעמונגען. אַנטקעגן דעם האָבן די פאַרוואַרצלטע אונטערנעמונגען אָנגעזאַמלט רווחים פון די אונטערשידן אינעם וואַלוטע־קורס, מיטן אויסנוצן די רעזערוון וואָס זענען איינגעקויפט געוואָרן פאַר דאָלאַרן, בעת זייער קורס (פּרייז) איז נאָך אַלץ געווען 350 פּרוטות פאַר אַ דאָלאַר. אויסער דעם איז נישטאָ קיין פּראָדוקציע־צווייג וואָס געניסט פון אַזעלכע פאַרלייכטערונגען אין קרעדיט, עקספּאָרט־פּרעמיעס, אונטער־שידן אין וואַלוטע־קורס און אַנדערע מלוכהשע דינסטן ווי די פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגן. בקיצור קאָן געזאָגט ווערן, אז גרויסע טיילן פון דער אינדוסטריע שעפּן רווחים אין די מאַקסימאַלסטע ראַמען. אויב אין אונטער־נעמונגען ווו ס'זענען באַשעפטיקט ביי 21% פון כלל פאַבריקס־אַרבעטער, באַרייכערט זיך אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן מיט א ריינעם רווח פון 16% פונעם ווערט פון פּראָדוקט, אַנטקעגן די 20% פונעם ווערט פון דער פּראָדוקציע, אויסגעצאָלט אַלס לוין פאַר טויזנטער אַרבעטער, דאָן צייכנט זיך פאַר אונדז א בילד וואָס איז אין פולשטענדיקער סתירה צו די „וויסנשאַפטלעכע" באַווייזן פון כל־מיני עקאָנאָמיסטן.

אין אנבליק פון דעם דאָזיקן פאַרגלייך צווישן די רווחים פון די אונטערנעמער און דעם אַרבעטער־לוין, איז כאָטש פאַראַן א שמץ לאָגיק און אויפריכטיקייט אין דער „וויסנשאַפטלעכער אויפקלערונג" פון די אויבנ־דערמאָנטע עקאָנאָמיסטן? די וואָס לייגן אַרויף דעם שווער־געוויכט פון אחריות פאַר דער רענטאַבילקייט פון דערווירטשאַפט אויף די לוין־אַרבעטער און ווייזן אָן אויפן אַרבעטס־לוין אַלס דעם מקור פאַר אינפלאַציע און אַלערליי שטערונגען. פאַרזען אויך אָן אַנדערן, באַלערנדיקן פאַקט. זיי מאַכן זיך נישט זען, אז די לוין־אַרבעטער, באַזאַמען מיט לוין־נעמער וועלכע זענען נישט קיין אַרבעטער, באַשעפטיקטע אינעם פּריוואַטן סעקטאָר, בילדן צוזאַמען נישט מער ווי 31,2% פונעם כלל אַרבעטער־ציבור, אַנטקעגן 18,7%

באשעפטיקטע אין דער ארבעטנדיקער התישבות און קאָאָפּעראַציע און אנטקעגן די 41,3% פון שכירים אין דער געזעלשאפטלעכער און הסתדרו־תישער ווירטשאַפט. דער דאָזיקער פאַקט ל'ערנט אונדז: א) אז די ארבעטער וואָס פירן דעם דירעקטן קלאַסן־קאַמף אינעם פּריוואַטן סעקטאָר, בילדן א מינדערהייט פון דער ארבעטערשאפט; ב) אז קאַרגע 60% הסתדרות־מיטגלידער זענען באשעפטיקט אין דער ארבעטנדיקער התישבות און אינעם הסתדרותישן און געזעלשאפטלעכן ווירטשאַפט־סעקטאָר אין לאַנד; ג) אז אין באַצוג צו 50% לוין־נעמער דערשיינט די הסתדרות ווי אַן אונטערנעמער, דירעקט צי אומדירעקט. עס בעט זיך דעריבער די מסקנה, אז אין אָפּשאַצן די צווישן־קלאַסן באַציונגען וועלכע הערשן אין לאַנד, טאָרן מיר נישט פאַרזען דעם ספּעציפישן כאַראַקטער וואָס שטעקט אין זיי, א דאַנק אונדזער קאָלאָניזאַציע־ווערק און א דאנק דער ארבעטער־העגעמאָניע.

11. וועגן איבערגעוויכט פון דער הסתדרותישער ווירטשאפט

מיט דער גאַנצער באַרעכטיקטער קריטיק אונדזערער אויף דער ריכטונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיק פון דער מערהייט־פּאַרטיי אין דער הסתדרות און אין דער מדינה, טאָרן מיר נישט פאַרזען די סאָציאַלע און קלאַסן־דערגרייכונגען וועלכע די הסתדרות האָט דערגרייכט במשך צענדליקער יאָרן פון קלאַסן־געראַנגל און ווירטשאפטלעכער שאפונג. אויב מיר קומען פאַרגלייכן די פּראָפּאָרץ צווישן די רווחים פון קאַפּיטאַל און דעם אַרבעטער־לוין, גיט דאָס אונדז די מעגלעכקייט אָנצוווייזן אויפן איבערגעוויכט פון דער הסתדרות לגבי דער פּריוואַטער ווירטשאַפט. דער פאַרגלייך צווישן לוין און סאָציאַלע רעכט פון די אַרבעטער אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט און דעם לוין און סאָציאַלע רעכט אין דער הסתדרותישער ווירטשאַפט, באַווייזן, אז בעת אין דער הסתדרותישער אינדוסטריע איז דער לוין דערגאַנגען אין דורכשניט צו 254 ל״י אין יאָר 1956 (אריינגערעכנט פּרעמיעס און איבער־שעהן), דערגייט ער אין דער פּריוואַט־אינדוסטריע בלויז ביז 220—230 ל״י. דאָסזעלבע בנוגע סאָציאַלע רעכט, וועלכע דערגרייכן אין דער הסתדרותישער אינדוסטריע ביז 40%—44% פונעם געהאלט, בעת אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע דערגרייכן זיי ביז 20%—30%.

און נאָך עפּעס. אויסער דער איבערגעוויכט אינעם ניוואָ פון לוין און סאָציאַלע דערגרייכונגען, האַלט נאָך איין די הסתדרותישע ווירטשאַפט אַן ערשטקלאַסיקע טעכנישע אויסשטאַטונג. אין אירע הענט געפינט זיך דער עיקר פון דער שווער־אינדוסטריע, וועלכע פאָדערט געוואַגטקייט און לערן־געלט. אנטקעגן דעם ווירטשאַפטלעכן שוווּנג פון דער ארבעטער־אינדוסטריע — ווענדעט זיך דער פּריוואט־קאַפּיטאַל צו אַזעלכע פּראָדוקציע־צווייגן וועלכע פאַרזיכערן גרויסע פאַרדינסטן פון היינט

אויף מאָרגן. און זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן דער ספעקולאַנטישער כאַראַקטער פון די קאַרטעלן, וואָס אָנשטאָט אַרויסנעמען אַן אַנשטענדיקן רווח פון טעכנישער מאָדערניזאַציע און פאַרבעסערטער פּראָדוקציע, זוכן זיי פאַר זיך אומאַנשטענדיקע פאַרדינסטן דורך פאַרבינדן זיך קעגן פאַרברויכער. געווען א צייט, ווען אויך פּריוואַטע אינדוסטריעלער האָבן געוואָגט צו גיין אויף אומאויסגעטראָטענע וועגן. אָבער אין די לעצטע יאָרן ווערן אונטערנעמונגען פון דער שווער־אינדוסטריע פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל פאַרקויפט צו „סולל בונה" אָדער „המשביר". דער אויסגעלייזטער קאַפּיטאַל ווערט נישט בדרך כלל אינוועסטירט אין פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען, נאָר ווענדעט זיך דער עיקר צו מער „אַריינברענגענדיקע" עסקים, און נעמט אָן א פּאַראַזיטישן כאַראַקטער.

12. די השפּעה פונעם קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק און אַרבעטער־העגעמאָניע אויף די באַציונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל

דאָס באַלערנדיקע דערפון איז, אַז אינעם אָפּשאַצן די צווישן־קלאַסן באַציונגען אין אונדזער לאַנד, טאָרן מיר נישט פאַרזען דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אונדזערווירטשאַפט, דערפאַר ווייל זי איז אַ קאָלאָניזאַטאָרישע (התישבותישע) ווירטשאַפט, און פונעם ספּעציפישן כאַראַקטער פונעם ישוב, וועלכער זאַמלט איין גלותן אין זיין פאָטערלאַנד, און צוליב דער אַרבעטער־העגעמאָניע וואָס לייגט איר סטעמפּל אויף מדינת ישראל אין איר פאָרמירן זיך. מיט דער גאַנצער באַרעכטיקטער קריטיק, וועלכע מיר ברענגען אַרויס אין די דאָזיקע טעזיסן בנוגע דער ריכטליניע פון דער פּראָפעסיאָנעלער און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער מערהייט־פּאַרטיי אין דער הסתדרות און אין דער מדינה, טאָרן מיר נישט פאַרזען די סאָציאַלע און קלאַסן־דערגרייכונגען וועלכע די הסתדרות האָט דערגרייכט אין משך פון צענדליקער יאָרן פון פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל און ווירטשאַפטלעכער יצירה.

דער איבערגעוויכט פון שטאַנדפּונקט פון ווירטשאַפטלעכן שווונג און פעיקייט פאַר אַנטוויקלונג און קליטה, ספּעציפיש פאַר דער הסתדרותישער ווירטשאַפט אין דער אינדוסטריע, שטרייכט אונטער נאָך בולטער די גאַנצע אַרבעטנדיקע התישבות, און די קיבוצישע — בפרט. אינעם פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די קיבוצישע ווירטשאַפטן האָבן זיך פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט אויף העכר פון 110% פונעם קאַפּיטאַל וואָס איז אין זיי אינוועסטירט געוואָרן דורך די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן. דעם דאָזיקן וווּקס, ווי געזאָגט, דאַרף מען צושרייבן טיילווייז אויפן חשבון פון די עודפים — אָדער, לאָמיר זאָגן, רווחים — און טיילווייז אויפן חשבון פון קרעדיט וועלכער איז מאָביליזירט געוואָרן פון

פאַרשידענע קוועלן. אַנטקעגן דעם איז אַ גרויסער טייל פון די רווחים, וועלכע ס'האָט געשעפּט די פּריוואַטע אינדוסטריע, נישט געדינט אַלס הייבקראַפט צום אַלגעמיינעם וווילזיין און צוגאָבלעבן ווירטשאַפטלעכן שוווּנג, נאָר אין חלק זיך פאַרוואַנדלט אין שפּעקולאַטיוון קאַפּיטאַל און אין חלק פאַרשווענדעט געוואָרן אויף אימפּאָרט פון לוקסוס. ס'איז גאָרנישט זיך פאַרצושטעלן, אַז די אָנגעזאַמלטע עודפים פון דער הסתדרותישער אינדוסטריע צי פון דער ארבעטער־ווירטשאַפט, זאָלן פאַרווענדעט ווערן פאַר אַזעלכע מין שפּעקולאַטיווע צוועקן. זיי זײַנען הייליק פאַר פאַרשטאַרקטער עקאָנאָמישער אויסברייטערונג און שוווּנג.

13. קאָן געמאָלט זײַן קלאַסן־קאַמף אינערהאַלב דער הסתדרותישער ווירטשאַפט?

אין דער רעזומע פון ערשטן טייל, פּונקט 23, וועלכער באַהאַנדלט די פאַקטאָרן אין לאַנד וואָס פירן אונדז פאָרויס, אַנטקעגן דעם זיג פון סאָציאַליזם, האָב איך אויסגערעכנט דאָך נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן, די קיבוצישע התישבות און די הסתדרותישע ווירטשאַפט. כ'האָב נישט קיין ספק, אַז פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, בילדן די דאָזיקע פאַקטאָרן חלוצישע עלעמענטן וואָס באַנען אַ וועג פאַרן זיג פון סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד, ביי דער זייט פון פאַקטאָרן ווי קלאַסן־קאַמף, פעלקער־פאַרברידערונג, פאַרסירונג פון עקאָנאָמיש'ער און פּאָליטישער זעלבשטענ־דיקייט פון אונדזער מדינה און פאָרשריט פון סאָציאַליזם אין אינטערנאַצ־יאָנאַלן מאַסשטאַב.

איז צוליבן דאָזיקן איבערגעוויכט פאַראַן אַ באַרעכטיקונג, אַז די קלאַסן־הסתדרותישע אינדוסטריע זאָל אַרויסגעצויגן ווערן פונעם תחום פון קלאַסן־געראַנגל און אַז דער קאַמף פאַר די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם ארבעטער זאָל באַגרענעצט ווערן צום פּערזענלעכן קרייז?

דער אמת איז דער, אַז נישט געקוקט אויף אַלע אירע מעלות, איז די הסתדרותישע אינדוסטריע נישט פריי פון אינטערעסן־שטרעבונגען מצד די אַרבעטס־געבער און אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען וואָס האָבן זיך צוגעטשעפּעט צוליב דער פאַרווירקלעכונגס־ליניע פון מפּא"י. די אינטערעסן־שטרעבונגען פון די אַרבעטס־געבער שטויסן אָפטמאָל די הסתדרות־אונטער־נעמונגען אַרויפצוגיין אויף די רעלסן פון אַקומולאַציע, אָדער מאַנגל פון ביוראָקראַטישער צוועקמעסיקייט — אויפן חשבון פון די לעבנס־באַדינגונגען און לעגיטימע אינטערעסן פון די ארבעטער. צום באַדויערן, איז דווקא אַ הסתדרותישע אונטערנעמונג ווי „וווּלקן", געווען די ערשטע וועלכע האָט פּרובירט אירע כוחות אין די ראַציאָנאַליזאַציע־קינדיקונגען. אויסער דעם האָט דער אויספיר־סיסטעם פון מפּא"י געבראַכט דערצו, אַז אין די אויבנ־

דערמאָנטע אונטערנעמונגען איז נישטאָ קיין שותפות מצד די ארבעטער אינעם פירן די ענינים פון אונטן, און נישטאָ קיין קאָנטראָל פון אויבן, — ד.ה. פון די אנדערע פּאַרטייען אין דער הסתדרות־אָנפירונג אויסער מפא״י — בנוגע נוצלעכקייט און מאַנגל פון פּאַרטייאישער איינזייטיקייט. פאַראַן דיס־קרימינאַציע ביים אָנעמען אַרבעטער. נישטאָ קיין גענוגנדע קאָנטראָל בנוגע דער צוועקמעסיקייט און נוצלעכקייט פון פירן די ענינים, אויף דער מאָס באשיידנקייט אין דער אדמיניסטראציע און אויף דערשיינונגען פון קאָרופּציע. כמעט די גאנצע הסתדרות וואָלט געקאָנט דינען אַלס ביישפּיל פאַר דער פּריוואַטער אינדוסטריע בנוגע דער פעסטקייט פונעם אַרבעטער אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, אין די סאָציאַלע באדינגונגען, אינעם פעלן פון פּאַרטייאישער דיסקרימינאַציע, אין נישט־ביוראָקראַטישער באַהערשונג, אין ווירט־שאַפטלעכער צוועקמעסיקייט, — וואָלטן במילא די אַרבעטער נישט געהאַט קיין שום סיבה צו דערקלערן דאָרט שטרייקן. נאָר אויב די הסתדרותישע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וועלן פּרווון זיין דער פּיאָנער אין די ראַציאָנאַליזאַציע־קינדיקונגען ווי דאָס איז געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין „וולקן", דאַרף געזאָגט ווערן די ארבעטער, אז זיי זאָלן נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט און פעסט שטיין אויף דעם זייעריקן, אפילו פאַרן פּרייז פון דערקלערן אַ שטרייק אין אַ הסתדרותי־שער אונטערנעמונג.

מיר זענען נישט גרייט דערלויבן די מפא״י־טוער זיי זאָלן פירן א דאָפּלטע בוכהאלטעריע. אויב זיי לויבן און שטאָלצירן מיט אן ארבעטער־שטרייק אין פּויזן און שטעלן אים אַרויס אַלס וווּנדערבאַרן ביישפּיל פונעם ארבעטער־געראַנגל פאַר זיין פרייהייט און ברויט, דאַן זענען מיר פאַרפליכטעט צו געדענקען, אז דאָס וואָס ס'איז דערלויבט אין אן ארבעטער־מדינה ווי פּוילן אָדער אונגארן, איז אומבאדינגט אויך דערלויבט אין דער מדינה פון הסתדרות אין ישראל. אויך דאָרט ווי דא פאָדערט זיך א פּיאָנערישער אנשטרענג, אָבער אויך דאָ ווי דאָרט איז נישט צו דולדן דאָס אויסנוצן די פּיאָנערישע גרייטקייט פונעם ארבעטער, כדי אים דערפירן צו מאַטעריעלער און סאָציאַלער דערנידעריקונג. אויך דא ווי דאָרט וועט נישט מצליח זיין קיין שום אנטוויקלונגס־פּלאַן, וועלכער וועט וועלן בויען אויפן חשבון פונעם לעבנס־סטאַנדאַרד און סאָציאַלע ווי דעמאָקראַטישע רעכט פון די ארבעטנדיקע.

14. שטייגערונג פון לוין און שטייגערונג פון דער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט

אונדזער פּאַרטיי דאַרף אָפּהיטן, אז דער קלאַסן־קאַמף פונעם ארבעטער

זאָל טעאָרעטיש און פּראַקטיש זיין איינגעפלאָכטן אינעם בנין הארץ. מיר האָבן שטענדיק אָפּגעהיטן, אז דער קלאַסן־געראַנגל זאָל זיך נישט גליטשן באַרג־אַראָפּ, צום באַגרענעצטן צעכיזם. קעמפנדיק פאַר די רעכט פון ארבעטער, באַפרייען מיר זיי נישט פון דער זאָרג פאַר ארבעטס־פּראָדוקטיוו־קייט און רענטאַבילקייט פון דער ווירטשאַפט. דערפאַר האָבן מיר געשטיצט די פּראָדוציר־ראַטן, הגם מיר גרענעצן זיך אָפּ פון זייער כאַראַקטער און פאָדערן אויסברייטערן זייערע קאָמפּעטענצן. מיר זענען נישט משלים מיטן פאַקט, אז די פּראָדוציר־ראַטן באַגנוגענען זיך מיט דער אויפזיכט אויף דער פּראָדוקטיוויקייט פונעם ארבעטער, אָנעם זיין באַפולמעכטיקט גלייכצייטיק צו האָבן אַן אויפזיכט אויף דער עקאָנאָמיק, טעכנישע נוצלעכקייט און רווחים פונעם אונטערנעמער.

כדי פאַרזיכערן אַן אַנשטענדיקן ניוואָ פון פּראָדוקטיוויקייט, האָבן מיר אויך מסכים געווען מיטן סיסטעם פון פּרעמיעס. צום באַדויערן, באַנוצן זיך היינט־צו־טאָג מיטן פּרעמיעס־סיסטעם בלויז א קליינער טייל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זאָל זיכערן דעם ארבעטער זיין אנשטענדיקן חלק פאַר דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקטיוויקייט. מען דאַרף פאָדערן, אז באַגלייך מיטן שטייגן פונעם פּראָצענט פּראָדוקטיוויקייט, זאָל גלייכצייטיק שטייגן דער לוין פונעם אַרבעטער. ביז איצט האָבן דעו עיקר די אונטערנעמער געניאָסן פון דעם איבעראַשנדיקן אויפשטייג פון זייער ארבעטס־פּראָדוקטיוויקייט, צו וועלכן מיר זענען עדות אין די לעצטע יאָרן. אָבער דעם ארבעטער פאַלן צו נעבעכדיקע ברעקלעך. און דווקא די אויפגאַבע פון די הסתדרותישע אונ־טערנעמונגען איז געווען צו באַווייזן, אַז ווייער טרייע זאָרג פאַרן לוין און ארבעטס־באַדינגונגען פונעם ארבעטער דינען אלס גאַראַנטיע צו הייבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויקייט און זיכערן די רענטאַבילקייט פון דער ווירטשאַפט. זייער פליכט איז דערווייזן, אַז איינס פון אַנדערן איז אָפּהענגיק. אַלנפאַלס, מפ"ם וועט נישט מוותר זיין אין דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון דיביידע.

15. וויאַזוי קאָן געמאָלט זיין פאַרשטענדעניש צווישן די ציוניסטישע ארבעטער־פּאַרטייען אין די פּראָבלעמען פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, לוין און רווח?

אַט רעזומירן באַגלויבטע קוועלן, אַז פון יאָר 1949 ביז 1956 איז געשטיגן די ארבעט־פּראָדוקטיוויקייט פונעם אינדוסטריעלן ארבעטער פון 100% אין יאָר 1949 ביז 212,2% אין יאָר 1956. בלויז אין די יאָרן 1955—1956 איז די פּראָדוקטיוויקייט געשטיגן פון 189% ביז 212%. און מיר געדענקען גוט דאָס דאָזיקע יאָר, ווי אַ יאָר פון ביטערן געראַנגל קעגן דער לוין־פאַרגליווערונג און קעגן די פאַרשפּרייטער פון דער לעגענדע,

אז א מינימאַלע אויסבעסערונג פונעם ארבעטער־לוין קאָן דערפירן צום איינברעכן זיך פון דער ווירטשאַפט און צו אַ גאַלאָפירנדיקער אינפלאַציע. אין קעגנזאַץ צו פסעוודאָ־עקאָנאָמיסטן זענען מיר איבערצייגט, אז דאָס באַפרידיקן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער, אַנטשפּרעכט דעם געראַנגל צו פאַרסירן אונדזער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און איר אנטוויקלונג. דער דאָזיקער געראַנגל שרומפט נישט איין די קליטת העליה, נאָר איז עלול זי נאָך אויסצוברייטערן. ער פאַרבעסערט דעם וווילשטאַנד פון די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן און זייער פאַרברויכס־קראַפט דורך שטאַרקן די פּראָדוציר־קרעפטן פון דער ווירטשאַפט. מיר ווייסן נישט קיין בעסערן וועג ווי די דאָזיקע אַריינפלעכטונג פונעם קלאַסן־קאַמף אינעם בוי פון לאַנד, כדי אויסברייטערן דעם אויפנעם־כוח און דערנענטערן אונדזער מדינה צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. קיין שום ברכה וועט דערפון נישט ארויס־שפּראָצן, אויב דער עקספּלאָאַטאַטאָרישער קאַפּיטאַל, קאָנצענטרירט ביי ווינציקע, וועט אָנזאַמלען נאָך עטלעכע פּראָצענטער פון רווחים, וואָס א טייל ווערט פאַרשווענדעט אויף א לוקסוס־לעבן, אויסגענוצט פאַר שפּעקולאַטיווע צוועקן אָדער ארויסגעשמוגלט פון לאַנד. אפילו א הסתדרותישע אונטערנעמונג וועט נישט בויען דערפון וואָס זי וועט איינזאַמלען נאָך א פּראָצענט רווח אויף דעם חשבון פון אַרבעטערס לעבנסוויכטיקע אינטערעסן.

די אויפגאַבע פון מפ״ם איז צו פאַרטיפערן די פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער אריינפלעכטונג פונעם קלאַסן־קאַמף און צווישן דער אנטוויק־לונג פון לאַנד, ביי דער אַרבעטערשאַפט און אויך צווישן די ציוניסטישע ארבעטער־פאַרטייען מיט וועמען מיר ארבעטן מיט אין דער הסתדרות און אין דער רעגירונג. נישט געקוקט אויף די פאַראַנענע קעגנזאַצן אינעם צוגאַנג צו די אויבנדערמאָנטע פּראָבלעמען מצד די ציוניסטישע אַרבעטער־פאַרטייען, איז נישטאָ קיין שום וועזנטלעכע סיבה וואָס זאָל אונדז אָפּהאַלטן פון שטרעבן צו מערער ווי ביז איצט קעגנזייטיקער פאַר־שטענדעניש.

און צום רעזומירן דעם פּרק:

1. דער פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף, איינגעפלאָכטן אינעם בנין הארץ, פאַרפליכטעט צו זען די קאָאָרדינירטע מכשירים פון דער פרייהייט פונעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און דער זאָרג פאר ארבעטס־פּראָדוקטיוויקייט און רענטאַבילקייט פון דער ווירטשאַפט.

2. אינעם קלאַסן־קאמף אין אונדזער לאַנד טאָרן מיר נישט פאַרזען דעם ספּעצעפישן כאַראַקטער פון אונדזער עקאָנאָמיק, ווי אַ ווירטשאַפט וואָס אַבסאָרבירט עליה און פירט אדורך דאָס קאָלאָניזאַטאָרישע ווערק, ווי אויך פונעם כאַראַקטער פון דער מדינה, געפירט דורך אַרבעטער־העגעמאָניע.

3. דער קאמף פונעם ארבעטער פאַר אַן אַנשטענדיקן לעבנס־ניוואָ און זיינע סאָציאַלע רעכט, ווערט געפירט דורך דער זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאציע פונעם ארבעטער־קלאַס — די הסתדרות העובדים העברים. אָבער אויף דער רעגירונג, וועלכע איז טעטיק אין באדינגונגען פון קליטת עליה און התישבות, ליגט די באשטימענדיקע אויפגאַבע פון איינשטעלן סאָציאַלע גערעכטיקייט אין די צווישן־קלאַסן באַציונגען, אין פלייסיק זאָרגן פאַר פולער באשעפטיקונג, אין זיכערן שיכון פאַר עולים און זאָרג פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

4. די ארבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט דעם סאַמע לעבנסוויכטיקן אינטערעס אין דער רענטאַבילקייט פון דער ווירטשאַפט, געזעלשאַפטלעכער ווי פריוואַטער, לאַנדווירטשאַפטלעכער צי אינדוסטריעלער. אָבער די רענטאַ־בילקייט פון דער ווירטשאַפט וועט נישט דערגרייכט ווערן אויפן חשבון פון לעבנס־ניוואָ, אויפן חשבון פון אַראָפּנידערן די סאָציאַלע רעכט אָדער פאַרן פרייז פון אומפעסטקייט אויפן ארבעטס־פּלאַץ פונעם פועל. אדרבה, דאָס פאַרזיכערן אַן אנשטענדיקן לוין און אַנדערע סאָציאַלע רעכט פון די ארבעטער, זענען פארבאַדינגונגען צו שטאַרקן די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט און פּראָדוקטיוויטעט־שטייגערונג פון דער ווירטשאַפט.

5. מפ״ם וועט באַגינסטיקן די פּראָדוציר־ראַטן, זי וועט אָבער קעמפן פאַר אויסברייטערן זייער פולמאַכטן פון אויפזיכט אויך איבער די רווחים, עקאָנאָמישער צוועקמעסיקייט און טעכנישן ניוואָ פון די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. מפ״ם וועט אויך נישט זיין קעגן סיסטעם פון פּרעמיעס, נאָר פלייסיק אָפּהיטן, אַז אין איינקלאַנג מיטן געשטייגערטן פּראָצענט אין דער פּראָדוקציע, זאָל אויך שטייגן דער לוין פונעם אַרבעטער.

6. מפ״ם וועט זיך קעגנשטעלן דעם באַגרענעצן די פרייהייטן פונעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פון ארבעטער צום ונחום פון דער בלויזער פּריוואַטער ווירטשאַפט. דאָס הסתדרותישע אָדער געזעלשאַפטלעכע אייגנטום איבער אינדוסטריע־אונטערנעמונגען צי אנדערע אונטערנעמונגען, באַפרייט זי נישט פון די אלע פליכטן לגבי דעם ארבעטער, וועלכע פאָדערן זיך אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט. אדרבה, די הסתדרותישע און געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט דאַרף דינען פאר א מוסטער און ביישפּיל פון באהאַפטנקייט צווישן אַן אנשטענדיקן לוין און צווישן פאַרשטאַרקטער רענטאַבילקייט פון דער ווירטשאַפט. די רעכט פונעם אָרגאַניזירטן ארבעטער איז צו קעמפן פאַר זיינע פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַלע רעכט אויף יעדן אַרבעטס־פּלאַץ, ווו זיי קאָנען ווערן אָנגעגריפן, צי זיי געהערן צו א פּריוואַטן אונטערנעמער, אָדער צי זיי געהערן צו אַ געזעלשאַפטלעכן צי הסתדרותישן אַרבעטס־פּלאַץ.

7. אויף מפ״ם ליגט די אויפגאַבע פון צוזאמענארבעט מיט יענע

אַרבעטער פּאַרטייען, וואָס וועלן צוזאַמען אויפהייבן די מלחמה פאַר אַ געזעץ פון פּראָפּאַרציאָנעלע וואַלן און קעגן דעם אַנטי־דעמאָקראַטישן און „פּערזאָנעלן" וואַל־געזעץ, וועלכער איז איצט איינגעפירט אין דער הסתדרות אין דער גאַנצער ברייט און זיכערט די אַליינהערשאַפט פון מפא"י.

8. מפ"ם דאַרף רופן די פּאַרטיי אחדות־העבודה—פּועלי־ציון צו צוזאַמענאַרבעט אין פאַרטיידיקן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם אַרבעטער, נישט געקוקט אויף די כסדר זיך־איבערחזרנדיקע פאַרלייקענונגען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי צו אירע אייגענע לאָזונגען און דעקלאַראַציעס.

9. מפ"ם וועט פירן איר געראַנגל אין די ראַמען פון דער הסתדרות. פאַר איר וועלן זיין בילכער ממשותדיקע דערגרייכונגען, ווי ראַדיקאַלע דעקלאַראַציעס, וועלכע האָבן נישט אונטער זיך קיין שום ממשותדיקע דעקונג און וועט שטרעבן צו דערגרייכן איר ציל דורך מאַקסימאַלער צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּאַרטייען, פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער פירונג פון דער הסתדרות.

10. מפ"ם וועט קעמפן מיט דער ליניע פון ביוראָקראַטישער באַהערשונג פון דער מערהייטס־פּאַרטיי איבערן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, איבער דער הסתדרותישער ווירטשאַפט און אַנדערע הסתדרות־אַנשטאַלטן. מיר וועלן פאַרורטיילן די פּרוּוון פון דרוק און אַנשרעקונג, פון עוולה און מאַטעריעלער דיסקרימינאַציע, מיט וועלכער עס באַנוצט זיך די מערהייט־פּאַרטיי כדי פאַרפעסטיקן איר מאַכט אין דער הסתדרות און אַלס מיטל בייצוקומען אירע קעגנער אין געזעלשאַפטלעכע שלאַכטן.

11. אין דער מלחמה פאַר די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פונעם אַרבעטער, פאַר זיין איינגעוואָרצלטקייט און סטאַבילקייט, פאַר זיין אַנשטענדיקן לעבנס־ניוואָ, פאַר זיינע פּראָפעסיאָנעלע, סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע רעכט — וועט מפ"ם אָפּהיטן איר אידעאישע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, ביים פלעגן קלאַסן־סאָלידאַריטעט און שותפות אין דער אחריות.

פרק ג׳ :

וועגן שלום און פעלקער־פארברידערונג

1. אונדזער באשיידענער צושטייער צום וועלט־שלום

ביידע פריערדיקע קאפיטלען האבן זיך פארנומען מיט פראגן פון איינשטעלן א חלוציש רעזשים און קלאסן־קאמף, ד.ה. מיט די צוויי הויפט־פאקטארן וועלכע באשטימען דעם טעמפא פון קיבוץ־הגלויות, דעם כאראקטער פון קליטת־העליה און דאס סאציאלע און פאליטישע געשטאלט פון דעם פאלק וואס זאמלט זיך איין אין זיין היימלאנד. אונדזער לאנד איז א קליינס און זאמלט צונויף די צעשפרייטקייטן פון פאלק פון אלע עקן וועלט — און נישט אלץ איז אפהענגיק פון אונדזערע מעשים און פון אונדזער פאליטיק. אויסער די פון אונדז אפהענגיקע פאקטארן, זענען פאראן גורמים וועלכע ווירקן אין אונדזער אומיטלבארער סביבה און ס'זענען פאראן אינטערנאציאנאלע פאקטארן. די דאזיקע פאקטארן זענען אימשטאנד אי צו העלפן, אי צו שאדענען, אי פארסירן און אי אפהאלטן די אנטוויקלונג פון אונדזער באפרייאונגס־ווערק. אונדז, צום־ביישפיל, ווערט ווינציק געגעבן משפיע צו זיין אויפן קיום און פעסטקייט פונעם אינטערנאציאנאלן שלום. פונדעסטוועגן זענען מיר פארפליכטעט צו געבן אונדזער צושטייער אינעם סטאביליזירן דעם אינטערנאציאנאלן פרידן, לויט אונדזערע קנאפע מעגלעכ־קייטן. ווי מיטגלידער אין דער אלוועלטלעכער שלום־באוועגונג, דעמאנסטרירן מיר אונדזער סאלידאריטעט מיט די כוחות וועלכע ראנגלען זיך מיט דער מלחמה־געפאר און באמיען זיך איינהאלטן אין דער וועלט א סטאבילן שלום. טוענדיק דאס, טרייבן מיר נישט איבער אין אונדזער ספעציפישער ווערט און וואג אין פארגלייך מיט די אנטשיידענדיקע כוחות אינעם וועלט־געראנגל.

נאר דאס איז נישט די זעלבע פראפארץ בנוגע שלום־אויסזיכטן און מלחמה צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. אויך אויף דעם געביט איז אפטמאל איינגעהיטן אן אנטשיידנדיקע השפעה פאר די גרויסמאכטן, וואס געשטאלטיקן אין אונדזערע טעג דאס פנים פון דער וועלט. אבער אינעם רוים פון מיטעלן מזרח, ווו מיר לעבן, איז פאראן א נישט־קנאפע וואג פאר אונדזערע מעשים און באשטימען נישט ווינציק די באציונגען צווישן אונדז און אונדזערע שכנים.

2. די אויפגאבן פון אראבישן נאציאנאליזם און די גילגולים פון קאמינפארם אינעם פארשטארקן די שפאנונג

די אראבישע רעאקציע אין די שכנות'דיקע לענדער האט קיינמאל נישט משלים געווען מיט דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, פונקט ווי זי האט

נישט משלים געווען מיט דער עליה פון יידן אין לאַנד. קעגן זייער ווילן האָבן מיר פאַרן אנטשטיין פון דער מדינה זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון לאַנד און קעגן איר ווילן זעצן מיר פאָר אויפצונעמען עליה און שטרעבן צו עקאָנאָמישער און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט אין די ראַמען פון מדינת ישראל. אָבער נישט מיט רעכט זעט די אָפיציעלע ווערסיע אין דער אַראַבישער רעאַקציע דעם איינציקן פאַרשטייער פון די אַראַבישע פעלקער וואָס אין אונדזער שכנהשאַפט. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז צווישן דער אַראַבישער מינדערהייט אין מדינת ישראל און צווישן די פאָלקס־מאַסן אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, שפּראָצן אויף פון צייט צו צייט פּאָזיטיווע טענדענצן פון משלים זיין מיט דער עליה וואָס קומט אין דער מדינה און אפילו מיט איר פּאָליטישער פעסטיקונג. צו דער זייט פונעם פּראָבלעם וועל איך זיך נאָך אומקערן במשך דעם פאָרטראַג.

געווען א צייט, ווען מיר האָבן אויפן אימפּעריאַליזם אָנגעוויזן ווי אויף א גורם וואָס רופט ארויס סכסוכים און איז פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן שפּאַנונג צווישן אונדז און די אַראַבישע מדינות, כדי באַפרידיקן די אייגענע אינטערעסן און אויס חשבונות פון „טייל און הערש”. במשך דער צייט איז אונדז קלאָר געווען, אַז דער חשבון איז מער קאָמפּליצירט. מיר האָבן זיך פּנים־אל־פּנים צוזאַמענגעטראָפן מיט די שליחים פון קאָמינטערן און די גילגולים פון מק״י און מיר האָבן קענען געלערנט, אז אין באַצוג צו אונדזער לאַנד און פאָלק, האָבן די שליחים פון ראַטנפאַרבאַנד נישט איינמאָל צוגעגאָסן בוימאייל צום פייער. נישט איינמאָל האָבן זיי פאַרשטאַרקט דעם קעגנזאַץ צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם האָב איך זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אינעם ערשטן טייל פון די טעזיסן, און אינעם קאַפּיטל געווידמעט דער באַפרייונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. כ׳האָב אָנגעוויזן דערויף, אז אין באַצוג צו אונדזער פאָלק און לאַנד, איז דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס נישט געווען קיין שום ווענדפּונקט. אין דער מאָס וואָס ס׳זענען געווען וואַקלונגען אין די באַציונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און מדינת ישראל, האָבן זיי זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין די באַציונגען פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די אַראַבישע לענדער כלפּי אונדזער מדינה און פאָלק. אין דער לעצטער תקופה, אין רעזולטאַט פון פאַרשאַרפטע שינאה־אנטפּלעקונגען קעגן אונדז מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד, שפּאַנען די קאָמוניסטישע פאַרטייען בראש פון די העצערישע פאַקטאָרן אין דער אַראַבישער וועלט. זייער שאָוויניסטישע העצע קומט צום אויסדרוק אפילו אין די שלום־ראַטן.

די נייסטע ווערסיע פון מק״י וועגן דער רעכט פון אָפּטיילן זיך פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און די אויפפירונג פון די אַראַבישע חברים אין

מק״י, גלייך זיי וואָלטן דאָ אַרומגעגאַנגען אין אַן „אָקופּירטער פּאַלעסטינע״, שטעלן מיט זיך פאַר דערשיינונגען, וועלכע דאַרפן אַרויסרופן אַ באַזונדערע זאָרג. מיר ווייסן דעם נישטיקן ווערט פון מק״י אויף דער יידישער גאַס, מיר טאָרן אָבער נישט פאַרזען זייער השפּעה אויף דער אַראַבישער מינדערהייט. הגם די העצע ווערט אויפגענומען אויף דער אַראַבישער גאַס, האָבן מיר זיך איבערצייגט אפילו אין די טעג פון דער סיני־אַקציע, אַז מק״י איז נישט אימשטאַנד אַראָפּצופירן פון וועג די איבערוויגנדע מערהייט פון דער אַראַבישער מינדערהייט. אונדז באַזאָרגט זייער העצע זיך אָפּצוטיילן און אירידענטע,* נישט צוליב זייער זעלבשטענדיקער וואָג, נאָר דערפאַר וואָס זייער אויפירונג זאָגט עדות, ווו עס בלאָזט דער ווינט צווישן די אין וועמענס הענט מק״י דינט בלויז אלס בלינדער מכשיר.

3. דער טייל אחריות פאר דער שפּאַנונג מצד דער אקטיוויסטישער פּאָליטיק

באַזאַמען מיט דעם טאָרן מיר נישט באַפרייען די רעגירונגס־פּאָליטיק און די אנטשיידנדיקע פאקטארן אין דער מדינה פון דער פאראנטוואָרטלעכקייט פאַר איזאָלירן אונדז אין ראַיאָן פון מיטעלן מזרח און פארטיפן דעם תהום צווישן אונדז און די פעלקער פון אזיע, וועלכע קעמפן צו באפרייען זיך פון אימפּעריאַליסטישן יאָך. איין כלל ווערט אַנגעווענדעט דורך די קאַפּיטאַנען פון אונדזער פּאָליטיק און די אַקטיוויסטישע פּאַרטייען וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיט דער דאָזיקער ליניע. זיי ווענדן אָן דעם כלל, אַז כוח וועט ענטפערן אויף אַלץ. דאָס איז די אייביקע תשובה מיט וועלכער זיי פּרעטענדירן אדורכצוברעכן יעדער וואַנט און באַזייטיקן יעדער שטרויכלונג. זיי שטעלן זיך פאָר, אַז דער כוח וועט נישט נאָר אָפּהאַלטן, נאָר אַפילו פאַרניכטן פיינט. לויט זייער פארשטענדעניש, איז אין דער אונטערשטער שורה, בלויז דער ארגומענט פון קראפט אימשטאַנד איבערצוציגן די אַראַבישע לענדער אין אונדזער שכינות, אז זיי דארפן שלים מאַכן מיט אונדזער קיום, אז מען דארף זיך מיט אונדז איבערבעטן און אפילו ארויסציען נוצן פון די שכנים. זיי זענען דעצידירט, אז מ׳האָט אויף אונדז גוזר געווען צו לעבן אויף דער שווערד, ביז אונדזער גרויסקייט און שטאַרקייט וועט אויפצווינגען אויף אונדזערע שונאים א פעסטן שלום מיט מדינת ישראל. נישט געקוקט דערויף וואָס די דעקלאַראַציעס פון אונדזערע מדינה־קאַפּיטאַנען וועגן זייער גרייטקייט צו פירן שלום־פארהאנדלונגען, ווערן נישט געזאָגט אויף

---

* אירידענטע — פּאָליטישער פאַרבאַנד אין איטאַליע, וועלכער האָט געפאָדערט פאַראייניקן מיט איטאַליע די שכנותדיקע לענדער, מיט אַן איטאַליעניש־רעדנדיקער באַפעלקערונג. (באַם. פון איבערזעצער)

עקספּאָרט און זענען בדרך כלל נישט אויסגעהוילט פון סוביעקטיווער אויפריכטיקייט, הערשט אָבער אַן אַלגעמיין געפיל, אַז אינעווייניק אין הארצן גלייבן זיי נישט אין די אויסזיכטן פון איבערבעטן זיך מיט די שכנים. זיי שרייבן אויך נישט צו קיין ממשותדיקן ווערט די אָנשטרענגונגען פאַר שלום און פארמיטלונג, וועלכע ווערן געטאָן אויף דער איניציאַטיוו פון איינצלנע מענטשן אונדזערע און פון די אומות העולם. נישט צו צווייפלען דערין, אז זיי ווילן צו יעדער צייט זיין גרייט צו זיצן ארום דעם גרינעם טיש און פירן פארהאנדלונגען וועגן שלום. נאָר זייער וועזנטלעכער צוגאַנג מאכט קאַליע די רייַ. דערפאַר ווייל זיי גלייבן נישט אין דער תכליתדיקייט פון איבערבעטונג־באַמיונגען מיט אונדזערע שכנים אין דער נאָענטסטער צייט, גרייטן זיך די אַקטיוויסטישע פאקטארן אייגנצוהאַלטן, אין אונדזער תקופה, דעם איצטיקן מצב פון ספק שלום ספק מלחמה. במשך די אַלע יאָרן ווילן זיי זיכערן פארהעלטניסמעסיקע זיכערקייט ביי אונדזערע גרענעצן דורך א סיסטעם פון וואָרענען און אָפּשרעקן.

4. וואָס איז צווישן פּאַטריאָטיזם און שאָוויניזם

אַלע זענען מיר עמפינדלעך צו דער זיכערהייט פון אונדזערע גרענעצן און מיר וועלן נישט קאַרגן קיין אָנשטרענגונגען און מיטלען, כדי זיכערן אונדזער זיכערקייט. מיר זענען גרייט צו יעטוועדן קרבן אין גייסט ווי אין מאטעריע, כדי אָפּהאַלטן פיינט און שעדיקער, אויב זיי וועלן זיך פאַרמעסטן קעגן דער זיכערהייט און גאַנצקייט פון אונדזערע גרענעצן. נאָר דאָס איז די צרה: מאַכנדיק אן איבערבליק איבער די אנטוויקלונגען און פּאַסירונגען במשך יאָרן, טאָרן מיר נישט פאַרזען די אויסנאַמווייזע, טענדעציעזע לייט, וואָס נויטווענדיקע פאַרטיידיקונגס־אַקציעס האָבן זיי געוואָלט אויסנוצן אַלס געלעגנהייט און שעת־הכושר. זיי האָבן געחלומט וועגן אויסנוצן פאַר־טיידיקונגס־אַקציעס, כדי פאַריכטן גרענעצן און אפילו מיט געוואַלט צוריקערן די גאַנצקייט פון לאַנד מיטן כוח פון וואָפן. פונעם אויסנוצן פאַרטיידקונגס־אַקציעס פאַר אקטיוויסטישע צוועקן, פירט בלויז איין שריט צו א פרעווענטיווער מלחמה און אקטיוויטעט, צוגעפּאַסט צו די אקופּאַנטישע טענדענצן פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן.

אויב מיר וועלן היינט־צו־טאָג זיך גופא פרעגן, צי ס׳זענען געווען נויטיק אַלע אָן אויסנאַם אַקציעס און אקטיוויטעטן, וועלכע האָבן דערפירט ביז דער סיני־אַקציע — און אין רעזולטאט דערפון צו א שרעקלעכער איזאָלאַציע צווישן די פעלקער פון אזיע — וועלן מיר נישט קאָנען אָן וואקלונגען און מיט א שטילן געוויסן ענטפערן — יאָ. אויב די אקטיוויסטישע פאַקטאָרן וועלן ממשיך זיין מיטן אויסנוצן די פאַרטיידיקונגס־נויטווענדיקייטן, כדי שטאַרקן צווישן דער געזעלשאפטלעכקייט דעם באַוווסטזיין, אז ס׳איז

נישטאָ קיין אויסוועג פון שלום און אז מ׳קאָן נישט פארמיידן דאָס אָנווענדן כוח און פאַרטיפן דעם קעגנזאץ צווישן אונדז און דער ארומיקער אַראַבישער וועלט, וועט, חלילה, דער קיום פון אונדזער מדינה געשטעלט ווערן אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. אויב אונדזער פּאָליטיק וועט אויף אַ לאנגער מעטע זיין איינגעשטעלט אויף דער הנחה, אז אויף א פּראָוואָקאַציע דארף מען ענטפערן מיט אַ טאָפּלטער און דרייפאַכער פּראָוואָקאַציע, און אז דער דאָזיקער סיסטעם וועט ווערן אַ געוווינהייט וואָס וועט די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונדזער פּאָליטיק באַפרייען פון די אנשטרענגונגען צו שטרעבן צו אַן אויסוועג פון שלום, דאַן וועט מען מפקיר זיין אונדזער צוקונפט דעם פאטאלן שפּיל פונעם בלינדן גורל. צום באַדויערן, איז אין דער עפנטלעכקייט אָנגענומען די אויפקלערונג, וואָס גרייט צו דעם באָדן פאר מסקנות פון יאוש, ווייל פון דער צווייטער זייט איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן און אז אין אַלע שכנותדיקע לענדער אָן אויסנאם זענען זיי קעגן אונדז און ווילן אונדז פארטיליקן.

צי די געשיכטע פון באציונגען צווישן ביידע פעלקער אין דער פאַר־גאַנגענהייט און די דערפאַרונג וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט במשך יאָרן, באַרעכטיקן טאַקע די דאָזיקע יאוש־מסקנה ?

5. וועגן אנטפּלעקונגען פון גוטן ווילן ביי אונדזערע שכנים

אין דער געשיכטע פון די באַציונגען צווישן אונדז און דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד, ווי אויך צווישן אונדז און די אַראַבישע שכנים, קאָן מען אָנווייזן אויף אַ קייט אנטפּלעקונגען פון גוטן ווילן צווישן די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן און אויף פּרוּוון צו שטרעבן צו קעגנזייטיקער פארשטענדעניש און פעסטע שלום־באַציונגען.

נאָך דעם שלום־ראַט אין קאָלאָמבאָ, זענען היינט ברייטע מאַסן וואָס שטיצן די שלום־באַוועגונג אין ישראל, אַרייַנגעטאָן אין אַנטוישונג. עס הערן זיך שטימען, וועלכע פאָדערן אַפילו צו פאַרלאָזן די אַלוועלטלעכע שלום־באַוועגונג און פאַרקלאַפּן היינטער זיך די טירן. די דאָזיקע אנטוישונג־געפילן ווערן נאָך געשטאַרקט מיט די פּראָוואָקאַטיווע ארויסטרעטונגען פון די מק״י־פארשטייער. האָבן מיר טאַקע שטענדיק אָנגעטראָפן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן אויף די וועלט־ראַטן פון דער שלום־באַוועגונג און אפילו צווישן די שלום־שטרעבער אין די שכנותדיקע לענדער ? און מעגן מיר שוין זיך אָפּוואַשן די הענט ? האָבן דען נישט די אַקטיוויסטישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך געשטאַרקט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, נישט געגעבן זייער צושטייער צו שטאַרקן די שפּאַנונג צווישן אונדז און די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן ? מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אז בלויז ווייניקע יאָרן זענען אוועק פון דעמאָלט ווען א פאָרשטייער פון דער אויסגעשפּראָכן אַקטיוויסטישער

פּאַרטיי, ווי אחדות־העבודה, האָט אין רוים געשמועסט מיט פאַרשטייער פון די אַראַבישע שלום־קאָמיטעטן אין די שכנותדיקע לענדער. מיר געדענקען נאָך די גינסטיקע איינדרוקן — און כ׳וועל נישט איבערטרייבן, אויב כ׳וועל זאָגן — באַגייסטערנדיקע, — וועלכע ס׳האָט פאַרעפנטלעכט חבר דאַרמאַן נאָך דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף. בלויז קנאַפּע יאָרן טיילן אונדז אָפּ פון יענע טעג, ווען אַראַבישע קאָמוניסטן אין עיראַק און ירדן האָבן זיך זעלבסט איינגעשטעלט און געקעמפט פאַר שלום מיט ישראל. און אויב די פאַרשטייער פון דער אַראַבישער שלום־באַוועגונג האָבן זיך אזוי אויפגעפירט דעמלט, איז די פאַרשטייער פון פּערסיע און טערקיי — אַוואַדע און אַוואַדע. מיר וועלן נישט פאַרגעסן די אויפריכטיקע פריינטשאַפט וואָס האָט זיך דעמלט פאַרבינדן צווישן אונדז און דעם מוטיקן טערקישן דיכטער נאַזים כיקמעט.

6. איז נישטאָ קיין אויסוועג?

דער קאָלאָמבאָ־ראָט באַצייכנט דעם רעקאָרד פון שפּאַנונג צווישן אונדז און אַראַבישע פאָלקס־מאַסן. מיר האָבן נישט געפונען כמעט קיין שום אנהאלט צווישן די אַראַבישע דעלעגאַציעס און ארום אונדז האָט זיך ווי אויסגעבילדעט אַ וויסטער מדבר. און אָט איז גענוג געווען, אַז דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד״ר נחום גאָלדמאַן, זאָל ארויסברענגען זיין מיינונג קעגן בלינדן גלויבן אין דער פּאָליטיק פון כוח, פאַר שטרעבן צו אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, פאַר דער זעלבּ־שטענדיקייט פונעם ראַיאָן און פאַרן ארויסנעמען דעם מיטעלן מזרח פונעם פאַרמעסט־תחום פון די בלאָקן, — און שוין האָבן זיך פאַר אים געעפנט טויערן וואָס ערשט נעכטן־פאַרנעכטן האָט זיך אויסגעוויזן אז זיי זענען פאַר אונדז געשלאָסן אויף זיבן שלעסער. מיר האָבן נישט קיין שום גאַראַנטיע, אז די שלום־אנשטרענגונגען וועלכע עס רעקאָמענדירט דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זאָלן פון היינט אויף מאָרגן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. אָבער די דאָזיקע אָנשטרענגונגען ווערן נישט געמאַכט און סאיז נויטווענדיק זיי זאָלן וואָס פריער געטאָן ווערן. מיר וועלן העלפן יעטוועדן פאַקטאָר, אַ געזעלשאַפטלעכן ווי פּערזענ־לעכן, וועלכער וועט זיין גרייט מיט אונדז צוזאַמענצואַרבעטן פאַר אָנט־שפּאַנונג און פריי מאַכן דעם וועג צו שלום.

אויגנשיינלעך זענען מיר גאַרנישט אזוי פאַראייניזאמט. פאַר דירעקטע פאַרהאַנדלונגען איבער אַ יידיש־אַראַבישן הסכם, פאַר נייטראַליטעט און זעלבשטענדיקייט פון ראַיאָן און פאַר אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן אָפּצושטעלן דאָס באַוואָפענונגס־געיעג צווישן די בלאָקן, ברענגט ארויס איר מיינונג צוזאַמען מיט אונדז אויך די פאַרטיי אחדות־העבודה. אָבער דאָ איז פאַראַן אַ מעלה מיט אַ חסרון...

7. די סתירה צווישן נייטראַליזם און אַקטיוויזם ביי אחדות־העבודה

ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן אין אַן אַנדערן פּרק, אַז די פירער פון אחדות־העבודה האָבן נישט ליב צו הערן עצות פון אַנדערע, און אַרגומענטן פון פּרעסטיזש און קאָנקורענץ דעצידירן צופיל אין זייערע אַנטשיידונגען. דעריבער וואָלט דער גורל געטאָן זיי אַ חסד, ווען ס׳וואָלטן זיך פּלוצים געעפנט זייערע אויגן און זיי וואָלטן זיך אויסגעלערנט זען זאַכן אַזויווי זיי זענען. דעמאָלט וואָלט זיי קלאָר געוואָרן, צו אַ וואָסער פּלאָנטער זיי זענען דערגאַנגען מיט זייער אַקטיוויסטישער וויזיע. ווייל וואָס באַווייזן די פאַקטן אַזויווי זיי זענען? אַפילו אין ווּעלכע זיי האָבן זיך געפילט ווי אין דער היים און זיך גופא געזען בראַוועדע און מוטיקערע פון אַלעמען — ווי די סיני־אַקציע און טרוימען וועגן נאָך איניצירטע אַקציעס — זענען געקומען אַנטשיידונגען און אומגעוואַלגערט זייערע איינשטעלונגען. ווידער האָט די ווירקלעכקייט באַוויזן, אַז כּוח פאַרענטפערט נישט אַלץ. די מענטשן פון אחדות־העבודה האָבן אין אַקטיוויזם געזען דעם שליסל צו דער וועלט. אין די „באַפרייונגס־אַקציעס" האָבן זיי געזען נישט נאָר דעם וועג צו זיכערן די זיכערקייט פון אונדזער לאַנד, נאָר אַפילו דעם וועג צוריקצוקערן די גאַנצקייט פון לאַנד. די „חירות"־פּאַרטיי ציט ווינציקסטנס אַרויס אַלע מסקנות. זי דערקלערט בפרהסיה, אַז די דאָזיקע פּערספּעקטיוון פון צוריקשטעלן די גאַנצקייט פון לאַנד אויף דער שאַרף פון באַגנעטן, וועט מעגלעך זיין נאָר אין בונד מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן און מיט די אונטערדריקער פון די קאָלאָניאַלע פעלקער. אָבער אחדות־העבודה — נישט אַזוי. די פּאַרטיי אחדות־העבודה—פּועלי־ציון ווייסט אויסגעצייכנט, אַז דער שפּיל מיטן גורל, ווי די סיני־אַקציע, איז מעגלעך געווען נאָר אַ דאַנק דעם אָנגריף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן געגנוי אין יענע טעג. און נאָך דער דאָזיקער אַקציע פּרעדיקט די זעלבע פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרטיפט די תהומען צווישן ביידע פעלקער, דירעקטע שלום־פאַרהאַנדלונגען צווישן אונדז און די אַראַבישע לענדער, נייטראַליזאַציע פון ראַיאָן און אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן.

איך בין גרייט נאָכגעבן די מענטשן פון אחדות־העבודה, אַז זיי זענען קלוגער פון אונדז און זעען בעסער פאָרויס. איך בין אַפילו גרייט זיי נאָכגעבן, אַז מ׳פ״ם געפינט זיך אין אַ פּלאָנטער און פאַרווירונג צוליב איר קאַפּיטולאַנטישער איבערבעטערישקייט, ווי זיי האָבן ליב צו דערציילן אין זייער צייטונג. מיר זענען גרייט זיין צוריקגעהאַלטן כּלפּי זייער געהויבנקייט, אַבי זיי זאָלן אויפהערן אין איין צייט דינען צו צוויי האַרן: דעם אַקטיוויזם, וועלכער גלייבט, אַז כּוח פאַרענטפערט אַלץ און וועט אַפילו

אומקערן די גאַנצקייט פון לאַנד, און אויך דאָס פאַרקערטע דערפון — ד.ה. א משא־ומתן פאַר א יידיש־אַראַבישע שלום, נייטראַליזם פון דער מדינה און די טענדענץ צו באַפרייען דעם ראַיאָן פון דער קאָנקורענץ צווישן די גרויסמאַכטן און אימפעריאַליסטישע אינטריגעס.

8. חשבון־צדק מיט זיך זעלבסט

איך שטרייך ווידער אונטער: נישטאָ צווישן אונדז קיין שטרייט, אז מדינת ישראל איז איצט, פונקט ווי במשך די יאָרן פון איר עקזיסטענץ, געווען אַרומגערינגלט מיט פּראָוואָקאַציעס און אגרעסיע־פאַרשווערונג מצד די הערשנדיקע קרייזן אין די שכנותדיקע לענדער. אין דער דאָזיקער ווירקלעכקייט וועלן מיר נישט משלים זיין מיט איינזייטיקן סטעמפּלען מדינת ישראל אלס אַן אגרעסאָרין — אפילו נאָך דער סיני־אַקציע. מיר זענען טאַקע געווען קעגן דער דאָזיקער אַקציע, מיר האָבן אָבער באַשלאָסן צו טראָגן די אַחריות פאַר דער שלאַכט פון צה״ל, נאָכדעם ווי ס׳איז געפאַלן די אנטשיידונג. די מק״יסטן האָבן נאריש געחוזקט איבער אונדזער אנטשיידונג, נאָכדעם ווי דער גורל איז געפאַלן. זיי הערן נישט אויף צו אַמוזירן זיך מיטן „גורל״. און דאָס טוט אַ פאַרטיי, וועלכע טוישט איר פּעל יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָכדעם ווי ס׳פאַלט אַן אנטשיידונג אין מאָסקווע. איידער ס׳איז געפאַלן די אַנטשיידונג, זענען זיי געווען רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטולאַנטן, נאָך דעם ווען דער ראַטנפאַרבאַנד איז ארויס אין קריג קעגן די נאַציס, זענען זיי ארויס פון די כלים פון צופיל פּאַטריאָטיזם כלפּי די בריטישע און אמעריקאַנישע פאַרבינדעטע און אפילו די רעגירונג פונעם „ווייסבוך״, זינט ס׳איז דערטרונקען געוואָרן די מעפּילים־שיף „סטרומא״; זיי זענען געווען פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים ביז ס׳איז געפאַלן דער גורל — און ראַטנפאַרבאַנד האָט באַשלאָסן זיך קעגנצושטעלן דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ירושלים. זיי זענען געווען די סאַמע פרומסטע סטאַליניסטן ביזן צוואַנציקסטן קאָנגרעס. זיי האָבן געסטעמפּלט סטאַלינען נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס, און איצט וואַרטן זיי ווידער ביז ס׳וועט פאַלן די אנטשיידונג. מיט איין וואָרט — זיי איראָניזירן דערפון וואָס איז פאַר אונדז אַ קוואַל פון שטאָלץ. מיר שטאָלצירן דערמיט, אַז מיר זענען טריי אונדזער פאָן, אַז מיר קעמפן פאַר אונדזערע פּרינציפּן פאַרן פאָלק, באַזאַמען מיט אים און פאַר זיינערטוועגן. ווען ס׳איז געפאַלן די אנטשיידונג און דער גורל פון פאָלק איז אוועקגעלייגט געוואָרן אויפן וואָגשאָל, האָבן מיר געוווסט, אז ס׳איז נישטאָ קיין ברירה, ווי נאָר זיג. מיר האָבן נישט פאַרגעסן די פּראָוואָקאַציעס פון די אַראַבישע רעאַקציאָנערע הערשער, וועלכע דעצידירן איבערן גורל פון די שכנותדיקע לענדער און אין אַן עת־צרה זענען מיר געווען מיטן פאָלק.

מיט וועלן אנטשלאָסן אָפּוואַרפן די קאָרומפּירטע באַשולדיקונגען, וועלכע ס'וואַרפן אויף אונדז די פאַרשטייער פון קאָמוניסטישן לאַגער. אויב מיר וואַרפן אָפּ די איינזייטיקע פאַרורטיילונג פון מדינת ישראל נאָך דער סיני־אַקציע, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרזען פון דער צווייטער זייט דעם חלק פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונדזער פּאָליטיק, אינעם פאַרטיפן דעם קעגנזאַץ צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. אלנפאלס, עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז א פּאָליטיק פון כוח איז פריער אָדער שפּעטער עלול צו ברענגען אין רעזולטאַט דערפון אַ רעאַגירונג פון כוח. די דאָזיקע פּאָליטיק וועט אָן שום צוועק שטאַרקן די צוגרייטונגען צו ווייטערדיקע פאַרמעסטן, בעת די קאָנקורירנדיקע צווישן זיך גרויסמאַכטן צעבלאָזן דאָס פייער פאַר זייערע עגאָיסטישע אינטערעסן.

דער וואָרענונגס־צייכן קעגן דער פּאָליטיק פון כוח דאַרף דינען אַלס סך־הכל פון דער סיני־אקציע. מיר וועלן נישט אויסבאהאלטן, אז נאָכן צוריקציען זיך פון עזה־פּאַס, איז געזיכערט געוואָרן שטילקייט ביי די גרענעצן און פרייער שיפס־פאַרקער אין אילת־איינגוס, כל־זמן אינעם עזה־ראַיאָן און אין שאַרם־אל־שייך געפינט זיך דער אונ״א־כוח. אויף דער דאָזיקער פאַרהעלטניסמעסיקער שטילקייט ווייזן אָן די אָנהענגער פון דער סיני־אַקציע ווי אויף א דערגרייכונג, הגם זי ווערט אָפּטמאָל געשטערט דורך גרענעץ־שפּאַנונגען אַמאָל מיט ירדן, אַמאָל מיט סיריע. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער אַקציע הערן נישט אויף צו גרויסן זיך מיט די דאָזיקע דערגרייכונגען. אין דער אמתן זענען מיר איצט מערער ווי ווען ס'איז אויסגעשטעלט אויפן חסד פון „סטייט־דעפּאַרטמענט״. מיר זענען איצט מערער פאַרדעכטיקט און געסטעמפּלט, ווי ווען ס'איז דורך דעם סאָציאַליסטישן און נייטראַליסטישע לאַגערן און דורכן כלל פעלקער פון אַזיע. און וואָס ס'איז דער מער מיט די חסידים פון „סטייט־דעפּאַרטמענט״, באַווייזט די כסדר שטייגנדיקע קאָנקורענץ אין געווער־ליפערונגען צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך דער „סטייט־דעפּאַרטמענט״ פּאָדערט נישט וועלכע ס'איז פאַרפליכטונגען פון ירדן, אַז דאָס געווער, וואָס שטראָמט צו איר מיט לופט־טראַנספּאָרטן, וועט נישט געצילט ווערן קעגן אונדז. און אַזוי — די ליפערן געווער לרוב צו סיריע און מצרים — און יענע צו ירדן, סעודיה און לבנון.

9. נאָכן רעזערווירטן אָנשליסן זיך פון דער רעגירונג אין דער אייזענהאַוער־דאָקטרין

כדי צוגיסן בוימאייל צום פייער, האָבן די קאַפּיטאַנען פון אונדזער פּאָליטיק באַשלאָסן צוצושטיין צו דער אייזענהאַוער־דאָקטרין. דער דאָזיקער גרונטלאָזער און נוצלאָזער אָנשלוס האָט נאָך מער אַריינגעברענגט אין צאָרן

דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן זוכה געווען דערצו, אז די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אונדז דערהויבן צו אַן ערשטראַנגיקן מכשיר אין די הענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. עס איז פריי געעפנט געוואָרן די דאַמבע פאַר דראָאונגען און באשמוצונג. מיר זענען פלוצום דערשינען אין זייערע אויגן ווי כביכול, דער שונא נומער 1 פון דער סאָוויעטישער מדינה. די דראָאונג פאר דער ציוניסטישער געפאר דינט איצט אין זייערע הענט אַלס דעקונג פאר א נייער דאָקטרין. מען קאָן כמעט זאָגן, אז אנטקעגן דער אייזנהאוער־דאָקטרין איז אין סיריע געלאָזט געוואָרן די סאָוויעטישע דאָקטרין. די פּראָ־סאָוויעטישע סיריע איז היינט נישט מערער נייטראַליסטיש ווי די פּראָ־אַמעריקאַנער ירדן — און דער צד השווה צווישן זיי — וואָס אַלע צוזאַמען באַוואָפענען זיך קעגן אונדז. געקומען די צייט, אז מיר זאָלן איינמאָל פאר אלעמאָל פעסטשטעלן פאַר זיך, אז די גאַנצע פּאָליטיק, איינגעשטעלט אויף א סיני־אַקציע צי אויף ענלעכע אַקציעס, איז נישט אימשטאַנד אונדז צוצוגעבן זיכערהייט אויף אַ לענגערן דויער אין אונדזער קיום און צוקונפט. און פארקערט, זי קאָן נאָר שטאַרקן דעם באַוואָפענונגס־געיעג און דערווייטערן דעם שלום.

מפ״ם האָט קיינמאָל נישט פאָרגעלייגט שלום פאַרן פרייז פון מוותר זיין אויף דער גאנצקייט פון אונדזערע גרענעצן. אָבער פאַר מפ״ם איז קלאָר, אז א שלום וואָס זאָל זיכערן די אומבאַרירלעכקייט פון אונדזערע גרענעצן, וועט נישט דערגרייכט ווערן דורך אַקציעס נוסח סיני־קאָמפּאַניע. מיר לעבן נישט אין א ליידיקן חלל. נישט שטענדיק קאָן מצליח זיין א האַזאַרד־שפּיל מיט אונדזער גורל. אויב ס'וועט קומען א דריטע „רונדע", און אפילו זיך ענדיקן מיט אונדזער נצחון און מפּלה פונעם שונא, וועלן מיר דערמיט נישט פאָרסירן, אויף קיין האָר נישט, דעם געגאַרטן שלום.

10. די לעקציע פונעם צוריקטריט פון עזה

אויך מיר זענען געווען קעגן דעם איילקן צוריקטריט פון עזה־פּאַס. מיר האָבן געעצהט דער רעגירונג, זי זאָל מאַכן א פּרווו פון איינשליסן דעם עזה־פּאַס אין מדינת ישראל, מיטן באַדינג פון אַ הסכמה מצד די רצועה־איינוווינער און מיט דער טענדענץ אויף א גערעכטן אופן צו לייזן די פּראַגע פון די פּליטים וואָס געפונען זיך דאָרט. און אָט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף כאַראַקטעריסטישע רעאַגירונגען. מפא״י האָט פון פאָרויס באַשלאָסן מוותר צו זיין פון איינשליסן די רצועת עזה, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דורך מצרים ווי אן אקופּירט געביט און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איינגנטלעך די פאָרטזעצונג און נאַטירלעכע גרענעץ פון אונדזער מדינה. די מפאַ״י־מענטשן זענען נישט געווען גרייט צו נעמען די רצועה, נאָר בלויז אַלס אן אקופּירטן געביט און אן ווועלכער פאַרפליכטונג כלפּי די איינוווינער

און כלפי די פליטים. מיטן אַנעקסירן דעם עזה־פּאַס, וואָלט די אַראַבישע מינדערהייט זיך פאַרגרעסערט ביז 400—300 טויזנט, און די דאָזיקע פּערספּעקטיוו איז עס די וועלכע האָט אויף די קעפּ פון מפא״י אָנגעוואָרפן אַן אימה און פחד.

ביז איצט איז מיר נישט ענטגילטיק קלאָר וויאַזוי האָבן די פאָרשטייער פון אחדות־העבודה זיך פאָרגעשטעלט די אנעקסיע פון עזה־פּאַס און א וואָסער גורל האָבן זיי באַשטימט פאַר די אָרטיקע איינוווינער און פליטים, אויב ס'וואָלט דערפילט געוואָרן זייער פאָדערונג און מיר וואָלטן מצליח געווען איבערצולאָזן די רצועה אין אונדזערע הענט. אַלנפאַלס, דער גורל פון עזה־פּאַס באַווייזט ווי הונדערט עדות, אַז ס'וועט אונדז נישט געגעבן ווערן צוריקצוקערן די גאַנצקייט פון פאָטערלאַנד, אָן דער הסכמה פון די תושבים און אָנעם פאַרזיכערן זיי די פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט. דער צוריקטריט פון עזה־ראַיאָן באַווייזט, ווי שטרויכלענדיק איז אינהאַלט איז די פאַנטאַזיע, אַז ס'וועט אונדז געגעבן ווערן צוריקצושטעלן די גאַנצקייט פון לאנד דורך „באַפרייאונגס־אַקציעס" און כוחות־פאַרמעסט. די דאָזיקע לאָזונגען קאָנען בלויז פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַלן קעגנזאץ און איינלאדן אינטערווענץ פון זרויסנדיקע פאַקטאָרן. זיי דערנענטערן נישט דעם צוריקער פון דער גאַנצקייט פון לאנד, נאָר דערווייטערן אונדז פונעם פריערדיקן עטאַפּ וואָס פירט צו איר — שליסן א הסכם פון א פעסטן שלום, וואָס זאָל זיכערן די גאַנצקייט פון מדינת ישראל אין די פאַראַנענע גרענעצן און איינגעשטימטע לעזונג פון דער אזוי אָנגעווייטיקטער פליטים־פראַגע. מיר דאַרפן זאָגן מיטן פולן מויל, אז ס'איז נישטאָ קיין שום היסטאָרישע אויסזיכט אומצוקערן די גאַנצקייט פון לאנד, נאָר אויפן וועג פון שלום און פעלקער־הסכם, פונקט ווי מיר וועלן נישט דערנענטערן דעם שלום און גיין אויפן וועג פון איין פאַרמעסט צום צווייטן, כל־זמן מיר וועלן פון גרונט־אויס נישט ענדערן אונדזער צוגאַנג צו דער אַראַבישער מינדערהייט וואָס געפינט זיך צווישן אונדז און דעם אַראַבישן פאָלק וואָס רינגלט אַרום אונדזערע גרענעצן.

11. די באַציונג פון דער איצטיקער רעגירונג צו דער אראבישער מינדערהייט

דער אָפּהאַלט איינצושליסן דעם עזה־פּאַס, אויס חשש אז עס וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל אַראַבער אין די גרענעצן פון אונדזער מדינה, איז כאַראַקטעריסטיש און שטרייכט אונטער מיט אַבסאָלוטער קלאָרקייט די באַציונגען פון די דעצידירנדיקע קרייזן צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין דער מדינה, זינט איר אנטשטייאונג — ביזן היינטיקן טאָג.

זינט דער אנטשטייאונג פון דער מדינה האָבן מיר געהאט א שאַנס

צו דעראַבערן די הערצער פון די 200 טויזנט אַראַבישע איינוווינער אַלס לאָיאַלע בירגער — און מיר וואגן אפילו צו זאָגן — ווי פּאַטריאָטן פון אונדזער לאַנד. ס'איז אונדז געגעבן געוואָרן דער שאַנס, אַז דורך אונדזער יושרדיקער באַציונג וועלן מיר דערציען די אַראַבישע מינדערהייט, אַז זי דערפילט די ראָל פון אַ פאַרבינדלער צווישן אונדז און די שכנותדיקע לענדער. מיר האָבן געהאַט אַ שאַנס צו געפונען אין דער דאָזיקער מינדער־הייט דעם נאַטירלעכן פאַרמיטלער אין דער שטרעבונג צו אַ שלום־הסכם מיט אונדזערע שכנים און אויפשטעלן באַציונגען פון צוזאַמענאַרבעט צווישן אונדז און די מדינות וואָס רינגלען אונדז אַרום. לאָמיר האָפן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע עוולות וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דער דאָזיקער מינדערהייט, איז די דאָזיקע אויסזיכט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשווענדעט געוואָרן. אָבער אומזיסט וועלן זיי אָפּלייקענען דעם טרויעריקן אמת, אַז די הערשנדיקע אין אונדזער מדינה ליניע האָט אַלץ געטאָן, כדי די אַראַבישע מינדערהייט פאַרוואַנדלען פון אַ טרייער באַפעלקערונג אין אַ פינפטער קאָלאָנע.

די גרונט־ליניעס, אויף וועלכע עס האָבן איינפאַרשטאַנען אַלע דריי אַרבעטער־פּאַרטייען מיטן אויפשטעלן די איצטיקע קאָאַליציע־רעגירונג, אַנטהאַלטן אַ ריי פּונקטן, לויט וועלכע די קאָאַליציע וועט טאָן עטלעכע שריט פאַר דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד. די דאָזיקע פּונקטן האָבן קודם־כל פאַרזיכערט דאָס באַגרענעצן די אויפגאַבן פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג ביז אַ מינימום. ס'איז פאַרזיכערט געוואָרן אויסצופאָרשן, אויס פּאָזיטיווער באַציונג, די מעגלעכקייטן פון צוריקערן דעם פרייען פאַרקער די איינוווינער, מינדעסטנס אינעם נצרת־ראַיאָן, אַ ווייטערן פון דער גרענעץ. אַ גאַנצע ריי פּונקטן זענען געווען באַשטימט צו זיכערן די אַראַבישע בירגער מערער עקאָנאָמישע, קולטורעלע, געזעצלעכע און פּאָליטישע גלייכהייט. און אָט זענע כמעט די אַלע צוזאָגן אַריינגעלייגט געוואָרן אין אייזקאַסטן. צום סוף, ווען די מאָס איז שוין אַריבערגעגאַנגען, איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, נישט דווקא דורך דער כנסת, נאָר דירעקט דורכן פּרעמיער. די דאָזיקע קאָמיסיע איז אין אירע מסקנות אַוועק פיל ווייטער ווי די סאַמע הייסטע אָנהענגער פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג. דער פּרעמיער האָט זיך צוגעאיילט דערלאַנגען די מסקנות פון דער קאָמיסיע אויפן טיש פון די כנסת־דעפּוטאַטן, נאָך איידער די רעגירונג האָט באַוויזן זיי צו באַהאַנדלען. די שפּאַנונג וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן אונדז אין רעזולטאַט פון אזא אַנטוויקלונג, איז פון איר ווי ס'איז נישט אַרויסגענומען געוואָרן דער דאָרן, אָבער די פראַגע איז געבליבן הענגען און פאָדערט דורכויס אַן ענטפער.

12. זאָל לחלוטין אָפּגעשאַפט ווערן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג

די האַרבקייט פון דעם פּראָבלעם פאַרטראָגט נישט קיין האַלבע ענטפערס. פאַרן קיום פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג איז קיינמאָל נישט געווען קיין באַרעכטיקונג און ס'איז נויטיק זי אינגאַנצן אָפּצושאַפן. זי גיט אונדז נישט צו קיין זיכערהייט, נאָר איז גוזר אויף אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אַ מצב פון אַ כסדר־דויערנדיקער אָפּגעשלאָסנקייט און נאַציאָנאַלע דערנידעריקונג. אין דער לעצטער צייט זענען דורכן פּרעמיער, און ווידער אויף אייגענער איניציאַטיוו, געגעבן געוואָרן לויזע צוזאָגן די אַראַבישע כנסת־דעפּוטאַטן, פאַרבונדענע מיט מפא״י. דאָס זענען ווייזט אויס געווען די ערשטע שריט פון מפא״י, כדי צו די נאָענטע וואַלן אונטערקויפן די אַראַבישע איינוווינער. אָבער צו אַן ערנסטן ווענדפּונקט איז נאָך זייער ווייט. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז די אַראַבישע מינדערהייט, אין ווען מפא״י נויטיקט זיך אין די טעג פון וואַלן, ווערט אַלע טאָג אין יאָר בכוח באַטראַכט ווי אַ פינפטע קאָלאָנע, ווען מען דאַרף האַלטן אין אַ תחום פון אָפּגעשלאָסנקייט און די געווינטשענע האַלטונג זייערע פאַרזיכערן זיך דורך אָנשרעקן און שוחד. פון דער דאָזיקער באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט ווי צו אַ פורענות מיט וועלכער מען דאַרף משלים זיין און גלייכצייטיק זיין פאַר איר געוואָרנט, ווערט נישט אַרויסשפּראָצן קיין שום אויסזיכט פאַר אַ יידיש־אַראַבישן שלום. אַזאַ באַציונג שטויסט די אַראַבער אין די אָרעמס פון נאַציאָנאַליזם און צום שיקלען אויף יענער זייט גרענעץ. די דאָזיקע באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט זייעט ווילדע געוויקסן פון יידישן שאָוויניזם, וועלכע האָבן שוין געפונען זייער אויסדרוק און די אויפטרייסלענדיקע גרויל־טאַטן ווי אין דיר־יאַסין און כפר־קאַסם.

13. דאָס טאָן גערעכטיקייט דער אַראַבישער מינדערהייט — אַ בריק צו אַ יידיש־אַראַבישן שלום

פונדעסטוועגן ווייזט אונדז דער סך־הכל פון נײַן יאָר מדינה־עקזיסטענץ, אַז די אַראַבישע מינדערהייט האָט איינגעהאַלטן איר בירגערלעכע לאָיאַליטעט במשך די דאָזיקע אַלע יאָרן און אפילו אין די טעג פון דער סיני־אַקציע. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער אויפירונג וואָס רופט אַרויס כבוד, אויפן פעסטיוואַל אין מאָסקווע, מצד דער אַראַביש־חלוצישער יוגנט, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן דורך מפ״ם און דער יוגנט־באַוועגונג השומר־הצעיר. מיר האָבן זיך נישט גענויטיקט אין די באַווייזן, ווייל פונקט ווי מיר האָבן געווינען די הערצער פון דער אַראַביש־חלוצישער יוגנט, אַזוי האָבן מיר געקאָנט געווינען די הערצער פון רוב פעלאַכן,

אַרבעטער און אַראַבישע איינוווינער אין שטאָט און אין דאָרף, ווען מען וואָלט זיי געגעבן אַ לעבנס־רוים און דאָס געפיל פון פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. אויב נאָך פאַר דער סיני־אַקציע, און מיט מערער קראַפט נאָך איר, האָבן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער דערווייטערט זיך פון יעדן געדאַנק צו פאָרסירן אַ שלום־הסכם מיט אונדז, און אויב די שינאה קעגן אונדז איז אַזוי שטאַרק געוואָרן אפילו צווישן די אויבנדערמאָנטע קרייזן, האָט דער גורל פון דער אַראַבישער מינדערהייט אין אונדזער מדינה געגעבן דערצו אַ גאַנץ בכבודיקן ביישטייער.

מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר זענען מסוגל אויסצוהאַלטן און זיכערן זיך גופא עקזיסטענץ, טראָץ דער שינאה פון אונדזערע שכנים און טראָץ די קרבנות און שאָדנס וואָס עס ברענגט מיט זיך אין קאָנסעקווענץ דער דאָזיקער קעגנזאַץ. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר זענען מסוגל אויסצוהאַלטן און זיכערן אונדזער עקזיסטענץ, טראָץ די ריזיקע לאַסט פון זיכערהייט־בודזשעטן, וועלכע דרינגען ארויס פון דער זיך שטאַרקנדיקער שפּאַנונג צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. מיר האָבן באַוויזן אויסצוהאַלטן און זיכערן אונדזער קיום, טראָץ דעם גרויסן שאָדן וואָס האָט פאַר אונדזער ווירטשאַפט גורם געווען דער בויקאָט און ווירטשאַפטלעכע בלאָקאַדע, וועלכע איז אויף אונדז ארויפגעלייגט געוואָרן דורך דער אַראַבישער ליגע. מיר האָבן באַוויזן אויסצוהאַלטן אין אַלע באַדינגונגען. נאָר אומזיסט וועט מען פּרובירן באַווייזן, אַז די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען העלפן צואיילן דעם קיבוץ־הגלויות און שטויסן פאָרויס אונדזער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זעלשטענדיקייט. אויף צוצואיילן דעם טעמפּאָ פון קיבוץ־גלויות, וועט נישט ברענגען קיין נוצן קיין פּאָליטיק פון כוח און ס׳וועלן נישט סטייען קיין זיכערהייט־בודזשעטן. דערפאַר איז אַ שלום־הסכם מיט אונדזערע שכנים נויטיק ווי דער לעבנס־זאַפט.

דער וואָס שטעלט אַנטקעגן דעם ציוניסטישן מאַקסימאַליזם, וועלכער איז סותר די טענדענץ צו שלום־שטרעבונג, איז אַ געוויסנלאָזער דעמאַגאָג און אַן ענגהאַרציקער, אומבאהאָלפענער שאָוויניסט.

דער גרעאַנגל פאַר טאַן גערעכטיקייט און צוטיילן פולע גלייכבאַרעכטיקונג דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד, אידענטיפיצירט זיך מיטן גרעאַנגל פאַר שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ יידיש־אַראַבישן שלום, פונקט ווי דער אַראַביש־יידישער שלום בילדעט איינע פון די עיקרדיקע באַדינגונגען צוצואיילן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות און זיכערן אונדזער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט.

14. וועגן אראבישן ארבעטער און פעלאך

נאָך אין די ערשטע טעג, האָט אונדזער באַוועגונג געזען אינעם אראבישן אַרבעטער און פעלאַך, אין דער אראבישער אינטעליגענץ וועלכע איז באהאָפטן מיט די מאַסן ארבעטנדיקע — דעם עיקרדיקן טרעגער פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער עמאַנסיפּאַציע אויף דער אַראַבישער גאַס און דעם נאַטירלעכן פארבינדעטן פונעם יידישן האָרעפּאַשניק. צוליבן די אַקטיוויסטישע ווילדע אנוווקסן, האָבן ביי ברייטע שיכטן פון דער יידישער יוגנט זיך אָנגענומען פאָרורטיילן און זי איז לייכט צו פאלן אַ קרבן פון שאָוויניסטישער דעמאָגאָגיע. אָבער יעדער וואָס איז נאָענט צו די ענינים און דערלאנגט אַ העלפנדיקע האַנט צו פלעגן פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע דערפער און ארבעטער, ווייסט, אַז אויף אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט, ענטפערט אַ שטארקער אָפּקלאַנג מצד די אַראַבישע מאַסן. יעדער וואָס שטעלט אונטער אַן אַקסל צו פלעגן פעלקער־פארברידערונג, פילט באַלד די מאָס פון פולן צוריק־ענטפער מצד די אַראַבישע איינוווינער.

אין דער לעצטער תקופה, באזונדערס זינט מיר זענען געוואָרן שותפים צו אחריות פון דער דאָזיקער רעגירונג, האָבן מיר געשאָנקען א סך אויפ־מערקזאַמקייט דער פּאָליטישער זייט פונעם גערעַנגעל פאר בירגערלעכער גלייכהייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. ווי אַ פּרוכט פון אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלער און דערציערישער טעטיקייט, מעג אונדז דערלויבט זיין אונטערצושטרייכן די גרויסע דערגרייכונג אינעם פלעגן די אראביש־חלוצישע יוגנט־באוועגונג. פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט אונדזער פּאַרטיי כינוסים פון אראבישע ארבעטנדיקע, באשטימטע צו באהאנדלען ברענענ־דיקע אקטועלע פראגן.

זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער יידיש־אראבישער פארבאנד, ווערט דער קאָנטאקט מיט ברייטע אראבישע קרייזן, און באזונדערס מיט דער אינטעליגענץ, געפירט אויך דורך דעם דאָזיקן פאַרבאַנד.

ווי מ'האָט אונדז איבערגעגעבן, האָט אין דער לעצטער צייט זיך געשטארקט דער פערמענט צווישן דער אראבישער אינטעליגענץ צוליב באַרויבן זי פון דער ממשותדיקער אויסזיכט איינצופלעכטן זיך אין דער ווירטשאַפט פון לאנד און אין אַפּאַראַט פון דער מדינה. פון אַ מינדערהייט פון איבער 10% פון איינוווינער פון לאנד, ווערט צו גאָר־גאָר ווייניקע געגעבן אַ דריסת־הרגל אינעם פאַרצווייגטן מדינה־אַפּאַראַט, — און מיר דארפן קעמפן צו פאריכטן די עוולה.

דערווייל דרייען זיך ארום ליידיק די אַבסאָלוטע פון די מיטלשולן און זיי דערגייען צו פאַרצווייפלונג. מיר געפינען איין, אַז צווישן די

דאָזיקע קרייזן, דאַרף מען לענקן די וואַכזאַמע און ליידנדע צוליב די נויטן פון די מאַסן, וועלכע זאָלן זיך שטעלן בראש פון דער באַוועגונג צו קאָאָפּעראַציע און פאָרשריט אינעם אַראַבישן דאָרף און בראש פונעם געראַנגל פון די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס, אויפן ביישפּיל פון דער יידישער חלוצישער יוגנט, וועלכער איז באַהאַפטן צום קאַמף פונעם אַרבעטער און צום ווערק פון דער אַרבעטנדיקער התישבות.

אויף דער אַראַבישער לערנדיקער יוגנט דאַרף מען אַרויפלייגן די אויפגאַבע פון אויפהייבן דאָס אַראַבישע דאָרף פון זיין ווירטשאַפטלעכער, סאָציאַלער און קולטורעלער צוריקגעשטאַנענקייט. מיר האָבן אויף דער אייגענער הויט דערשפּירט ווי גרויס ס'איז די ברכה פון חלוצישער דערוואַכונג און ווי גרויס ס'איז די קללה פון אָפּהענטיקייט און אויסוועגלאָזיקייט.

צו די אַמיינסטן פאַרדריסלעכע דערשיינונגען פון פאַרלייקענונג צו די געבאָטן פון פּראָלעטאַריִשער און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, דאַרף מען צורעכענען דאָס שליסן די טויערן פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (הסתדרות) פאַרן אַראַבישן אַרבעטער. נישט נאָר וואָס דאָס טרעפט אין די אינטערעסן פונעם אַראַבישן אַרבעטער, נאָר אינדעראמתן שעדיקט עס אויך אין די אינטערעסן פון יידישע אַרבעטער, און אפילו אין די אינטערעסן פון מדינת ישראל. נישטאָ נאָך אַזא זאַך וואָס רופט אַרויס צערודערונג און אומווילן צווישן דער באַוווסטזיניקער יידישער און נישט־יידישער עפנטלעכער מיינונג, ווי די פּאָזיציע פונעם אַראַבישן אַרבעטער אין אַ לאַגע פון אַ בירגער פון דער צווייטער מדרגה. מיט רעכט פרעגן אונדז יידן און ניט־יידן, וויאַזוי האָבן מיר באַוויזן צו פאַרגעסן די לאַגע פונעם יידישן אַרבעטער אַלס מינדערהייט אין פרעמדע לענדער? בנוגע דעם איינהאַלטן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג ווערט כאָטש, ווינציקסטנס, געבערענגט דער זיכערהייט־מאָטיוו, אַפילו אַן אויסגעטראַכטער, אָבער צו שליסן די הסתדרות־טויערן פאַרן אַראַבישן אַרבעטער איז נישטאָ אַפילו קיין זיכערהייט־אויסרייד. דאָס אַלץ איז בלויז ווילקירלעכקייט, פאַרלייקענונג צו די מענטשלעכע און קלאַסן־געבאָטן פון סאָלידאַריטעט. ס'איז געקומען די שעה, אַז אונדזער פּאַרטיי זאָל מיט מערער קראַפט ווענדן דעם רעפלעקטאָר פון דער עפנטלעכער מיינונג צו דער נויט פון די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס. מיט פאַרשטאַרקטער קראַפט דאַרפן מיר קעמפן פאַר איינשטעלן מענטשלעכע און סאָציאַלע גלייכהייט צווישן די אַרבעטנדיקע פוןביידע פעלקער און פאַר ברייט פונאַנדערעפענען די הסתדרות־טויערן פאַרן אַראַבישע אַרבעטער.

15. די טאפלטע שליחות פון מפ״ם

אויף מפ״ם ליגט די שווערע אויפגאבע צו ראנגלען זיך פאר אפליי־דיקן די פאליטישע און סאציאלע מינעס, אוועקגעלייגטע צווישן אונדז און אַ שכנותדיק פאלק. דאס באַנען אַ וועג צו פעלקער־פאַרברידערונג און באזייטיקן די מינעס פון שאָוויניזם און פעלקער־האַס, שטעלן מיט זיך פאר די היסטאָרישע שליחות פון מפ״ם. דאס איז א שלאַכט פאר באזייטיקן איינעם פון די סאַמע געפערלעכסטע מכשולים צו פארסירן אונדזער עקאָנאָמישע און פאליטישע זעלבשטענדיקייט, צואיילן דעם פראָצעס פון קיבוץ־הגלויות און צוריקערן די גאנצקייט פון לאנד דורך א פעלקער־פארשטענדיקונג.

אויסער דעם דאָזיקן קאַמף פאר פעלקער פארברידערונג אויף דער יידישער גאַס, ליגט נאָך אויף מפ״ם זייער קאַמף אויף דער אַראַבישער גאַס. דער דאָזיקער געראנגל ווערט דער עיקר געפירט קעגן מק״י. אין דער לעצטער תקופה האָט מק״י ממש דערגרייכט א מאָנאָפּאָל אינעם דערפילן די אויפגאַבע, וועלכע עס האָט אַמאָל דערפילט, בשותפות מיט מק״י (פ.ק.פ.), די אראבישע רעאקציע, אונטער דער אָנפירונג פון מופטי. פון פאליטישן אנטי־ציוניזם גליטשט זיך איצט מק״י באַרג־אַראָפּ צו שנאה קעגן מדינת ישראל. ביסלעכווייז נעמט אָן די פראָפּאַגאַנדע פון דער דאָזיקער פארטיי אן אנטי־יידישע באַפארבונג. מק״י דערציט די אראבישע מאַסן, אז זיי זאָלן זיך זען אין מדינת ישראל ווי אין אן אקופירט לאַנד. זי באַמיט זיך די אַראַבישע תושבים פון לאַנד אַוועקצושטעלן אויף דער צווייטער זייט באריקאדע. פון דער פאָדערונג פאר דער רעכט פון אָפּטיילן זיך פון דער אַראַבישער מינדערהייט פון מדינת ישראל און פון רייסן שטיקער פון איר שטח, דערגיין זיי צו דער „פּאַטריאָטישער" הנחה, אז מדינת ישראל איז נישט בארעכטיקט צו פאָדערן קיין שלום־הסכם מיט די שכנותדיקע מדינות, כל־זמן זי וועט נישט זוכה זיין צו א הסכם מיט די אראבער פון דער „אקופירטער פאַלעסטינע". די דאָזיקע פארעטערישע פארשווערונגען ברענגט איצט מק״י ארויס גאַנץ אָפן.

אויף מפ״ם ליגט די אויפגאבע צו קעמפן איבער דער נשמה פון דער אַראַבישער מינדערהייט, ביים סטעמפּלען די פארעטערישע פלענער פון מק״י און ביים פלעגן פעלקער־פאַרברידערונג, נאַציאָנאלע גלייכהייט און ארבעטער־סאָלידאריטעט. אויב מיר וועלן ווירקן מיט מסירות־נפש און ברען, וועלכע זאָלן ראוי זיין דער דאָזיקער אויפגאַבע, וועלן מיר זי דערגרייכן.

פרק ד׳:

זעלבשטענדיקייט און נייטראַליטעט

1. פון די טענות קעגן נייטראַליטעט

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אַ נאַטירלעכער המשך פונעם פאָריקן קאַפּיטל.

מיר דערקלערן אָן אויפהער, אַז נייטראַליטעט איז איינער פון די עיקרדיקסטע באַדינגונגען צו שטויסן פאָרויס אונדזער מדינה אַנטקעגן פולער זעלבשטענדיקייט. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער פּאָליטיק פון אונדזער רעגירונג רוקן אַרויס קעגן אונדז כלערליי טענות. כ׳וועל אויסרעכענען עטלעכע פון זיי:

נישטאָ אין דער ווירקלעכקייט אַ מדינה וועלכע זאָל זיין לחלוטין נייטראַל. פאַרשידענע מדינות וועלכע פּראָקלאַמירן זייער נייטראַליטעט, טוען דאָס, כל־זמן די זאַך ברענגט זיי נוצן. פונדעסטוועגן לאָזן זיי זיך איבער אָן אונטערשטע טיר צו פאַרזיכערן זיך וועלכע ס׳איז אָפּהענגיקייט אין איינער פון די אנטשיידנדיקע גרויסמאַכטן אין דער וועלט, אין דער מאס אויף וויפל זי באַדינט זייערע אינטערעסן.

אין אונדזערע צייטן איז נישטאָ כמעט אַ מדינה וועלכע זאָל זיין פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט אויטאַרקיש און זאָל נישט זיין קעגנזייטיק פאַרבונדן און קעגנזייטיק אָפּהענגיק — און אפילו איינזייטיק — פון אַנדערע מדינות. נייטראַליטעט איז נישט פאַר אַ מדינה וועלכע זאַמלט איין גלותן און איז אַרומגערינגלט מיט פיינט אַרום. זי פּאַסט פאַר אַ מדינה ווי די רייכע און זאַטע שווייץ, וועלכע דינט אַלס פאַרמיטלונגס־צענטער און טרעף־פּונקט אין טעג פון פרידן ווי אין טעג פון קריג. אַזאַ לאַנד, וואָס אויב ס׳נויטיקט זיך אין הילף פון אַנדערע, נויטיקן זיך אַנדערע מערער אין איר הילף. נישט ווי אונדזער מדינה, וועלכע איז אָפּהענגיק אין דער הילף פון אַמעריקע און אירע יידן. נייטראַליטעט קאָן בלויז אָן עוולה טאָן דער הילף וואָס ווערט אונדז דערלאַנגט פון יענער זייט ים. צום סוף ווערט געהערט די טענה פון די קעגנער פון נייטראַליטעט, אַז די לאָזונג פון נייטראַליטעט דינט אין אונדזער ראַיאָן אַלס דעקונג פאַר די מאַנעווורען פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער שטרעבט צו דערווייטערן די מדינות פון ראַיאָן פון דער מערבדיקער השפעה, כדי זיי פאַנגען אין דער נעץ פון דער כוח־פּאָליטיק פונעם קאָמוניסטישן לאַגער.

כ׳וועל זיך נישט באַגנוגענען מיט געכאַפּטע ענטפערס אויף די דאָ־

זיקע טענות. כ׳וועל פּרובירן אויפקלערן דאָס פּראָבלעם וואָס פאַר אונדז, מיטן באַטראַכטן די עלעמענטן פון שפּאַנונג אויפן נאָענטן מזרח און זוכן די פאַקטאָרן וועלכע קאָנען ברענגען צו אַנטשפּאַנונג. דער וויכוח וואָס פירט זיך אין אונדזער לאַנד ארום דעם דאָזיקן פּראָבלעם, איז באַהאַפטן צו דער פיבערדיקער ווירקלעכקייט פון די דאָזיקע טעג. מיר וואָלטן אונדזערע פרעגער ג׳נקאָנט ענטפערן, אז שווייץ אָדער עסטרייך — זייער נייטראַליטעט ווערט טאָלערירט דורכן מזרח און מערב, הגם פון סאָציאַלן און קולטורעלן שטאַנדפּונקט אַנטפּלעקן זיי א בולטע נטייה צום רעזשים, איינגעפירט אין מערב. דאָס מיינט, אז מען דאַרף נישט אידענטיפיצירן זידעאָלאָגישע סימפּאַטיע און נטייה מיט א פּאָליטישער פּאָזיציע. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט קעגנגעשטעלט אויסצונוצן מעגלעכקייטן פון איינשטעלן פריינטלעכע פאַרבינדונגען מיט פאַרשידענע לענדער, ווי פראַנקרייך, איטאַליע אדג״ל, צום נוצן פון ביידע צדדים. מיר זענען באַרעכטיקט אפילו אויסצונוצן יעטוועדע פריינשטאַפט, כדי איינשאַפן פאַר זיך פאַרטיידיקונגס־מיטלען, אָנעם צאָלן דערפאַר מיט פאַרקנעכטונג. אָבער מיר פאָדערן פון די קאַפּיטאַלן פון אונדזער פּאָליטיק, אז זיי זאָלן וויסן צו ווייכן פון איינזייטיקער אָפּהענטיקייט, אַזויווי עס פירן זיך שווייץ און עסטרייך. באַזונדערס, ווען די געפאַר וואָס דראָט מיטן געפונען זיך צווישן צוויי קריגערישע בלאָקן, איז אן א שיעור פיל הארבער. זי באַדראָט פּשוט אונדזער קיום און צוקונפט. מיר זענען גרייט אפילו צו זיין נאָך באַשיידענער. מיר וועלן פאָרטזעצן דעם קאַמף פאַר דער נייטראַליזאַציע פון אונדזער מדינה אין די ראַמען פון נייטראַליטעט פון גאַנצן ראַיאָן, אָבער ווי א געבאָט פון דער שעה וועלן מיר פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונדזער פּאָליטיק פאָדערן קודם־כל נישט־אריינמישונג אינעם געראַנגל צווישן די בלאָקן, וואָס איינמאָל פירט ער זיך ארום ירדן און אן אנדערש מאָל ארום סיריע, און ווערט פון טאָג צו טאָג שאַרפער. די געפאַר וואָס דראָט אונדז פון דער איבעריקער אָפּהענגיקייט פון דער אמעריקאַנער פּאָליטיק און סטראַטעגיע אויפן נאָענטן מזרח איז אַזאַ הארבע און דראָענדע, אַז יעטוועדן אמתן צי אויסגעטראַכטן נוצן וועלכע מען האָפט דערפון צו דערגרייכן, איז נישט גלייך אַנטקעגן דעם זיכערן פאַרלוסט אונדזערן.

גענוען א צייט, ווען אונדזערע פּאָליטיקער האָבן טאַקע זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרפליכטן זיך צו נייטראַליטעט, אָבער כדי נישט אריינלייגן אונדזערע קעפּ צווישן בערג, האָבן זיי ווינציקסטנס געזוכט צווישן פאָרמען, ווי נישט־אידענטיפיצירונג מיט די צוויי בלאָקן און נישט־

אריינמישונג אינעם פארמעסט צווישן זיי ביידע. געווען א צייט, און די קאַפּיטאַנען פון אונדזער פּאָליטיק, וועלכע האָבן זיך גוהג געווען אָפּצוזאָגנ'ענעצן פון נייטראליטעט, האָבן געטענהט, אז זיי זענען נישט מוותּר פון שטרעבן צו מאקסימאלער זעלבשטענדיקייט. זיי האָבן צוגעגעבן, אז דאָס געבן פּאַרצוג דער פריינטשאפט צו אמעריקע אָדער פראנקרייך, אידענטיפיצירט זיך נישט מיט איינזייטיקער אָפּהענגיקייט און מיטן פארבינדן זיך אין מיליטערישע בונדן. נאָכמער, די באזונדערע פריינטשאפט־פארבינדונגען וועלכע האַלטן אן צווישן אונדז און די פאראייניקטע שטאַטן, צוליב דער הילף פון זייער רעגירונג און דער הילף פון אירע יידן, באפרייט אונדז נישט פון דער פליכט אנצוהאלטן באַציונגען פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש אפילו מיט די לענדער פון סאָציאַליזם, און באזונדערס מיטן ראטנפארבאנד, נעמענדיק אין אַכט די זיך שטאַרקנדיקע השפעה פון די דאָזיקע לענדער אויפן נאָענטן מזרח און רעכנענדיק זיך דערמיט, וואָס מיליאָנען יידן וווינען אין זייערע גרענעצן.

ווען ס'איז צו אונדז דערגאנגען דער ערשטער שוואכער אפקלאנג פון דער אייזנהאוער־דאָקטרין און נאָך איידער ס'האָט זיך ביי אונדז באוויזן דער ספעציעלער שליח פונעם דאָקטרינע־אייגנטימער, האָבן אויך מנהיגים פון מפא"י זיך פון איר אָפּגעגרענעצט. אין „דבר" זענען דערשינען א ריי ארטיקלען, פארענדיקט אפילו מיט א לייט־ארטיקל געווידמעט דער דאָזיקער טעמע. אלע זענען געווען אדורכגעדרונגען מיט אפגרענעצונג פון דער דאָקטרין. מיר, אזויווי זיי, האָבן דעמלט אַרויסגעברענגט די מיינונג, אַז מיר דאַרפן זיין אָפּגעהיטן נישט אַרייננלייגן אונדזערע קעפּ צווישן בערג און טאָן אַ זאַך וואָס זאָל דערנאָך ברענגען מיט זיך א פארשארפונג אין די באציונגען מיטן ראטנפארבאַנד. אלע האָבן דעמלט ארויסגעברענגט דעם חשש, אז דאָס אָנשליסן זיך אין דער אנטי־סאָוויעטישער דאָקטרין, קאָן נאָך מערער באַשווערן די לאַגע פון דעם סאָוויעטישן יידנטום און דערווייטערן די אויסזיכט און צייט פון זייער עולה זיין אין לאַנד. אין יענע טעג האָבן אויך די פּאָליטיקער פון מפא"י געזוכט פאר זיך א שוץ אין נישט־אריינמישונג און דערווייטערונג פון אַ צוזאַמענשטויס צווישן די בלאָקן. אין יענע טעג האָבן זיי נישט געצווייפלט, אז ס'איז מעגלעך אזא נישט־אריינמישונג, אָנעם פוגע זיין אין די ענגע פארבינדונגען מיט זייער רעגירונג.

און אָט איז געבוג געווען אן אריינבליק במשך א מעת־לעת פונעם ספעציעלן אמעריקאַנער שליח — און אלץ האָט זיך איבערגעקערט. דער סוגעסטיווער כוח פון דעם דאָזיקן ספעציעלן שליח איז, ווייזט אויס,

געוועזן אזוי שטאַרק, אז אין פאַרלויף פון איין נאַכט האָט ער באוויזן איבערצודרייען דאָס האַרץ פון אונדזערע פּאָליטיקער. מיר וועלן נישט זיין ווייט פון אמת, אויב מיר וועלן אָננעמען, אז דער קעגנשטעל־כּוח פון אונדזערע פּאָליטיקער צו די לאָקונגען פון דער דאָקטרין און צוגאָבלעכער אפּהענגיקייט אין די פאַריינ׳קטע שטאַטן, איז לכתחילה געוועזן צעטרייסלט. נישט אנדערש, אז דער באַדן איז פון פריער צוגעגרייט געוואָרן פאַר אזאַ איילנדיקער ווענדונג. און ביים קומען די צייט פון עקזאַמען, געפונען זיך די אָפּשפּעטער פון נייטראַליטעט, ווי זיי קייקלען זיך באַרג אַראָפּ צו פאַרלייקענונג פון זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. אין דער שעה פון עקזאַמען וועלן מיר נישט פאָדערן פון זיי א ספּעצ׳עלן אנשטרענג, כּדי זיך אָפּהאַלטן פון פאַרדאַכטן און אָנשליסן אין דער דאָקטרין.

2. מיר האָבן נישט אויפגעגעבן אונדזער גרענגל אינערהאַלב דער רעגירונג;

ס׳איז באוווּסט, אז אונדזער פּאַרטיי איילט זיך נישט ארויסצוטראָגן אַן אורטייל און צו זאָגן רבנן־קדיש איבער אירע קעגנער פון דער ארבעטער־חלוצישער מחנה. מיר איילן זיך נישט מייאש צו זיין פון אונדזער עקשנותדיקן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און זעלבשטענדיקייט פון ישראל צווישן פעלקער. טראָץ דעם וואָס מיר האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פונעם גרענגל קעגן דער אָפּהענגיקייטס־פּאָליטיק פון אונדזערע פּאָליטישע קאַפּיטאַנען, האָבן מיר זיך נישט געאיילט צו פאַרלאָזן די רעגירונג, אפילו נאָכן רעזערווירטן אָננעמען די אייזענהאַוער־דאָקטרין. ווען ס׳איז געפאַלן די אנטשיידונג, האָבן מיר געזאָגט — און מיר ענדערן נישט איצט אויך אונדזער מיינונג — אז דאָס אָנשליסן זיך צו דער דאָזיקער פּאָליטישער דעקלאַראַציע, איז נאָך אַלץ ווייט פון צו זיין אידענטיפיצירט מיט פאַרקנעכטונג. מיר נעמען אָן, אז ס׳איז אונדז געגעבן געוואָרן ביז איצט צו קעמפן קעגן שליסן פאַרקנעכטנדיקע מיליטערישע בונדן מיט איינער פון די גרויסמאַכטן. אויך איצט וואַרפן מיר אָפּ די טענה פון דער סאָוויעטיש׳ער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע סטעמפּלט מדינת ישראל ווי אַ בלינד ווערקצייג פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. דערפאַר האָבן מיר נאָך נישט אויפגעגעבן אונדזער גרענגל אינערהאַלב דער רעגירונג.

3. די צוויי־פּנימדיקייט אין דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע

אין די איצטיקע טעג פירן זיך כּלפּי אונדז די פּאָליטיקער פון ראַטנפאַרבאַנד און מיט זיי — די אומפאַרבעסערלעכע שונאי־ציון פון מק״י,

גלייך אונדזער מדינה וואָלט שוין לחלוטין געווען פאַרקנעכטעט. אָפּטמאָל ווערט אונדזער מדינה געטאַדלט דורך די סאָוויעטישע פּאָליטיקער אין אונ"א און דורך די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע־שופרות ווי די ערגסטע נאָכשלעפּערין פונעם אימפּעריאַליזם, ערגער פון ירדן און לבנון. פאַר זיי אַלע איז דאָ אַ מאָס, לויטן געשמאַק פון די וואָרטזאָגער פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק. נישט געקוקט אויף זייער פולן אנשלוס אין דער דאָקטרין, לויפן ארום די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן ארום די דאָזיקע מדינות און פאַרפלייצן זיי מיט פריינטשאַפטלעכע דעקלאַראַציעס. דער סאָוויעטישער פאָרשטייער אין אונ"א נעמט אונטער זיין שוץ נישט נאָר סיריע און מצרים, נאָר יעטוועדער אראבישער מדינה וועלכע האָט וועלכן ס'איז סכסוך מיט ישראל. מיט פאַרמאַכטע אויגן באַרעכטיקן זיי יעדע פּראָוואָקאַציע קעגן אונדז און יעטוועדע רעאַגירונג אונדזערע ווערט אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן געסטעמפּלט דורך זיי ווי אַן „אַגרעסיווע פאַרשוועררונג". אפילו אַן אָנקלאַגע פון דער ירדנער רעגירונג נעמען זיי אונטער זייער פּראָטעקטאָראַט, און אַזאַ „אַגרעסיון" ענין, ווי דאָס פלאַנצן ביימער אינעם דעמיליטאַריזירטן שטח אויפן הר־הצופים, ווערט דורך זיי פאָרגעשטעלט ווי אַ פּראָוואָקאַציע און אויפרייצנדיקע טאַט, וואָס ווערט, פאַרשטייט זיך, אונדז דיקטירט דורך געהיימע אָנווייזונגען פונעם סטייט־דעפּאַרטמענט.

די דאָזיקע אוימגעצוימטע העצע סטייעט אין אַ נישט־קליינער מאָס אומצוואַלגערן די אַנשטרענגונגען פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין אונדזער לאַנד, וועלכע שטרעבן צו נייטראַליזאַציע פונעם נאָענטן מזרח און צו נייטראַליטעט פון ישראל. די דאָזיקע פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע קאָן אַפילו אַראָפּפירן פון וועג מענטשן מיט גוטן ווילן און זיי איבערצייגן, אַז במילא איז צוועקלאָז אונדזער געראַנגל פאַר זעלבשטענדיקייט. אויך זיי קאָנען קומען צום אויספיר, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד רעכנט זיך קודם־כל מיט דער פריינטשאַפט פון לענדער און פעלקער, וועלכע העלפן אינעם דערפאָלג פון זיין כוח־פּאָליטיק און סטראַטעגישן פאַרשטאַרקטן אָנהאַלט אין די ברייטקייטן פון מיטעלן מזרח.

4. קאָניונקטורעלע טאַקטיק אדער פּרינציפּיעלע פּאָליטיק

אין דער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך, איז אונדז דערלויבט צו טרייסטן זיך מיט דער הנחה, אַז די אַנטי־ישראלדיקע העצע פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע האָט אַ שייכות צו אַ קאָניונקטורעלער טאַקטיק. אָט איז גענוג געווען, אַז אונדזער אויסערן־מיניסטאָרין זאָל אין אונ"א דעקלאַרירן, אַז מיר האָבן נישט קיין שום ענין פּוגע צו זיין אין אונדזערע שכנים — אריינגערעכנט סיריע — אויב מען וועט אונדז נאָר צורו לאָזן,

און גלייך האָט די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע, קאָן זיין אויף דערווייל, אויסגעמעקט דעם נאָמען ישראל פון די מדינות, וואָס לויט איר אויפקלערונג, גרייטן זיי אַן אַגרעסיע אויף סיריע. אויף אַ קורצער צייט האָבן מיר אויפגעהערט זיין דער ערשטראַנגיקער און אויבערשטער ציל פונעם קאַלטן קריג. מיט איין וואָרט — מיר גלויבן, אַז די דאָזיקע פיינטלעכע טאַקטיק פון די סאָוויעטישע שטאַאַטס־מענער וועלן אין דער אונטערשטער שורה פאַריבערגיין און אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער מער פּרינציפּיעלער און מער טרייער ליניע צו דער דורך איר דעקלארירטער שלום־פּאָליטיק. מיר דערמאָנען זיך די ערשטע טעג נאָכן אויפשטעלן אונדזער מדינה, אין יענע יאָרן איז די סאָוויעטישע פאָרשטייערשאַפט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער געווען געוואָרנט פוגע צו זיין אין מדינת ישראל. זי האָט ווייטער אָנגעהאלטן קאָנסעקווענט די דאָזיקע ליניע, אפילו נאָכדעם ווען אונדזערע פּאָליטיקער האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם וועג פון נישט־אידענטיפיצירונג מיט איינעם פון די בלאָקן, וועלכער קעמפט פאַר גלאָבאַלער העגעמאָניע. מיר לעבן איצט אונטערן צייכן פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק כלפּי ישראל, וועלכער איז אין תכלית קעגנזעצלעך צום וועג אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער זעלבשטענדיקייט. אָבער בשום אופן טאָר מען נישט זען אין דער דאָזיקער פּאָליטיק אַ גזירה, וואָס וועט אייביק אָנהאַלטן. דאָס איז אַ גזירה וועלכע קאָן פריער צי שפּעטער אָפּגעשאַפט ווערן. אויף וויפל די זאַך איז אָפּהענגיק אין אונדז, דאַרפן מיר אַלץ טאָן, כדי להעביר את רוע־הגזירה. מיר דאַרפן קעמפן פאַר אַ גינסטיקן קער, אפילו ווען די ווירקלעכקייט מאָלט זיך איצט פאַר אונדז אין אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן.

ריכטיק, מיר וועלן איצט נישט קאָנען פאַרזען דעם פאַקט, אַז דער באַשלוס אין באַנדאָנג, וועלכער האָט באַנייט די פאָדערונג פון חלוקה פון יאָר 1947, איז אָנגענומען געוואָרן דורך די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע, ביים וויסן און הסכמה פונעם קאָמוניסטישן לאַגער און ביים בויקאָטירן ישראל. אַלנפאַלס, האָבן אונטער די דאָזיקע אַנטי־ישראלדיקע באַשלוסן געשטעלט זיך מיטן פולן גערעדן דער אַזיאַטישער טייל פון דער קאָמוניסטישער וועלט. מפּ״ם, וועלכע קעמפט פאַר דער נייטראַליטעט פונעם ראַיאָן און דער פולער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון מדינת ישראל, און וועלכע גלייבט אין די אויסזיכטן פון אַ פּאָזיטיווער ווענדונג; מפּ״ם, וועלכע האָט נישט מותּר געווען פון צו פלעגן פריינטשאַפט־פאַרבינדונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, אפילו אין די דאָזיקע טעג, — דווקא זי איז פאַרפּליכטעט אין דער סאַמע שאַרפסטער פאָרם צו וואָרענען איבער דער אַנטי־ישראלדיקער איינזייטיקייט און אָפּאָרטוניזם, וועלכע קומען

צום אויסדרוק אין דער סאָוויעטישער טאַקטיק אין באַצוג צו אונדזער מדינה אין דער לעצטער צייט. מיר פאָדערן קאַטעגאָריש פון ראַטנפאַרבאַנד אַ באַציִונג פון אומקאָרופּטקייט און נייטראַליטעט כלפּי ביידע צדדים, פאַרמישטע אינעם יידיש־אַראַבישן סכסוך. מיר האָבן נישט אויפגעהערט גלויבן, אַז די פיינטלעכע דערשיינונגען פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע טראָגן בלויז אַ קאָניוקטורעלן כאַראַקטער.

5. דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער נייטראַליזאַציע פון ראַיאָן און אַ יידיש־אַראַבישן הסכם

ס'איז מיר אין דער לעצטער צייט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט קאָמוניסטן פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע פון די, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן ביי אונדז אין לאַנד. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט לחלוטין צו באַפרייען זיך פון דער דאָגמאַטישער פאַרקנעכטונג צו די קאָמינפאָרמישע לאָזונגען אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלין. זיי זענען נישט געווען אַרומגענומען מיטן קאָמפּלעקס פון זעלבסט־שנאה ווי אונדזערע מק״יסטן. זיי זענען געבענטשט מיט אַ לחלוטין נישט־מק״יסטישער אייגנשאַפט: זיי האָבן געהאַט אויערן צו הערן און אויגן צו זען און נישט געשעמט זיך צו באַאיינדרוקן פון אַלץ וואָס זיי האָבן געהערט און געזען. נישט קיין וווּנדער, אַז קאָמוניסטן וועלכע זענען באַשאַנקען מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן, זענען ווייט פון אונדזערע מק״יסטן ווי ווייט ס'איז מזרח פון מערב, און דאָס נישט געקוקט דערויף וואָס זיי זענען געבליבן טריי די יסודות פון קאָמוניזם.

בעת די צוזאַמענטרעפן מיט די דאָזיקע מענטשן איז נישט איינמאָל געשטעלט געוואָרן די פראַגע וואָס פריער און וואָס בילכער: נייטראַליזאַציע פונעם ראַיאָן און בטל מאַכן דעם באַגדאַדער פּאַקט, אָדער — אַ יידיש־אַראַבישער הסכם. מיר זענען דווקא נישט געווען ווייטגייענדיק. מיר האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער הנחה, אַז אַ יידיש־אַראַבישער הסכם איז נישט ווייניקער וויכטיק צו פאַרזיכערן דעם שלום אין ראַיאָן, ווי אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן בטל צו מאַכן די בונדן און אָפּשטעלן דאָס באַוואָפענונג־געיעג און זיכערן זעלבשטענדיקייט פונעם גאַנצן ראַיאָן. נישט נאָר וואָס די דאָזיקע צוויי פאָדערונגען זענען פון גלייכן ווערט, נאָר מאַכן אפילו אָפּהענגיק איינע פון די צווייטע. ס'וועט נישט געזיכערט ווערן די זעלבשטענדיקייט פון ראַיאָן און זיין באַפרייונג פון מיליטערישע בונדן, פון באַוואָפענונגס־געיעג און פון די פאַרמעסט־אינטריגעס פון די גרויסמאַכטן, כל־זמן ס'וועט נישט געפונען ווערן קיין שלום־אויסוועג צום יידיש־אַראַבישן סכסוך; די דאָזיקע

קאָמוניסטן האָבן אין אָנהייב געוואָלט טענהן, אז מיר שרייבן צו אזא אנטשיידנדיקע ווערט דעם שלום צווישן אונדז און די אראבער אויס סוביעקטיווע סיבות, ד. ה. דערפאר, ווייל דאָס דריקט אויף אונדז ספּעציעל. לויט זייער טענה, וועט יעדער וואָס וועט וועלן זאכלעך באטראכטן די שפּאַנונג אויפן מיטעלן מזרח, זיין געצווּנגען מודה צו זיין, אז א הסכם צווישן די גרויסמאַכטן אָפּצושאפן די אגרעסארישע פּאַקטן, אָפּשטעלן דאָס באוואָפענונגס־געיעג און זיכערן די זעלבשטענדיקייט פונעם ראיאָן, שטייגט נישט נאָר איבער אין זיין חשיבות, נאָר באדינגט אפילו דעם יידיש־אראבישן שלום־הסכם. זיי האָבן געטענהט, אז דער יידישער־אראבישער שלום איז בלויז א חלק, בעת דער הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן איז א גאנצקייט וואָס דינט אלס שליסל צו א שלום אויפן מיטעלן מזרח און צו יעטווידן הסדר אין אים. נאָר באגלייך מיט דעם, האָבן זיי אין די דאָזיקע געשפּרעכן נישט אויפגעהערט אונדז רעקאָמענדירן, מיר זאָלן טאָן צדק דער אראבישער מינדערהייט אין לאַנד. זיי האָבן געפאָדערט, מיר זאָלן געבן אונדזער צושטייער ס׳זאָל נאָכלאָזן די שפּאַנונג אין אונדזערע גרענעצן און אפילו אויפן מיטעלן מזרח, דורך א יושרדיקער אויפירונג אין באצוג צו דער דאָזיקער מינדערהייט. זיי האָבן אויך פעסטגעשטעלט, אז דאָס ענדערן די באציונג צו דער אראַבישער מינדערהייט איז א פאָרבאדינג, אז ווען ס׳וועט קומען די צייט, זאָל ער קאָנען אריינגעפלאָכטן ווערן אינעם שלום־הסדר צווישן אונדז און אונדזערע שכנים מיטן שלום־הסדר אינעם ראיאָן פון מיטעלן מזרח.

מיר האָבן די דאָזיקע מיטשמועסער אונדזערע געשטעלט עטלעכע פראגן, וואָס ס׳איז זיי שווער געווען צו ענטפערן אויף זיי. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, אז היינט איז דער ראַטנפארבאנד נישט מצליח צו דערגיין צו א הסכם מיט די אנדערע גרויסמאכטן וועגן א הסדר אויפן מיטעלן מזרח, און דאָס נישט געקוקט אויפן דרוק און די סאמע שאַרפסטע מיטלען, אין וועלכע ער נויטיקט זיך אין דעם דאָזיקן פארמעסט. נישט געקוקט אויף די העכסטע אנשטרענגונגען פון ראטנפאַרבאַנד, באווייזט דער אימפּעריאליסטישער לאגער, וועלכער באניצט מאַטעריעלע און פּאָליטישע מיטלען, אויפצושטעלן א גרענעץ פאר דער אויסשפּרייטונג פון דער סאָוויעטישער השפעה. די קאָמוניסטישע מחנה האָט נישט פארשטאַנען, אז דאָס איפּבלאָזן די שנאה קעגן ציוניזם און אויסנוצן די פיינטשאפט צו ישראל האָבן בשעתו געדינט אלס א ווירקזאמער מיטל, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרן דורך די ענגלענדער, און איצט — דורך אנדערע אימפּעריאליסטישע גרויסמאכטן אין עיראק,

סעודיה, לבנון און ירדן, צו קאָנסאָלידירן די פעלקער קעגן ראַטנפאַר־באַנד און צו שטאַרקן זייער העגעמאָניע־השפעה אויפן מיטעלן מזרח. מיר האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָס פעלן פון אַ שלום־הסדר צווישן אונדז און די שכנותדיקע לענדער, פאַרטיפט די פאַרקנעכטנדיקע אָפּהענגיקייט פון די צעקריגטע מדינות אין דעם ראַיאָן. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער לאַגע, געפינען זיך די אַלע לענדער אין אַ מצב פון ספק שלום, ספק מלחמה. די אויסגאַבן אויף באַוואָפענונג און די פאַרמאַגנעטע שפּאַנונג, האַלטן אָפּ די דאָזיקע, אַלע אָן אויסנאַם, מדינות פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן פאָרשריט. מיר האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז אין רעזולטאַט פון דער שפּאַנונג צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות, שטאַרקן זיך און ווערן ענגער די מיליטערישע בונדן און אין דער אונטערשטער שורה באַדראָען זיי נישט בלויז דעם שלום פון ישראל, נאָר דעם שלום פון ראַיאָן און דעם פרידן פון דער גאַנצער וועלט.

אין די דאָזיקע געשפּרעכן האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז נישט געקוקט אויף דער חשיבות פון אַ יידיש־אַראַבישן הסכם צו אָנטשפּאַנונג אין ראַיאָן, פאָדערן מיר נישט צו געבן פאָרצוג דעם שלום־הסכם צווישן די יידן און אַראַבער איבער אַן אַלגעמיינעם הסכם פון די פיר גרויסמאַכטן. אָבער מיר פאָדערן, אַז מצד די פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען, זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די דאָזיקע פאַרלייקנדיקע באַציונג צו אַ משא־ומתן פאַר אַ יידיש־אַראַבישן שלום. די דאָזיקע באַציונג דרינגט אַרויס פון מאָמענטן פון פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם און פאַרמאָגט נישט קיין שום געמיינזאַמעס צווישן דעם און קאָנסעקווענטער שלום־פּאָליטיק. ווייל אין דער אונטערשטער שורה איז פאַראַן אין דעם אַן אָפּשוואַכונג פון די אויסזיכטן צו זיכערן דעם שלום אין גאַנצן ראַיאָן. מיר האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז ס'זענען פאַראַן אַראַבישע קאָמוניסטישע פאַרטייען, וועמענס פאָרשטייער אין די ראַטן פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג דערקלערן, אַז די פאָדערונג צו דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, דינט נאָר די אימפּעריאַליסטישע פאַרשווערונגען.

6. קורצזיכטיקייט פון אונדזערע פּאָליטיקער

מען דאַרף מודה זיין, אַז אויף איין פּראָבלעם זענען מיר נישט געווען אימשטאַנד צו געבן אַן ענטפער אינעם געשפּרעך מיט אַזעלכע גראַדליניקע קעגנער. נישט געווען קיין ענטפער אין אונדזערע מיילער, פונוואַנען די דאָזיקע קורצזיכטיקייט פון די קאַפּיטאַנען פון אונדזער פּאָליטיק אין־זייער באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד.

נישט איינמאָל האָבן מיר מצליח געווען זיי דערפירן דערצו, אַז זיי זענען גרייט געווען מודה צו זיין, אַז דער יידיש־אַראַבישער הסכם איז נישט מינדערוויכטיקער פונעם הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן וועגן דער זעלבשטענדיקייט פון ראַיאָן, וועגן בטל מאַכן די מיליטערישע בונדן און אָפּשטעלן דעם באַוואָפענונגס־געיעג. זיי זענען אפילו גרייט געווען מסכים צו זיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסע מאָס קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט צווישן די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די טיילווייזע פּראָבלעם וואָס איז אונדז נוגע, איז נישט קלענער אין דער וויכטיקייט פון דעם גאַנצן פּראָבלעם וואָס איז נוגע דעם גאַנצן ראַיאָן, און אַז אדרבה,ביידע לייזונגען זענען באַדינגלעך איינס פון אנדערן. זיי זענען גרייט געווען אַרויסצווייזן פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע פאָדערונגען, אַז די אינסטאַנצן פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג זאָלן אַרויסווייזן אַ מער אַקטיווערע באַציונג, כדי צושטייער געבן צו אַ דערנענטערונג פון די צדדים אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי זיי האָבן געגעבן זייער צושטייער ביז איצט. זיי האָבן אפילו מודה געווען, אַז מיר האָבן אַ גרונט זיך צו באַקלאָגן אויף דעם אָפּאָרטוניסטישן אויסבאַהאַלטן זיך פון די סאָוויעטישע פאָרשטייער אין דער שלום־באַוועגונג מטפל צו זיין זיך מיטן דאָזיקן פּראָבלעם נישט מיטן גאַנצן האַרץ.

אָבער מיר זענען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן די גלייכגילטיקע באַציונג פון אונדזערע פּאָליטיקער צו אַ הסכם פון די פיר גרויסמאַכטן, זייער אָנעמען — אפילו אין אַ רעזער־ווירטער פאָרם — די אייזנהאַוער־דאָקטרין, זייער באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און זייער אַקטיוויסטישע פּאָליטיק אין שכנישע סכסוכים. מיר האָבן נישט געקאָנט אָנווייזן אויף דעם, אַז אונדזערע פּאָליטיקער זאָלן אַמאָל, פון זייער זייט, האָבן געמאַכט אַן אָנשטרענג צו אַנטשפּאַנונג. נישט איינמאָל איז אונדז צ.ב. געזאָגט געוואָרן, אַז שטענדיק נאָך אַ דעקלאַראַציע פון אונדזערע פּאָליטיקער וועגן זייער גרייטקייט צו דערגרייכן אַ הסכם פון שלום, איז געקומען אַ וועלכע ס'איז רעוואַנזש־אַקציע, אַזוי ווי ביים כנרת. נישט געקוקט דערויף וואָס מיר האָבן געשטיצט אַקטיווע פאַרטיידיקונג און אין עטלעכע שטראָף־רעאַגירונגען געזען אַן אומפאַרמיידלעכע נויטווענדיקייט, האָבן מיר געפילט אין די דאָזיקע געשפּרעכן, אַז די טענות וועלכע ווערן געווענדעט קעגן אונדז, זענען נישט תמיד גרונטלאָזע און נישט תמיד האַרמאָנירן די שלום־דעקלאַראַציעס פון אונדזערע פּאָליטיקער מיט זייערע ממשותדיקע מעשים און רעאַגירונגען.

צום באַדויערן, זענען אונדזערע פּאָליטיקער נישט מסוגל אָוועק־צושטעלן אויף איין פלעכע די שטיצע פאר א הסכם פון די פיר גרויסע פאר זעלבשטענדיקייט און נייטראַליטעט פון ראַיאָן, מיטן מאָביליזירן סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פאר א דירעקטן משא־ומתן צו א יידיש־אַראַבישן שלום, מיטן געראַנגל צו אָנערקענען די סוווערעניטעט פון אונדזער מדינה און די גאַנצקייט פון אירע גרענעצן. כ׳האָב א חשש, אז כ׳וועל נישט זינדיקן צום אמת, אויב כ׳וועל זאָגן, אז די גלייכ־גילטיקע באַציונג פון אונדזערע פּאָליטיקער צו א הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן איז אין איין מאַסשטאַב מיט זייער ספקדיקער און קאַפּיטו־לאַנטישער באַציונג צו א משא־ומתן פאר שלום און די אויסזיכט צו פּאַרקלענערן די שפּאַנונג צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. דאָס פעלן פונעם גלויבן מאַכט קאַליע די ריי און האלט אָפּ אונדזערע פּאָליטיקער פון געבן אן ערנסטןביישטייער צו פאַרקלענערן די אנטשפּאַנונג. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די נאַטירלעכע נטייה צום מערב און דאָס שטאַרקן זיך פון דער אנטי־קאָמוניסטישער מענטאַליטעט אין מפא״י במשך די לעצטע יאָרן. דאָס אַלץ דערוויַיטערט אונדזערע פּאָליטיקער פון יעטוועדן געוואַגטן געדאַנק אין זכות פון נייטראַליזאַציע פונעם ראַיאָן און זיכערן אינערהאַלב אים די נייטראַליטעט פון מדינת ישראל.

7. פ׳קאָן און מוז זיין א פּאָליטיק פון נישט־אידענטיפיצירונג

מיר דערוואַרטן נישט פון אונדזערע פּאָליטיקער, אז איבער נאַכט זאָלן זיי זיך פאַרוואַנדלען אין אָנהענגער פון סאָוויעטישן רעזשים און זיי זאָלן אויפהערן פון אים זיך אָפּגרענעצן און אפילו זיי זאָלן אויפהערן צו זיין חסידים פון דער מערבדיקער דעמאָקראַטיע. אַלץ וואָס מיר פּאָדערן, איז נישט מער ווי צוריקשטעלן די עטרה אויפן פריערדיקן פּלאַץ. מיר פּאָדערן זיך אומקערן צו דער פּאָליטיק פון נישט־אריינ־מישונג און פון נישט־אידענטיפיצירונג מיט די זיך באַקעמפנדיקע בלאָקן צוזאַמען. מיר פּאָדערן דיזעלבע אומאָפּהענגיקע שטעלונג וואָס האָט אונדז אלעמען פּאַריניקט אין די טעג פון דער צייטווייליקער רעגירונג און מיטן אויפשטעלן מדינת ישראל. ביז איצט האָבן די פּאָליטיקער פון מפא״י נישט מצליח געווען אונדז אויפצוקלערן פאַרוואָס איז אזא צוגאַנג מעגלעך געווען דעמלט, ווען אונדזער לעבן האָט געהאַנגען אויף א האָר, ענגלאַנד פון בעווין האָט אויף אונדז געשיקט אַלע אַראַבישע אַרמייען און דער סטייט־דעפּאַרטמענט האָט אין די טעג פון באַפרייאונגס־קריג געדראָט מיט סאַנקציעס, אויב מיר וועלן אַריבער די ליניע פון באר־שבע. זיי האָבן נישט באַוויזן אונדז אויפצוקלערן,

פאַרוואָס קאָן נישט מעגלעך זיין איצט אַ פּאָליטיק פון נישט־אידענטיפיצירונג, ווען אונדזער עלבשטענדיקער כוח איז אויסגעוואַקסן און די געפאַרן, פאַרבינדענע מיט איינזייטיקער אָפּהענגיקייט, זענען פיל שטאַרקער געוואָרן. זיי דאַרפן אונדז אויפקלערן, פאַרוואָס האָבן מיר דעמלט נישט דערשראָקן זיך פאַר די עמבאַרגאָ־דראָאונגען פונעם סטייט־דעפּאַרטמענט און פאַר דער שליחות פון בערנאַדאָט, בעת אונדזערע פאָרשטייער אין אונ"א הייבן הײַנט מעכאַניש די הענט פאַר אַ ליניע וואָס ווערט פעסטגעשטעלט דורך דעמזעלבן סטייט־דעפּאַרטמענט. אַ פאַקט, אַז אַ דאַנק דער פּאָליטיק פון נישט־אידענטיפיצירונג און אויפגעהויבענע קעפּ כלפּי די תקיפים פון דער וועלט, האָבן דעמאָלט די יידן אין אַמעריקע געיובלט פאַר אונדזער זעלבשטענדיקער האַלטונג. זייער ווידערשטאַנדס־קראַפט אין מאַטעריע און אין גייסט איז גראַד דעמלט געשטיגן אַלץ העכער און העכער.

הײַנט, אין די טעג פון באַגינסטיקן די אייזענהאַוער־דאָקטרין, געפינען זיך דיזעלבע יידן ווי אין אַ קאָמפּלעקס פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט. נישט אַנדערש, ווי די פּראָ־מערבדיקע מענטאַליטעט, אַנטי־קאָמוניסטישע פאָרורטיילן און קורצזיכטיקער אָפּאָרטוניזם האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און זיי דיקטירן עס די מפּא"י־פּאָליטיקער זייערע שריט מערער ווי די געבאָטן פון דער ווירקלעכקייט און די אמתע אינטערעסן פון מדינת ישראל. איז דאָס נישט באַלערנד, אַז „ציוניסטן" ווי ד"ר גאָלדמאַן, ד"ר אבא הלל סילווער און ד"ר ניומאַן, דעמאָנסטרירן, נישט געקוקט אויף זייערע אַנשויונגען, אַ גרויסע מאָס זעלבשטענדיקע האַלטונג כלפּי דעם סטייט־דעפּאַרטמענט און אַנטפּלעקן מערער פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדערפעניש צו נייטראַליזירן דעם ראַיאָן פון נאָענטן מזרח און די באַדערפעניש צו שטאַרקן אונדזער זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט, ווי דאָס ווייזן אַרויס די פּאָליטיקער פון מפּא"י? דאָס איז אַ לעגענדע, אויפגעכאַפּט פון דער לופט, און וועלכע מען פּרוּווט אַרייַנדרינגען אין אונדזער עפנטלעכקייט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט אַנטשלאָסן געפאָדערט פון אונדז זיך אָנצושליסן אין דער אייזענהאַוער־דאָקטרין. די פאַרבינדונג פון די יידן אין אַמעריקע, פּונקט ווי די פאַרבינדונג פון די יידן פון דער גאַנצער וועלט צו מדינת ישראל, וועט זיך שטאַרקן און פאַרגרעסערן אין דער מאָס ווי מיר וועלן קאָנען שטאָלצירן מיט אונדזער אויסגעגלייכטן רוקן. מערער אָפּהענגיקייט פון ישראל שלעפּט מיט זיך מיט איינגעבויגענע פּלייצעס און פאַרקנעכטשאַפט פון די יידן אין גלות. דאָס פאַרשטייען די מאַסן פון פאָלק און עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז זיי וועלן מיט לייב־און־

לעבן און שטאָלץ שטעלן זיך אויף אונדזער זייט, אויב מיר וועלן פאַר־טיידיקן אונדזער זעלבשטענדיקייט און אָפּזאָגן זיך צו קאַפּיטולירן און זיך פאַרקנעכטן צו די תקיפים פון דער וועלט.

8. מירן שטרעבן צו אַן אויסוועג!

ווען מיר קומען טאַדלען די פאַרלייקענונג פון ראַטנפאַרבאַנד צו אונדזערע פאָדערונגען און קעגן דער אַנטי־ישראלדיקער פּאָליטיק וועלכע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויפּטשטאָט מאָסקווע, טאָרן מיר זיך נישט דערלויבן צו פאַרזען דעם חלק אחריות פון אונדזערע פּאָלי־טיקער פאַר אונדזער איינזאַמקייט און פאַרשטאַרקטער שפּאַנונג אַרום אונדז. פאַראַן ביי אונדז יעטוועדער יסוד זיך אָפּצוגרענעצן פון דער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר דער סיני־אַקציע און אויך נאָך איר, ערב אונדזער אָנשליסן זיך אין דער אייזענהאַוער־דאָקטרין און אויך נאָך דעם. ס'איז אָבער פאַראַן אַ יסוד אָנצונעמען, אַז אַ דעקלאַראַציע פון ראַטנפאַרבאַנד אין זכות פון אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן צו זיכערן זעלבשטענדיקייט פון ראַיאָן און נישט־אריינמישונג אין די אינערלעכע ענינים פון די מדינות אין ראַיאָן — האָט געקאָנט אויפטייען דעם שניי אין די באַציונגען צווישן מדינת ישראל און צווישן די סאָוויעטן, ווען אונדזערע פּאָליטיקער וואָלטן אין דער פראַגע נישט געווען דעמאָנסטרירט אַ באַציונג פון אומפאַרייַנטלעכער גלייכגילטיקייט. די רעקאָמענדאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד, אַז אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן וועט אויך אריינעמען אַן איניציאירטן פאָרשלאָג צו אַ שלום־הסדר צווישן אונדז און די שכנותדיקע לענדער, מוז נישט דווקא פון פאָרויס באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָרשלאַג געווענדעט קעגן אונדז. נישט איינמאָל האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר זענען אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן זיך קעגן יעטוועדן פרווו צו דערגרייכן פון אונדז, דורך אַ דרוק פון אויבן, אַ הסכמה צו אַ לעזונג, וועלכע איז נישט צו אונדזער גונסטן. מיר זענען אויסגעשטאַנען דעם דרוק פון ענגלאַנד און אַמעריקע און קאָנען אויסשטיין אַזאַ דרוק, אפילו אַ קאָאָרדינירטן. מיר וועלן זיך נישט אָפּהאַלטן פון פאַרטיידיקן מיט אַלע מיטלען די טעריטאָריאַלע גאַנצקייט פון אונדזער מדינה. און דאָס איז נישט אַ פון פאָרויס נישט אויס־געהאַלטענע הנחה, ווייל דער עצם אָנטייל פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצקייט פון ראַיאָן און דער פאַרזיכע־רונג פון זיין פרידן און זעלבשטענדיקייט, און די עצם סימפּאַטישע באַציונג אונדזערע צו דעם, זענען אימשטאַנד אונדז צוריקצוקערן צו דערזעלבער באַציונג פון אויפמערקזאַמקייט און רעכענען זיך מצד די סאָוויעטן, וועלכע מיר האָבן זיך צוגעאייגנט אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער זעלבשטענדיקייט.

צערטלען אונדז אַזוי די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע ליפערן אין די אַ־צטיקע טעג געווער קיין ירדן און סעודיה, וואָס אויך דאָס וועט קודם־כל געווענדעט ווערן קעגן אונדז, אַפילו נאָך אונדזער אַנשליסן זיך אין דער אייזענהאַוער־דאָקטרין? נישט געווען פאַר אונדז קיין שום אינטערעס זיך אָנצושליסן אין דער דאָקטרין, וועלכע איז די פעלקער פון מיטעלן מזרח מפקיר פאַר אימפּעריאַליסטישער אַריינמישונג אין זייערע אינערלעכע ענינים און פאַרקנעכטן זיי צו אַנטי־סאָוויעטישע מאַכינאַציעס. אויב אונדזער רעגירונג האָט געוווּסט זיך אָפּצוגרענעצן פונעם באַגדאַדער בונד, איז דאָך אונדז פיל פיל וויכטיקער, אַז מיר זאָלן זיך זעלבסט און דעם גאַנצן ראַיאָן אַרויסשלעפּן פונעם מצב פון ערב־מלחמה, אין וועלכער ער געפינט זיך איינגאַנצן און מיר — איינער־האַלב אים. איז טאַקע נישטאָ קיין שמץ פון לאָגיק אין דער הנחה, אַז מיר וועלן קאָנען בויען פון דער צוגעבינדנקייט צו איינעם פון די בלאָקן, וועלכע קעמפן פאַר העגעמאָניע איבערן ראַיאָן? וואָס־זשע דעריבער האָט אונדז אָפּגעהאַלטן אַרויסצוווייזן פאַרשטענדעניש פאַר אַ הסכם צווישן די פיר גרויסע צו זיכערן אַנטשפּאַנונג און אַרויסציען אַלע פעלקער, אַריינגערעכנט אויך אונדז, פונעם תחום פון פאַרמעסט און קאַלטן קריג צווישן די גרויסמאַכטן?

9. צום סיכום פון דעם פּרק:

מפ״ם דאַרף פאָדערן פון אונדזער רעגירונג צו שטרעבן צו אַ יידיש־אַראַבישן שלום־הסכם, אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו אַ הסכם צווישן די פיר גרויסמאַכטן און אַ פאָדערונג פון אַ גאַראַנטיע פון אונ״אָ און אויך פון די פיר גרויסמאַכטן פאַר דער סוווערעניטעט און גאַנצקייט פון אונדזערע גרענעצן. דער חוב פון אונדזער רעגירונג איז צו קעמפן פאַר באַפרייען דעם גאַנצן ראַיאָן פונעם פאַרמעסט צווישן די גרויסמאַכטן און זיכערן זיין זעלבשטענדיקייט און נייטראַליטעט. מיר דאַרפן קלאָר און אומצווייטייטיק דערקלערן, אַז דאָס באַפרייען דעם ראַיאָן פון אַגרעסיווע בונדן און באַוואָפענונגס־געיעג איז נישט נאָר לטובת דעם ראַיאָן, נאָר פאַר אונדזער טובה וועגן. די זעלבשטענדיקייט פונעם ראַיאָן און פון אַלע פעלקער וועלכע באַוווינען אים, קאָן דינען אַלס נאָך אַ גאַראַנטיע צו שטויסן פאָרויס אונדזער לאַנד צו זעלבשטענדיקייט. ווי פּאַטריאָטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן זענען מיר פאַראינטערעסירט אינעם אָפּשאַפן די מיליטערישע בונדן און אין אָפּשטעלן דעם באַוואָ־פענונגס־געיעג, דערפאַר, ווייל דאָס אָפּשטעלן דעם באַוואָפענונגס־געיעג קאָן דערמעגלעכן צו לענקען די ענערגיע פון די פעלקער פון ראַיאָן פאַר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און סאָציאַלן פּראָגרעס. עקאָנאָמישע

אַנטוויקלונג און סאָציאַלער פּראָגרעס פונעם ראַיאָן אין באַדינגונגען פון שלום, עפענען דאָך פאַר אונדזער לאַנד האָריזאָנטן פאַר קעגנזייטיקער הילף לטובת די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, די סאַמע לעבנסוויכטיקע פון אַלע צדדים.

איך שטרייך אונטער נאָכאַמאָל, אַז די פיינטלעכע באַציונג פון די ראַטנפאַרבאַנדישע פאַרשטייער צו מדינת ישראל איז נישט קיין גזירה, וואָס וועט אייביק אָנהאַלטן. זי איז נישט מער ווי אַ קאָניונקטורעלע דערשיינונג. געווען אַמאָל אַן אַנדערע באַציונג און ס׳קאָן ווידער זיין אַן אַנדערע באַציונג. נישט אַלץ איז אָפּהענגיק אין אונדז און קאָן זיין, אַז אונדזערע אָנשטרענגונגען וועלן נישט רייף מאַכן די פרוכט אין די נאָענטסטע טעג. אָבער מיר דאַרפן אַלץ טאָן, כדי אַדורכברעכן די מויער פון פרעמדקייט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן אונדז און דעם ראַטנפאַרבאַנד. ווייל די זאַך גייט אונדז אין לעבן. מיר וועלן פאַרטיידיקן אונדזער קיום און אונדזערע רעכט לעבנסוויכטיקע אין אַלע באַדינגונגען, נאָר אונדזער צוקונפט וועט נישט פאַרזיכערט ווערן כל־זמן אונדזער פאָלק וועט נישט געזיכערט ווערן די פריינטשאַפט פון אַלעמען, פון מזרח און מערב באַזאַמען, און צו אַלעם ערשטן דער גוטער ווילן פון די פעלקער פונעם ראַיאָן ווו מיר געפינען זיך.

די פאַרשטענדעניש פאַר זעלבשטענדיקע און נייטראַליסטישע עלעמענטן, אויף וועלכע עס דאַרף זיך שטיצן אונדזער פאָליטיק, דרינגט אַריין און נעמט אַרום איצט ברייטע קרייזן. אויסער דעם האָט זי זיך דערוואָרבן אונטערשטיצער צווישן אַלע פאַרטייען באַטייליקטע אין דער קאָאַליציע, וועלכע שטייט ביים מאַכט־רודער פון מדינת ישראל. מיט אונדזער אַריינטרעטן אין דער רעגירונג האָבן מיר זיך גופא פאַרשפּראָכן די רעכט צו קעמפן פאַר פאַרסירן די זעלבשטענדיקייט און נייטראַליטעט פון אונדזער מדינה, ביים אָפּהיטן מאַקסימום קאָנסאָלידאַציע צווישן אַלע טיילן, וועלכע טראָגן די אחריות.

אין אַלע באַדינגונגען דאַרפן מיר קעמפן פאַר פאַרסירן די אויבנדערמאָנטע פּרינציפּן און פאַר אַ ווענדפּונקט אין דער פּאָליטיק פון דער איצטיקער רעגירונג.

פרק ה׳:

דער קאַמף פאַר שותפות און אַרבעטער־העגעמאָניע

איך קום צום לעצטן פרק פון די טעזיסן. זיין טעמע — דער קאַמף פאַר אַרבעטער־חלוצישער העגעמאָניע אויפן וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד. אַרבעטער־חלוצישע העגעמאָניע איז

אַן אָנגענומענע לאָזונג פון אַלע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען — מפ״ם, מפא״י און אחדות־העבודה—פּועלי־ציון. אָבער די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען שרייבן צו דער דאָזיקער לאָזונג פאַרשידענע כוונות און טענדענצן. מפא״י איז נוטה אנצונעמען די ארבעטער־העגעמאָניע אלס אַ הערשאַפט פון מפא״י אין אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע. דער דאָזיקער בונד איז דער פעסטער יסוד, בעת איר צוזאַמענאַרבעט מיט אחדות־העבודה און באַזונדערס מפ״ם טראָגט אַ לויזן און פאַריבערגייענדיקן כאַראַקטער. מיט די אַרבעטער־פאַרבינדעטע האַלט מפא״י איין איר שותפות אויף באַדינגונגען. מיט שווערקייט איז זי משלים מיט זייער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיקייט. זי זעט זיך זעלבסט ווי דער איינציקער געזעצלעכער פאָרשטייער פון דער אַרבעטערשאַפט כלפּי די בירגערלעכע קרייזן. אין אונדזער קיום זעט זי עפּעס אַן אַנאָמאַליע, וועלכע מען דאַרף אָפּווישן פון דער וועלט, צי מיט גוטן, צי מיט בייזן, צי מיט צוזאָגן, צי מיט דרוק־מיטלען.

אין דעם דאָזיקן צוגאַנג פון מפא״י זע איך די סיבה דערפאַר, אַז די גרונט־ליניעס, וועלכע זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער דאָזיקער קאָאַליציע מיט די דריי אַרבעטער־פּאַרטייען אין צענטער, האָבן נישט פאַרזיכערט אַ פעסטן בונד מיט אונדז ווי מיט גלייכווערטיקע שותּפים. אַלנפאַלס, במשך די צוויי אויבנדערמאָנטע יאָר האָט מפא״י זיך געפירט כלפּי מפ״ם און אָפטמאָל אויך כלפּי אחדות־העבודה גלייך זי וואָלט גרייט געווען איינצוהאַלטן די קאָאַליציע אויך אָן אונדז.

אַ וואָסערע איז די באַציִונג פון מפ״ם צו דער אַרבעטער־העגעמאָניע, וואָס באַדייט די דאָזיקע לאָזונג אין אונדזער מויל? אַרבעטער־העגעמאָניע מיינט אַ פאַראייניקטער פראָנט פון די דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען וואָס זאָל זיכערן אַ חלוצישן און פּראָגרעסיוון רעזשים אויף צוצואיילן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות און, עטאַפּ נאָך עטאַפּ, פאָרסירן דאָס לאַנד צו אַן אַרבעטער־הערשאַפט און דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. דער דאָזיקער פאַראייניקטער פראָנט פון די דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען איז ביז איצט געזיכערט געוואָרן דורכן רוב וויילער צו דער כנסת, און ס׳וואָלט אים געקאָנט געזיכערט ווערן אַן אַנטשיידנדיקע וואָג אין יעדער רעגירונג, וועלכע איז ביז איצט געשאַפן געוואָרן.

מיר האָבן נישט דערווידערט קעגן אָנטייל פון בירגערלעכע טיילן פונעם ישוב אין רעגירונגען, וועלכע זענען ביז איצט אויפגעשטעלט געוואָרן. אדרבה, דאָס אומגעשטערטע פאַרזעצן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־הגלויות, ביים מאָביליזירן אַלע פאַראַנענע כוחות פון פאָלק אין לאַנד און אין אויסלאַנד, פאַרפליכטעט, אַז די הערשאַפט אין אונדזער מדינה

זאל זיך שטיצן אויף א ווי־ווייט מעגלעכע ברייטערע סאציאלע באזע. נאר ווען איז דאס געזאגט געווארן? אויב די דאזיקע שותפות מיט בירגערלעכע טיילן און די איינפארשטאנענע מיט זיי פלאטפארם דינען נישט אלס מכשול אויפצושטעלן א חלוצישן און פראגרעסיוון רעזשים.

מיר האבן באגריסט די קאאליציע מיט דער פראגרעסיווער פארטיי און אפילו מיט דער רעליגיעזער פארטיי, נאכדעם ווי זיי האבן זיך אנגעשלאסן אין די גרונט־ליניעס, וועלכע זענען איינגעשטימט געווארן דורך די דריי ציוניסטישע ארבעטער־פארטייען לשם אויפשטעלן א חלו־צישן און פארגעשריטענעם רעזשים. דער רעליגיעזער פראנט נוצט אויס איצט דער לעצטער צייט צום שלעכטן דאס מותר זיין פון מפא״י און פרווט אירע כוחות דורך א קלעריקאלן אנגריף, וואס גייט ארויס פונעם אנגענומענעם סטאטוס־קווא, מיט וועלכן מיר האבן משלים געווען מיטן אויפשטעלן די קאאליציע. דער דאזיקער קלעריקאלער אנגריף אויף דער פרייהייט פון געוויסן פונעם רוב נישט־רעליגיעזן ציבור, רופט ארויס צארן צווישן די ברייטסטע קרייזן בירגער פון לאנד. מיטן פרווו צו פאראליזירן די קאמוניקאציע אין מוצאי־שבת אין דער פריער שעה, וואס דאס איז אזוי לעבנסוויכטיק פארן פארקער פון די מאסן, האבן זיי געוואלט אריבערטרעטן די טאלערירטע גרענעץ. דאס צופאסן זיך פון מפא״י אויפן געביט פון דערציונג און דער פרווו אריינצודרינגען דעם רעליגיעזן קולט אין די אלגעמיינע שולן אונטער דער מאסקע פון „יידישן באוווסטזיין״, פאדערן פון אונדז וואכזאמקייט און גרייטקייט צו קעמפן פאר די פרייהייטן פונעם נישט־רעליגיעזן ציבור. די רעליגיעזע דארפן וויסן זיין, אז ס'איז פאראן א גרענעץ, וואס וועט זיי נישט געגעבן ווערן זי אריבערצושפרייזן אין די ראמען פון דער פראגרעסיווער קאא־ליציע מיט די דריי ארבעטער־פארטייען אין צענטער. מיר איילן זיך נישט צו אן אנטי־רעליגיעזע מלחמה אין א לאנד פון מיזוג־הגלויות, מיר ווילן אבער מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט זיך קעגנשטעלן דער קלעריקאלער פראוואקאציע אינעם געוויסן־פרייהייט פונעם אנטשיידנדיקן רוב פון די ישראל־בירגער, וועלכע זענען, ווי באוווסט, נישט קיין רעליגיעזע.

מיר דערשאצן, אז די דאזיקע תקופה, וועלכע פאדערט מאביליזאציע פון אלע כוחות אין יידנטום צו זיכערן עליה, פון אלע לענדער און רעזשימען, און אויפנעמען זי אין לאנד אויס גרעסטער פראדוקטיוויזאציע, פאדערט איינצוהאלטן די קאאליציע, וועלכע רעפרעזענטירט פארשידענע שיכטן פון פאלק און פארשידענע קלאסן, מיטן באדינג, אז זיי זאלן צווישן זיך מקיים זיין דעם הסכם וועגן קיום פון א חלוצישן און פרא־גרעסיוון רעזשים.

צום באדויערן, נישט תמיד רעספעקטירן די בירגערלעכע שותפים — באַזונדערס די רעליגיעזע פּאַרטיי — דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון דער דאָזיקער רעגירונג.

פאַרווירקלעכן אַזאַ חלוציש־פּראָגרעסיוון רעזשים קאָן מעגלעך זיין דורך אַ ברייטער קאָאַליציע, אין וועלכער ס׳איז פאַרזיכערט אַן אַרבעטער־העגעמאָניע, פונקט ווי זי קאָן מעגלעך זיין דורך אַן אַרבעטער־הערשאַפט אָנעם אָנטייל פון בירגערלעכע פּאַרטייען. נאָך מער: ס׳איז אָנצונעמען, אַז אין אַ מער פאָרגעשריטענעם עטאַפּ אינעם פּראָצעס פון קיבוץ־הגלויות, אין דער מאָס וואָס מיר וועלן ווייטער שפּאַנען פאָרויס צו אונדזער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט און אין דער מאָס, אַז ס׳וועט זיך פאַרשאַרפן דער קלאַסן־פאַרמעסט — וועט אויך זיך פאַרשאַרפן די באַדערפעניש אין אַן אַרבעטער־רעגירונג.

און נאָך עפּעס. אַן אַרבעטער־רעגירונג אין אונדזער תקופה אידענטיפיצירט זיך נישט אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן מיטן איינפירן סאָציאַליזם. אויב ס׳וועט קומען די צייט און ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן אַן אַרבעטער־רעגירונג, קאָן זי מיט שנעלערע שריט דערנענטערן דאָס איינפירן סאָציאַליזם, אָבער אויך זי וועט דאַרפן זיך באַגנוגענען מיטן שטאַרקן דעם חלוצישן און פּראָגרעסיוון רעזשים, מיטן המשך פון קיום פון קלאַסן און קלאַסן־קאַמף. אויך זי וועט באַדאַרפן ממשיך זיין אין דערמוטיקן די פּראָדוקטיווע קליטה סיי פון די אַרבעטס־קרעפטן און סיי פון פּראָדוקטיוון פּריוואַטן קאַפּיטאַל.

אונדזער צוזאַמענפּאַר וועט אין דער ערשטער ריי זיך דאַרפן שטעלן די דרינגנדע פראַגע, אין אַ וואָסער מאָס האָט די שותפות צווישן די דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען בראש פון דער פאָרגעשריטענער רעגירונגס־קאָאַליציע, געשטאַנען אין אירע התחייבותן, וועלכע זי האָט אויף זיך אַליין גענומען אין די פּ־אָגראַמאַטישע גרונט־ליניעס אויפצושטעלן די דאָזיקע קאָאַליציע.

פאַראַן אין אונדזער פּאַרטיי קרייזן, וועלכע גייען אַרום אַנטוישטע פון דער דאָזיקער קאָאַליציע. אַנטקעגן דעם זענען אַנדערע, מפ״ם־חברים בּוטה נישט מדקדק צו זיין אזוי גוט אין לייכטע ווי אין שווערע ענינים און באַגינסטיקן דעם המשך פון אונדזער שותפות אין דער רעגירונג — און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. פאַר זייערטוועגן איז אַנטשיידנדיק דער פאַקט, אַז דאָס איז אַ רעגירונג פון עליה און קליטה און אַ רעגירונג פון דעראָבערן נייע אַנטוויקלונגס־געביטן. אַנטקעגן דעם שטויסן זיך אָן פיל חברים פּנים־אל־פּנים מיט ליידן, שאָדן און אַנטוישונג, צו וועלכע עס זענען גורם פאַר די מאַסן אַרבעטער, דער רעפאָרמיסטישער און ביוראָקראַטישער רעאַליזירונגס־סיסטעם. זיי פילן אויף זייער הויט די

רעזולטאַטן פון מפא״ישער פאַרלייקענונג צו די גרונט־ליניעס, וועלכע זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער קאָאַליציע און דערפאַר זענען זיי מדקדק כחוט־השערה מיט אונדזער שותפות אין דער רעגירונג.

אַזוי צי אַזוי איז אונדזער חוב אויפריכטיק צו באטראכטן און אוועקצושטעלן איינס קעגן אַנדערן די דערגרייכונגען ווי די דורכפאַלן, און אונטערציען אַ גענויעם סך־הכל פון די ערשטע צוויי יאָר עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער רעגירונג.

אינעם פרק געווידמעט דעם חלוצישן רעזשים איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז נישט געקוקט אויף די דורכפאַלן פון דער רעגירונג און די אַנטוישונגען, וועלכע זי האָט אונדז גורם געווען, איז זי אָן אַ שיעור בעסער פון דער פריערדיקער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויפן בונד צווישן מפא״י און די ציונים כלליים. אַנטקעגן דעם טאָרן מיר נישט פאַרזען די דריי נעגאַטיווע דערשיינונגען: א. די דאָזיקע רעגירונג, און באַזונדערס די עיקרדיקע פאַרטיי, וועלכע שטייט ביים רודער, האָבן נישט מקיים געווען עטלעכע פון די עיקרדיקע גרונט־ליניעס פון דער דאָזיקער קאָאַליציע; ב. זי האָט אויך נישט אָפּגעהיטן, אַז דער בונד צווישן טיילן פון דער קאָאַליציע, און באַזונדערס צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען, זאָל זיך שטיצן אויף אַ גלייכווערטיקן יסוד, ווי דער פריעמיער האָט זיך פאַרפליכטעט ביים אויפשטעלן די קאָאַליציע; ג. זי האָט מפ״ם נישט דערמעגלעכט פולע שותפות אין דער אחריות פאַר דער טעטיקייט־ליניע פון דער רעגירונג און דעם כלל אַנטשיידונגען אירע.

אָבער מיר וועלן זיך נישט באַגנוגענען מיט דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פונעם פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון און זיך באַמיען פאַרגלייכן איינס קעגן אנדערן, דערגרייכונגען און דורכפאלן.

די עיקרדיקע דערגרייכונגען פון דער רעגירונג זענען:

— באַנייונג פון דער עליה, וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר זיך פאַרענדיקט מיט אַ הונדערט טויזנט עולים. די דאָזיקע עליה נעמט אַרום צענטליקער טויזנטער, וועלכע זענען געקומען פון סאָציאַליסטישע לענדער, ביי דער זייט פון דער עליה, וועלכע שטראָמט נאָך פון די לענדער פון צפון־אַפריקע;

— צום זכות פון דער דאָזיקער רעגירונג דאַרף פאַרצייכנט ווערן דאָס לענקען די עליה אין נייע קליטה און אָנהאַלט־ראַיאָנען. פינאַנסיעלע און אַדמיניסטראַטיווע מיטלען זענען מאָביליזירט געוואָרן, כדי אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער דאָזיקער עליה צו באַזעצן אויף ערד. צו דעם דאָזיקן בילד פון פראָדוקטיווער קליטה דאַרף מען אויך צורעכענען דאָס

ר׳כטן 4000 משפחות עולים אין די ווירטשאַפטן פון דער קיבוצישער באַוועגונג;

— וועגן גרויסן קאָנסטרוקטיוון שווּנג פון דער דאָזיקער רעגירונג זאָגט עדות אויך דער פּראָגראַם צו באַזאָרגן מיט סטאַבילע וווינונגען צענדליקער טויזנטער עולים במשך די נאָענטסטע יאָרן, כמעט אויס־מיידנדיק אָנצוקומען צו מעברות און צייטווייליקע דירות;

— מיטן אויפנעמען ביי 100 טויזנט עולים אַ יאָר אין אַלע טיילן פון לאַנד און ביים אויסבילדן נייע קליטה־ראַיאָנען, איז די רעגירונג און די נאַצ־אַנאַלע אינסטאַנצן ממשיך צו ליקווידירן די פּאַראַנענע מעברות. מען האַלט, אַז במשך דער קאַדענץ פון דער איצטיקער כנסת, וועט מען דערגיין כמעט צו דער ליקווידאַציע פון די פּאַראַנענע מעברות און זיך דערנענטערן צום סיום פון איבערפירן אירע איינוווינער אין סטאַבילע וווינונגען. די דאָזיקע אַקציע פון באַזעצן אין שיכון איז נישט פריי פון ערנסטע פעלערן און נישט פריי פון דערשיינונגען פון דיסקרי־מינאַציע לגבי עדות און פונעם פאַרזען די פאָלקס־אָרעמקייט — און אויף דעם האָב איך געוויער זיך אָפּגעשטעלט אינעם סיכום פון ערשטן פּרק „חלוצישער רעזשים”. דאָך איז נישט צו פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז במשך די דאָזיקע יאָרן איז געפירט געוואָרן א ברייטע טעטיקייט איינצופלאַנצן אַ פאַך און די שפּראַך און צונויפצושמעלצן די פאַרשידענע גלותן. די דאָזיקע איבערקוואַליפיקאַציע און איינוואָרצ־לונג פון די עליה־כוואַליעס זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, הייבן זיך אָן אָנצוזען אין דער ענדערונג פונעם צוזאַמענשטעל פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען, אינעם וווּקס פונעם אָנטייל פון די מושבי עולים אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און אין דער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון דער נייער עליה אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען;

— עס זענען דורך דער רעגירונג איינגעפירט געוואָרן פאַרבעסע־רונגען אינעם סיסטעם פון איינקאַסירן שטייערן. ס׳איז קלענער געוואָרן די מאָס פון אַרויסדרייען זיך צו צאָלן שטייערן מצד די זיך באַרייכערנ־דיקע און פאַרמעגלעכע און ס׳זענען איינגעפירט געוואָרן געוויסע אויס־בעסערונגען אינעם הכנסה־שטייער לטובת די קאַטעגאָריעס פון אומ־פאַרמעגלעכע;

— עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן די שטחים פון אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס און פון אינדוסטריעלע געוויקסן. עס איז פאַרברייטערט געוואָרן די נעץ פון באַוואַסערונג־ווערק. עס האָט זיך געשטאַרקט די אינטענסיפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. אין רעזולטאַט דערפון, דער־

נענטערט זיך די לאַנדווירטשאַפט, מיט איילִיקע שריט, צו דער זעלבסט־פאַרזאָרגונג פון די מדינה־איינוווינער. עס האָט זיך פאַרגרעסערט דער אָנטייל פון דער לאַנדווירטשאַפט אינעם עקספּאָרט, באַזונדערס אינעם עקספּאָרט פון די אָראַנזשן;

— במשך די צוויי יאָר עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער רעגירונג איז דער אַלגעמיינער עקספּאָרט געשטיגן מיט צענדליקער פּראָצענט; במשך די צען חדשים פונעם פאָריקן יאָר איז דער עקספּאָרט באַדייטנדיק געשטיגן;

— נישט געקוקט אויף די ריזיקע אויסגאַבן, וועלכע האָבן זיך געפאָדערט פאַר דער סיני־אַקציע און פאַרן אויפנעמען די מאַסן־עליה, איז אויסגעמיטן געוואָרן די געפאַר פון אַ גאַלאָפּירנדיקער אינפלאַציע און ס׳איז אָפּגעהיטן געוואָרן דער באַלאַנס פונעם רעגירונגס־בודזשעט;

און צום סוף — נישט געקוקט אויף אַלע נבואותן איז די דאָזיקע רעגירונג, מיט די דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין צענטער, געשטאַנען אויף דער הייך פון אירע אויפגאַבן. זי האָט ביז איצט מצליח געווען צו פאַרשטאָפּן די לעכער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אינערהאַלב איר.

מיט אונדזער גאַנצן דערשאַצן די דאָזיקע דערגרייכונגען, איז דער ענטגילטיקער באַלאַנס פון דער דאָזיקער רעגירונג אָפּהענגיק פון דער מאָס פון פאַרווירקלעכן די עיקרדיקע גרונט־ליניעס, וועלכע זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון איר אַנטשטייונג און אין דער מאָס פון קאָנסאָלידירן די קאָאַליציע און די אַרבעטער־פּאַרטייען אינערהאַלב איר.

כדי מיר זאָלן דערגיין צו אַ גערעכטן באַלאַנס, וועלן מיר נישט קאָנען אַריבערשפּרייזן איבער די דורכפאַלן און אויסרעכענען די בולטסטע פון זיי:

— די דאָזיקע רעגירונג האָט נישט אָפּגעהיטן די מאָס פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, אויף וועלכער מיר האָבן אויפגעפּאַסט אין די ערשטע יאָרן פון אויפשטעלן די מדינה. זי האָט פאַרשטאַרקט איר אָפּהענגיקייט אינעם מערב. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָפּהענגיקייט, האָט נישט ווינציק געשטאַרקט זיך די שפּאַנונג צווישן אונדזער מדינה און דעם סאָציאַליסטישן לאַגער; עס האָט זיך געשטאַרקט די אָפּגרענעצונג כלפּי אונדז מצד נייטראַלע פעלקער און עס איז געשטיגן די פרעמדקייט צווישן אונדז און די פעלקער פון אַזיע. די דאָזיקע ענדערונג צום שלעכטן אין דער פּאָליטיק פון אונדזער רעגירונג, האָט געשטאַרקט די דראָענדיקע געפאַרן אויף אונדזער קיום און צוקונפט. די איינזייטיקע אָפּהענגיקייט אינעם מערב און די שפּאַנונג אין די באַציונגען מיטן סאָציאַליסטישן

לאַגער האָט אין אַ זייער באַזאָרגעוודיקער מאָס פאַרשטאַרקט די סיני־אַקציע און אונדזער אַנשלוס אין דער אייזענהאוער־דאָקטרין.

— די דאָזיקע רעגירונג האָט אין אַ נישט־צופרידנשטעלנדיקער מאָס מקיים געווען איר הויפט־התחייבות אויפצושטעלן אין לאַנד אַ חלוצישן רעזשים. ביי דער זייט פון די אָנשטרענגונגען צו פראָדוקטיוויזאַציע פון דער נייער עליה, שטייט דער ויעזשים אָן אַקטיוויטעט, אין אָנבליק פון דער שנעלער דעפּראָלעטאַריזאַציע־טענדענץ צווישן די אַלט־איינגעזעסענע שיכטן פון מאַסן אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף. עס שטאַרקט זיך דער פלוס פון דאָרף אין שטאָט און פון אַרבעט צו פאַרמיטלונגס־פאַכן, באַאַמטענטום און אַנדערע אומפּראָדוקטיווע פרנסות. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער טענדענץ, איז נישט גרעסער געוואָרן דער פּראָצענט פּראָדוקטיווע פרנסות — און דערגאַנגען צו אַ דעפּרעסיע פון קנאַפּע 40% אַנטקעגן 55%—60% פון פּראָדוקטיווע פרנסות אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיט אַ געאָרדנטע ווירטשאַפט.

— די ליניע פון פאַרזען די געבאָטן פון חלוציזם האָט באַזונדערס געגעבן אירע צייכנס אינעם סיסטעם פון דערציען די יוגנט, אין דער אַלגעמיינער בילדונגס־נעץ, אינסטרואירט און געפירט דירעקט דורך די איצטיקע מאַכט־אַנשטאַלטן. אַנשטאָט דערציען די לערנדיקע און אַרבעטנדיקע יוגנט צו לאַנדווירטשאַפט און אַנדערע פּראָדוקטיווע פאַכן, האָט דער איינגעפירטער אין די מלוכה׳שע שולן דערציונגס־סיסטעם גורם געווען דערצו, אַז דער רוב אַבסאָלווענטן פון די מיטלשולן ווענדעט זיך צו ביוראָ־אַרבעט, פרייע פּראָפעסיע׳ס און איבעריקע אומפּראָדוקטיווע פרנסות, וועלכע האָבן כאַראַקטעריזירט די יידישע ישובים אין די גלות־לענדער. די דאָזיקע פאַרלייקענונג האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אין דער באַציונג צו די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע בילדן דעם עיקרדיקן רעזערוו פון דער קיבוצישער באַוועגונג און זיי זענען נישט זוכה צו קיין אָנערקענטן קיום און שטיצע אין די אויבנדערמאָנטע שולן. אין רעזולטאַט דערפון שטאַרקט זיך די געפאַר פון פאַרשטאָפּן די קוואַלן, פון וועלכע די חלוצישע שטרעמונגען האָבן געשעפּט זייערע רעזערוון.

— די מערהייט אין דער דאָזיקער רעגירונג ווייזט אַרויס אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן פרעמדקייט צו די פאָדערונגען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און די פאַרפליכטונגען פון די גרונט־ליניעס, גלייכמעסיק און יושרדיק אַרויפצולייגן די לאַסט אויף פאַרשידענע שיכטן און קלאַסן. די מערהייט האָט נישט אויפגעהערט זוכן רפואה׳ס פאַר עקאָנאָמישע און פינאַנסיעלע שוועריקייטן פון דער רעגירונג און ווירטשאַפט פון לאַנד, דורך אַרויפלייגן אַן אומגערעכטע לאַסט אויף די פּלייצעס פון די מאַסן אַרבעטנדיקע. די דערפאַרונגען מיט פאַרגליווערן דעם לוין, די מאַניפּור־

לאַציִעס מיט די סובסידיעס, כדי אַרומצוגיין די לוין־העכערונג אין רעזולטאַט פונעם שטייגנדיקן אינדעקס, זענען אַ בילד פון דעם דאָזיקן טרויעריקן ספּעקטאַקל. אין די טעג פון „אתא״־שטרייק זענען מיר אויך געווען עדות פון אַ פּרווו מפקיר צו זיין די זיכערקייט פון די אַרבעטער אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער דורך קאַפּיטולירן צו די פאָדערונגען און טענדענצן פונעם אונטערנעמער צו אַ פרייער האַנט פאַר „ראַציאָנאַליזאַציע־קינדיקונגען״ פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן הינטער זיך צענטליקער יאָרן שווערע האַרעוואַניע. די דאָזיקע נסיונות פון די מפא״י־טוער און די זיי אונטערליגנדע ווירטשאַפטלעכע מיניסטעריומס צו לייזן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער מדינה אויפן חשבון פונעם לעבנס־ביוואָ און זיכערהייט־קיום פונעם אַרבעטער, האָבן אַרויפגעלייגט אַ שווערע לאַסט אויפן קיום פונעם שותפות צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען. די מכה פון אַרבעטלאָזיקייט און דחק־לוין, דער יקרות און לייכטע באַרייכערונג פון די לוויתנ׳ס פון מסחר, באַנק־וועזן און קאַרטעלן, אויך זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן אינעם חשבון. דאָס פאַרלייקענען זיך צום חלוצישן רעזשים און די לעבנסוויכטיקע באַדערפעני׳שן פון די מאַסן אַרבעטער גיט נאָך אַ שטויס צום דעפּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס פון די אַלט־איינגעזעסענע שיכטן און צו סאָציאַלער דעגראַדאַציע פון די נייע עולים; די דאָזיקע דעגראַדאַציע איז באַזונדערס בולט צווישן טיילן עליה פון די מזרח־עדות. אָפטמאָל זענען זיי די לעצטע צו סטאַבילן שיכון און די ערשטע צו כראָנישער אַרבעטלאָזיקייט.

— די דאָזיקע לויזקייט אין דער זיכערקייט פון מאַסן אַרבעטער אינעם קיום פון דער אַרבעט און די סאָציאַלע דעגראַדאַציע פון דער פאָלקס־אָרעמקייט, זענען אַ נישט־אַנטוישנדיקער קוואַל אויסגענוצט צו ווערן דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער רעאַקציע און דינען פאַר אַן אויסגעצייכנטן אָנהאַלט פאַר דעמאַגאָגישער העצע פון חרות פון איין זייט און מק״י — פון דער צווייטער זייט.

— די דעפּראָליטאַריזאַציע־דערשיינונגען פון אַלט־איינגעזעסענע אַרבעטער־שיכטן און די סאָציאַלע דעגראַדאַציע פון דער פאָלקס־אָרעמקייט פון דער נייער עליה, דאָס פאַרמערן זיך פון די פאַרמיטלונגס־פּרנסות און באַאַמטנטום, דער נישט־חלוצישער כאַראַקטער פון דער יוגנט־דערציונג און די פאַרלייקענונג צו די פאָדערונגען פון די חלוצישע באַוועגונגען, זענען באַזאַמען גורם צו אַ געפערלעכער אָפּשוואַכונג פון דער חלוצישער חוט־השידרה אינעם פּראָצעס פון קיבוץ־הגלויות.

— דאָס אָפּשוואַכן די חלוצישע חוט־השידרה אינעם פּראָצעס פון קיבוץ־הגלויות גיט אויך זיינע צייכנס אינעם כאַראַקטער פון דער התּ־

ישבות, אין דער מאָס פעסטקייט פון דער אַרבעטנדיקער התישבות און אין דער מאָס פון איר דעראָבערונגס־קראַפט.

מיטן אָפּשוואַכן די חלוצישע חוט־השידרה פאַרלירט די אַרבעטנדיקע התישבות איר זעלבשטענדיקן כאַראַקטער און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ התישבות, אינסטרוירט דורך אַדמיניסטראַטיווער אפּוטרופּסות. די דאָזיקע ביוראָקראַטישע דעגענערירונג פאַרטייערט אויף אַ זייער באַזאָרגעוודיקן אופן די אויסגאַבן צו פאַרפעסטיקן אַ התישבותישע איינהייט.

— דאָס אָפּשוואַכן דעם חלוצישן און קיבוצישן חוט־השידרה אין דער נייער התישבות שטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן דעם המשך פון דער גאַנצער התישבות און אונדזער מעגלעכקייט צו זיכערן אַ מינימאַלן לאַנדווירטשאַפטלעכן הינטערלאַנד פאַרן דריטן מיליאָן עולים, וועלכער קלאַפּט אין די טויערן פון לאַנד.

— די שווערע באַדינגונגען פאַר׳ן התישבות, וועלכע דערוואַרטן אונדז נאָכדעם ווי דער עיקר באָדן, ראוי צום באַאַרבעטן אָן באַגינסטיקונג און צוגאָבלעכע צוגרייטונג, איז שוין באַזעצט געוואָרן, און די נויטווענדיקייט צו ריכטן די קאָלאָניזאַציע־באַמיונגען אין די בערג און סטעפּן פון נגב, פאָדערן פון אונדז אַנטשלאָסן צוריקצוקערן דער נייער התישבות דעם חלוצישן רוקנביין, וואָס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין די ראַמען פונעם דריטן מיליאָן. ס׳איז נויטווענדיק אָפּצושטעלן די פאַרלייקענונג צו די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען און חלוצישער הכשרה אין די גלות־לענדער מצד דער מפא״י־אָנפירונג און אירע פאָרשטייער אין דער רעגירונג און הסתדרות. עס איז נויטווענדיק קאַטעגאָריש צו פאָדערן פון די דערציונג־ און התישבות־אינסטאַנצן תנאים צו ריכטן דעם בעסערן עלעמענט פון דער לערנדיקער און אַרבעטנדיקער יוגנט צו חלוציזם, צו האָרעפּאַשנער מי, צו לאַנדווירטשאַפט, צו דעראָבערן די וויסטענישן פון נגב און צו דער קיבוצישער באַוועגונג, וועלכע מאַרשירט בראש פון די דאָזיקע אַלע אויפגאַבן.

דער נישט־חלוצישער דערציונגס־סיסטעם, וואָס געוועלטיקט היינט אין די אַלגעמיינע דערציונגס־אַנשטאַלטן, דאָס פאַרנאַכלעסיקן די הכשרה פון חלוצישער יוגנט אין גלות און דאָס לענקען דעם עיקרדיקן טייל פון דער לערן־יוגנט צו ביוראָ־אַרבעט און פרייע פּראָפעסיעס, דאָס אָפּהאַלטן די מינימאַלע, נויטיקסטע נודזשעטן צו פעסטיקן די קיבוצישע ווירטשאַפט, צו שטאַרקן זיינע שוונג־קרעפטן און צו דערפילן זיכערהייט־אויפגאַבן — דאָס אַלץ לייגט אַרויף אויף דער פאַראַנענער קיבוצישער ווירטשאַפט אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט און פאַראָרעמט די וווקס־קוואַלן פון דער קיבוצישער באַוועגונג. מיט איין וואָרט, דער המשך פונעם פּראָצעס פון קיבוץ־הגלויות וועט געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגע־

צייכן, אויב ס׳וועט נישט פֿאַרזיכערט ווערן קיין חלוצישער חוט־השידרה, אויב עס וועט אים נישט געזיכערט ווערן אַ פֿעלזנפֿעסטער און איינגע־וואָרצלטער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער הינטערלאַנד, און אויב ס׳וועט נישט געשטאַרקט ווערן דער דעראָבערישער שווונגס־כּוח פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג. מיט דער גאַנצער וויכטיקייט פֿון דער שנעלער אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרשידענע פּראָדוקציע־צווייגן אין שטאָט און דאָרף, וועלכע העלפֿן צו אַ פּראָדוקטיוון אויפֿנעם פֿון די עולים, זעט מפּ״ם די אַנטשיידנדיקע ריינג אינעם זיכערן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן הינטערלאַנד פֿאַרן דריטן מיליאָן, וואָס וועט דאַרפֿן אַבסאָרבירט ווערן. אויף מפּ״ם ליגט די אויפֿגאַבע צו אַלאַרמירן קעגן דער דאָזיקער געפֿאַר און קעמפֿן פֿאַרן צוריקשטעלן דעם חלוצישן רעזשים אַלס הויפּט־פּרינציפּ אין די גרונט־ליניעס, וועלכע זענען פֿאַרלייגט געוואָרן ביים גרינדן די איצטיקע קאָאַליציע;

— פֿאַרן אומגעשטערטן המשך פֿונעם פּראָצעס פֿון קיבוץ־הגלויות באַשטימט אויך די פּאָליטיק פֿון טאָן גערעכטיקייט כּלפּי דער אַראַבישער מינדערהייט אין אונדזער מדינה. מיר דאַרפֿן אָנווייזן דערויף, אַז ביז איצט זענען נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן די התחיבֿותן פֿון די גרונט־ליניעס צו טאָן גערעכטיקייט דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און איר זיכערן בירגערלעכע, ווירטשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. מיר פֿאָדערן די אַבסאָלוטע אָפּשאַפֿונג פֿון דער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג. טראָץ די פֿאַרפּליכטונגען אין די גרונט־ליניעס, זענען אַפֿילו נישט פֿאַרלייכטערט געוואָרן די האַרבקייטן פֿון דער דאָזיקער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג. די אַראַבישע מינדערהייט האַלט מען נאָך אַלץ אין באַדינגונגען פֿון צווייטראַנגיקער בירגערשאַפֿט, וואָס טרעפֿט אין זייערע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע געפֿילן פֿון די אַלע וועלכע געהערן צו דער דאָזיקער מינדערהייט. אַזאַ באַציִונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט דינט אַלס ערנסטע שטרויכלונג אויפֿצושטעלן אַ בריק צו די אַראַבער פֿון די שכנותדיקע לענדער, צו פֿאַרקלענערן די שפּאַנונג און צוגרייטן באַדינגונגען צו פֿאַרהאַנדלונגען איבער אַ פֿעסטן שלום צווישן ישראל און די שכנותדיקע לענדער. די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק אין באַצוג צו דער אַראַבישער מינדערהייט, אַדורכגעפֿירט טראָץ דער פֿעסטער לאָיאַליטעט, וועלכע ס׳האָבן דעמאָנסטרירט די אַראַבישע מדינה־בירגער כּלפּי ישׂראל און איר זיכערהייט במשך אַלע יאָרן פֿון איר קיום, דינט אַלס פֿרוכטבאַרער באָדן צו שטאַרקן יאוש־שטימונגען און אירידענטע און העלפֿט דער מק״יסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע פּרוּווט אויסגראָבן תהומען צווישןביידע פֿעלקער;

— די פֿאַרלייקענונג צו די געבאָטן פֿון פֿעלקער־פֿאַרברידערונג

און די הערשנדיקע אַקטיוויסטישע ליניע אויפֿן זיכערהייט־געביט, האָבן געגעבן זייער צושטייער, כדי פֿאַרטיפֿן דעם תהום, וועלכער איז אַזוי אויך גרויס צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. אויסצוברייטערן און פֿאַרטיפֿן די דאָזיקע אָפּגרונטן פֿלייסן זיך במילא צו טאָן אַזעלכע פֿאַקטאָרן ווי די אַראַבישע רעאַקציע, מק״י און די טייל־און־הערש־פּאָליטיק פֿון די גרויסמאַכטן, וועלכע ראַנגלען זיך איבער דער העגעמאָניע פֿון ראַיאָן. אויף מפּ״ם ליגט דער חוב צו קעמפֿן איבערהויפּט דער רעגירונג און אויסער איר וועגן אַ ווענדפּונקט לטובת אַ פּאָליטיק פֿון אַנטשפּאַנונג, פֿון שטרעבן צו שלום, פֿון פֿעלקער־פֿאַרברידערונג, פֿון אומאָפּהענגיקייט און נייטראַליטעט.

כ׳האָב אויסגערעכנט דערגרייכונגען און דורכפֿאַלן פֿון דער רעגירונג, די האָפֿענונגען וועלכע מיר האָבן אויף איר אַרויפֿגעלייגט און די אַדורכגעלעבטע אַנטוישונגען אַלס שותּפֿים אין דער דאָזיקער קאָאַליציע. די פֿאַרשידענע פֿאָדערונגען און פֿאַרלאַנגען, וועלכע כ׳האָב אויסגערעכנט, מערער ווי זיי זענען געווענדעט צו דער רעגירונג, זענען זיי געריכטעט אויפֿן אַדרעס פֿון דער הסתּדרות און דער פּראָגרעסיווער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון אונדזער לאַנד. אָבער דער עיקר שטיצן זיך די דאָזיקע פֿאָדערונגען אונדזערע אויף די פֿאַרפּליכטונגען, אַריינגענומענע אין די גרונט־ליניעס פֿון דער רעגירונג. אין אַ גרויסער מאָס אַנטשפּרעכן די דאָזיקע פֿאָדערונגען אַפֿילו די פּונקטן אין דער פּלאַטפֿאָרם פֿון אַלע דריי ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. עס זענען טאַקע פֿאַראַן פֿאָדערונגען און לאָזונגען, וועלכע בילדן די ספּעציפֿישע שליחות פֿון מפּ״ם צווישן פֿאָלק און קלאַס. מיר דאַרפֿן גוט וויסן ווי אונטערצושיידן צווישן די פֿאָדערונגען געווענדעטע צו דער קאָאַליציע און די אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע שטייען בראש פֿון דער קאָאַליציע און צווישן די פֿאָדערונגען, וועלכע מיר דאַרפֿן זיך שטעלן אַלס רעוואָלוציאָנערע אַלטערנאַטיווע צווישן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד. קיין שום פּאַרטיי אָדער ריכטונג וועלן אין דער דאָזיקער שעה נישט דערפֿילן די ספּעציפֿישע שליחות, וועלכע ליגט, צ.ב. אויף אונדז, אינעם פֿאַרטיפֿן די פֿעלקער־פֿאַרברידערונג אָדער פֿאַרטיפֿן די פֿאַרבונדנקייט צו די כּוחות פֿונעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין דער וועלט.

פֿון דער דאָזיקער רעגירונג און פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע שטייען בראש, האָפֿט דער רוב וויילער צו דער כּנסת פֿאַר דער בעסטער דערפֿילונג פֿון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַספּיראַציעס. דער רוב וויילער צו דער כּנסת ישׂראל האָט געשענקט זיין צוטרוי די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען און אונדזער געמיינזאַמער פֿאַרפּליכטיקונג אויפֿצושטעלן אַ חלוציש־פּראָגרעסיוון רעזשים מיט אַן אַרבעטער־העגעמאָניע

אין שפיץ. הגם די דאזיקע רעגירונג איז בעסער פון דער פאריקער און הגם זי האט פארסירט דעם בוי פון לאנד און אונדז געשטויסן פארויס אין די שטחים, וועלכע כ'האב אויסגערעכנט, טארן מיר אבער נישט פארזען דעם פאקט, אז זי האט נישט פארווירקלעכט די עיקרדיקע התחיבותן, אריינגענומענע אין דער פלאטפארם. זי האט נישט מקיים געווען דעם חלוצישן רעזשים און נישט פארזיכערט א חלוצישן חוט־השידרה אינעם פראצעס פון קיבוץ־גלויות. זי האט נישט באשיצט די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע שיכטן אין שטאט און דארף, א פארטיידיקונג, וואס זאל ראוי זיין דער דאזיקער באצייכענונג. זי האט זיך נישט געפלייסט איינצופירן א רעזשים פון סאציאלן יושר, אומדיסקרימינאציע פון עדות און ראסן־גלייכבארעכטיקונג, און זי האט פארטיפט אונדזער אפהענגיקייט אינעם מערב און אונדזער אייב־זאמקייט צווישן די פעלקער פון אזיע.

אויף מפ"ם, ווי א ציוניסטישע ארבעטער־פארטיי, ליגט די פליכט אן אפהאלט צו שטרעבן פארפעסטיקן די ארבעטער־העגעמאניע, צו זיכערן די גערעכטע ארבעטער־אינטערעסן פון די מאסן ארבעטנדיקע און שטארקן די חלוצישע חוט־השידרה אינעם פראצעס פון קיבוץ־הגלויות. אויף צו פארווירקלעכן די אויבנדערמאנטע צילן, ווי ארבעטער־העגעמאניע, חלוצישער רעזשים און סאציאלע גערעכטיקייט, האבן מיר איינגעהאלטן די דאזיקע שותפות. בלויז די פארווירקלעכונג פון די אויבנדערמאנטע אויפגאבן גיט די ציוניסטישע ארבעטער־פארטייען די פולע רעכט צו שטעלן זיך בראש פונעם פאלק און בראש פון דער מאכט אין דער מדינה.

די ספעציפישע שליחות פון מפ"ם ווי א סאציאליסטיש־רעוואלוציא־נערע פארטיי, בארעכטיקט איר קיום אלס היסטארישע אלטערנאטיווע צווישן ארבעטער־קלאס. אונדזער טריישאפט צום חלוצישן ציוניזם, אונדזער עקשנותדיקע באהאפטנקייט צום קלאסן־געראנגל פונעם ארבע־טער, אונדזער אומאויפהערלעכע שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט און נייטראליטעט פון אונדזער מדינה, אונדזער געראנגל פאר איינשטעלן פעלקער־פארברידערונג צווישן דעם יידישן און אראבישן פאלק אין די גרענעצן פון מדינת ישראל און אין די באציונגען צווישן אונדזער מדינה און די שכנותדיקע מדינות, אונדזער שטרעבן צו ארבעטער־מאכט און צו פארווירקלעכן דעם סאציאליזם, דאס עקשנותדיקע פלעגן אונדזער פארבינדענקייט צו דער מחנה פון זיך פארווירקלעכנדיקן סאציאליזם אין דער וועלט, אונדזער ספעציפישער צושטייער צו דער אנטוויקלונג פון דער קיבוצישער און הסתדרותישער ווירטשאפט — דאס זענען די יסודות, וועלכע באשטימען אונדזער ספעציפישע שליחות צווישן פאלק

און דער ארבעטער־באוועגונג. מיר וועלן שטרעבן צו דער פולער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייונג פון אונדזער פאלק אין א גאנץ ארץ־ישראל, ביים פלעגן צוזאמענארבעט און קאנסאלידאציע מיט די איבעריקע ארבעטער־פארטייען. א׳נדזער היסטארישע שליחות אלס אל־טערנאטיווע צווישן ארבעטער־קלאס וועלן מיר גרייט זיין צו דערפילן אויך דורך א שותפות מיט אנדערע ארבעטער־פארטייען און אויך אן אזא שותפות. ווי א רעוואלוציאנער־חלוצישע פארטיי וועלן מיר גיין צו אונדזער ציל מיט אונדזער לאנגן וועג מיט און אן שותפים, הגם מעכטיק איז אונדזער ווילן אנצוהאלטן אויף דעם דאזיקן וועג־אפשניט אן ענגן בונד מיט די איבעריקע ציוניסטישע ארבעטער־פארטייען.

אונדזער געראנגל אויף דעם וועג־אפשניט בילדעט דאס צענטראלע פראבלעם, וואס שטייט צו באהאנדלען אויפן דריטן צוזאמענפאר פון דער פאראייניקטער ארבעטער־פארטיי. כ׳האב אוועקגעשטעלט אונטער א גענויער און זאכלעכער אונטערזוכונג די דערגרייכונגען און דורכפאלן, דאס פאזיטיווע און נעגאטיווע, וועלכע רעזומירן זיך פון דער דערפארונג במשך דעם צוויי־יאריקן אנטייל אין דער דאזיקער רעגירונג־קאאליציע מיט די דריי ארבעטער־פארטייען אין צענטער. אויב ביז איצט איז אין א באזארגעוודיקער מאס פארנאכלעסיקט געווארן די רעאליזירונג פון אייניקע פון די עיקרדיקע גרונט־ליניעס אינעם פראגראם פון דער דאזיקער רעגירונג, הגם ס׳איז נישט איינגעהאלטן געווארן די גלייכ־ווערטיקייט צווישן די קאאליציע־שותפים און הגם מפ״ם האט נישט קיין סיבה צו זיין צופרידן פון איר פאזיציע אינערהאלב דער קאאליציע — האב איך פון דאן נישט געענדערט מיין מיינונג, אז מ׳דארף איינהאלטן די דאזיקע קאאליציע־שותפות ביז דער סאמע מעגלעכער גרענעץ צו קעמפן פארן ריכטיקן וועג אינערהאלב דער קאאליציע און נישט אויסער איר. אבער צוליב דער דאזיקער שותפות וועלן מיר נישט מפקיר זיין אונדזער זעלבשטענדיקע שליחות צווישן פאלק און קלאס. מיר וועלן אינערהאלב דער קאאליציע קעמפן אינגאנצן מקיים צו זיין די פארפליכ־טונגען, אריינגענומענע אין די גרונט־ליניעס. מיר וועלן קעמפן פארן קיום פון דער ארבעטער־סאלידאריטעט אין דער מדינה און אין דער הסתדרות, אבער וואס ס׳זאל נישט געשען און ביי וועלכע באדינגונגען מיר זאלן זיך נישט געפונען ערב געזעלשאפטלעכע אנטשיידונגען וואס פאר אונדז, דארפן מיר אלץ טאן, כדי פארטיפן אין דער עפנטלעכקייט דאס באַ־וווסטזיין, אז מפ״ם איז ביי אלע באדינגונגען טריי איר זעלבשטענדיקער שליחות צווישן פאלק און קלאס.